YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv03i48

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 3 Issue 48
November 1921

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 3, Iss. 48)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/68

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

ולא ארפה.
(איוב, כ״ז, 6).
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט [illegible].

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאָירקערס יוניאן

Vol. III. No. 48. New York, Friday, Nov. 25, 1921. פרייטאג, 25טער נאוועמבער, 1921. PRICE 3 CENTS

פראטעקטיוו אסס'ן גערופן צו פאראנטווארטליכקייט

די יוניאן וועט פאדערען דורכ'ן קאורט אן אינדזשאנקשאן קעגען די פראטעקטיוו אסס'ן. — מאקס ד. סטויער ווערט דער לאיער פאר דער אסס'ן פון די באסעס און עס גיט פאר א ווײלע א בלאז א שלום־ווינט. — אבער די אסס'ן וויל מלחמה ביז'ן סוף. — דאס צונויפטרעפען זיך פון מאקס סטויער און פרעזידענט שלעזינגער. — די מאסע סטרייקער נעמען אויף מיט באגייסטערונג די נייעס וועגען די נייע ענטוויקלונגען אין דעם גרויסען קאמף. — דער ענטוזיאזם וואס הערשט אויף די מאס־מיטינגען פון די סטרייקער. — סעמועל אונטערמייער שלאגט פאר זיין דינסט צו דער יוניאן גאנץ פרייוויליג.

דער אגרימענט אין טרייד מוז אויסלעבען זיין באשטימטע צייט — זאגט די יוניאן

די ערשטע וואך פון דעם גרויסען קלאוקמאכער קאמף איז אוועק שעהן און פיין, פונקט אזוי שעהן און פיין ווי ער האט זיך אנגעהויבען מאנטאג אין דערפריה דעם 14טען נאוועמבער. די בראווע סטרייקער פארברייננען זיך גאנץ געמיטליך אין זייערע נייער קווארטיר אין די סטרייק־האלס. זיי זיינען רוהיג און געלאסען מען זעהט ניט ביי קיינעם פון זיי די מינדעסטע נערוועזקייט, דעם מינדעסטען צווייפעל וועגען דעם אויסגאנג פון דעם איצטיגען צוזאמענשטויס מיט די באלעבאטים. אלע סטרייקער ווייסען גאנץ גוט, אז זיי שטעהען אין א פארטיידיגונגס־קאמף, אין וועלכען די פראטעקטיוו אסס'ן האט זיי איבערגעוואלד ארייגעצווינגען, און זיי זיינען גרייט העלדיש צו פארטיידיגען זייער רעכט אין שאפ, ווי לאנג דער סטרייק זאל ניט מוזען געדויערען. אלע סטרייקער ווייסען דאס די פראטעקטיוו אסס'ן, דורך איהר „אולטימאטום־אר־קאז", איבערגעוואלט ווידער איינצופיהרען שטיק־ארבייט מיט לאנגע שטונדען, איז אויסען געווען צוויי זאכען: פארניכטען די קלאוקמאכער יוניאן, און צוריק איינפיהרען דעם אמאליגען סוועט־שאפ, וואו זיי, די באלעבאטים, זיינען געווען די זעלבסט־הערשער און די ארבייטער האבען געמוזט גאנץ געהארכזאם זיך אונטערווארפען אלע באלעבאטישע קאפריזען. דאס ווייסען גאנץ גוט אלע סטרייקער, און זיי זאגען, ניין, דאס וועט קיין מאל ניט געשעהן!

און אין די סטרייק־האלס איז גאנץ רוהיג און געלאסען. די זיכערקייט, אז דער סטרייק מוז זיך ענדיגען מיט א זיעג פאר דער יוניאן און פאר די ארבייטער, ליגט גאנץ ברייטלאך אויסגעצווינגען ביי יעדען סטרייקער אויפ'ן פנים. זיי זיינען זיך באוואוסט, ווי גערעכט זיי זיינען, און זיי זיינען זיך אויך באוואוסט, ווי מעכטיג זיי זיינען, ווען זיי זיינען צווישען זיך אזוי וואונדערבאר פאראייניגט. און אלע זיינען זיי גרייט צו קעמפען און באשיצען זייער פעסטונג זייער מעכטיגע יוניאן, וועלכע האט שוין באוויזען ניט איין מאל צו פירען זיי אין קאמף און דורך קאמף צום זיעג!

אלזא, צו זאגען, אז דער גרויסער קאמף שטעהט אויסגעצייכענט, איז כמעט ווי גארנישט געזאגט. דער גרויסער פארטיידיגונגס־קאמף ווערט אנגעפיהרט פון דער ריזיקער דזשענעראל סטרייק קאמיטע, פונקט אזוי רוהיג, געלאסען און איבערלייגט, ווי עס פארהאלטען זיך די סטרייקער אין די האלס. די אלע באזונדערע אפטיילונגען פון דער ריזיגער מאשין, די מערקווירדיג גרויסע דזשענעראל סטרייק קאמיטע ארבייטען הארמאניש צוזאמען, און אלץ ווערט געמאכט רוהיג און רעגעלמעסיג. אויך דא איז ניט צו באמערקען אפילו א סמן פון אומרוהיגקייט, פון צווייפעל, פון אומזיכערקייט מיט'ן אויסגאנג פון דעם גרויסען קאמף, וועלכער האט אויסגערודערט דאס גאנצע לאנד. יעדע קאמיטע באזונדער טוט איהר ארבייט מיט דער רעגעלמעסיגקייט, ווי א שרייבפעל אין א גוט רעגולירטען זייגער וואס איז נאר צו באוואונדערן און עס ווערט טאקע פון אלעמען באוואונדערט און געלויבט.

און דער רעזולטאט איז, דאס די באלעבאטים זיינען שוין געשלאגען זייער שפיעל איז אויס, זיי ווייסען שוין גוט ביי זיך אין הארצען אז זיי האבען די שלאכט פארלארען, כאטש זיי ווילען נאך ניט אפען דאס צוגעבען. אייגענטליך האבען זיי דאס געוואוסט גלייך מאנטאג ווען די ריזיגע קלאוקמאכער ארמעע איז ארויס מיט אזא באגייסטערונג פון די קלאוק־שעפער. איצט אבער, אויף דער צווייטער וואך פון דעם סטרייק, ווייסען זיי עס נאך בעסער.

אפען זאגען זיי דאס ניט ארויס. מען קאן דאס אבער זעהן, פון דער לעצטער האנדלונג פון די פראטעקטיוו אסס'ן, איהר מאנעווער אנצושטעלען דעם באוואוסטען ארוואקאט מאקס ד. סטויער, אלס לאיער פון דער אסאסיאיישאן.

מר. סטויער איז ניט אריינגעקומען אין דער סיטואציע אין דער שטיל, דאס איז באלד באקאנט געווארען אין דער גאנצער פרעס. און מר. סטויער אליין האט באלד געפונען פאר נויטיג צו דערקלערען, אז ער איז אנגעקומען צו דער פראטעקטיוו ניט חס ושלום אלס „קריגס־מיניסטער", נאר פארקערט, אלס א מלאך פון שלום. דאס האט געמאכט דעם איינדרוק, אז די פראטעקטיוו אסס'ן האט שוין חרטה און וויל שלום. אויב ניט, צי וואס דארף זי מר. סטויער, וועלכער, ווי ער אליין זאגט, איז נאר פאר פרידען אין דער אינדוסטריע?

און אט דער שלום־ווינט האט נאך שטארקער א בלאז געטאן ווען אט דער מר. סטויער האט זיך צונויפגעטראפען מיט פרעזידענט שלעזינגער און גענומען

(שלוס אויף זייט 4).

א ווארט צו די סטרייקער וועגען פיקעטען

מאנכע סטרייקערס מיינען, דאס וויבאלד עס זיינען אין דעם סטרייק קיין סקעבס ניטא דארף מען די שעפער נישט פיקעטען.

דאס איז נישט ריכטיג. די שעפער מוזען ווערען געפיקעט אפילו ווען עס זיינען קיין סקעבס ניטא. עס איז גוט אז דער באס אליין זאל געפינען פיקעטס ארום זיין שאפ, ווען נאר ער קומט אן געהן. זאל אייך ניט ארען, וואס די פיקעטס ארום שאפ פאר'מיאוס'ען דעם באס דאס לעבען. פארפעהלט ניט צו טאן אייער פליכט און געהן אין פיקעט־ליין.

ברודער ה. וואנדער, דער טשערמאן פון דער פיקעט קאמיטע, מאכט גלייכצייטיג די פאלגענדע מעלדונגען צו די סטרייקערס:

1) אז מען זאל ניט אריינגעבען קיינע קאמפליינטס דורכ'ן טעלעפאן; זיי וועלען ניט אנגענומען ווערען.

2) אלע קאמפליינטס זאלען געמאכט ווערען אין ארלינגטאן האל, 23 סט. מארקס פל., 1טען פלאר, צו מ. לינד, וועלכער נעמט אויף קאמפליינטס.

3) צו מאכען קאמפליינטס, שיקט א קאמיטע פון א פאר סטרייקערס פון אייער שאפ, וועלכע זאלען דעם קאמפליינט אריינברענגען.

4) קאמפליינטס וועגען דזשאבערס אדער פארלייטע זאלען נאך דערוויל ניט אריינגעגעבען ווערען. די פיקעט קאמיטע וועט לאזען ווי־סען ווען אזוינע קאמפליינטס וועלען אויפגענומען ווערען.

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 48

זייט 2. די וואך. — נ. ב. — דער מיטינג פון דזש. ב. פון דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן. — מ. ק. מאסקאוו.
זייט 3. וועט אויך זיין א סטרייק אין קליוולאנד? — מ. פערעלשטיין. צוויי מיטינגען פון עקז. ב. פון לאקאל 25. — טש. דזשייקאבסאן.
זייט 4 און 5. פראטעקטיוו אסס'ן גערופען צו פאראנטווארטליכקייט.
זייט 6. שיקאגא'ער קלאוקמאכער גרייט צום קאמף. — מאריס זיסקינד. עדיוקיישאנאל נאטיצען.
זייט 7. „העמלאק" (ערצעהלונג). — וו. קלארק.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיצבוך.—
זייט 9. אין לאנד פון דער „דיקטאטור פון פראלעטאריאט". — בען אוינוסט.
זייט 10. ווער האט געשטימט פאר הייל[illegible]? — פיליפ קראנץ. קורץ און שארף. — י. ב. ג.
זייט 11. אין „קלירינג הויז" פונ'ם קלאוקמאכער קאמף. — נ. ב. לינדער. דער עקספערימענט (געדיכט). — נתום י.
זייט 12. עניניס פון דער אינטערנעשאנאל אין דער [illegible]
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. די האלס וואו די סטרייקער מיטינג[illegible]
זייט 15. [illegible]
זייט 16. די [illegible] פון [illegible] ארבייטער [illegible]

דזשענעראל סטרייק פון די פילאדעלפיער קלאוק־מאכער אפגעלייגט

קלאוקמאכער פון שיקאגא איינשטימיג פאר א גענעראל סטרייק

אונזערע קלאוקמאכער פון שיקאגא האבען באוויזען, אז זיי שטעהען אויף דערזעלבער הויך, ווי זייערע שוועסטער און ברידער פון ניו יארק, מאנטרעאל, פילאדעלפיא און די אנדערע שטעדט. דער רעזולטאט פון דער רעפערענדום אפשטימונג איז אן איינשטימיגער וואוט פאר א גענעראל־סטרייק!

אלזא, די קלאוק מאכער יוניאן פון שיקאגא, האט שוין דעם מאנדאט פון דער מיטגלידערשאפט צו געהן אין קאמף מיט די באלעבאטים, און די יוניאן האט זיך גענומען פלייסיג פארברייטען צום קאמף, ווי די קלאוקמאכער יוניאנס פון די אנדערע שטעדט, וואו די באלעבאטים האבען געמאכט אן אנגריף אויף דער יוניאן.

* * *

פון פילאדעלפיא שרייבט מען אונז: דער דזשענעראל סטרייק פון די פי־

(שלוס אויף זייט 16).

אן ערקלערונג.

אויף אייניגע אנפראגען ווילען מיר דא ערקלערען, דאס ש. יאנאווסקי, דער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט" האט צוליב א פארקיהלונג לעצטע וואך ניט געקאנט ריידען אויף די מיטינגען אין די סטרייק האלס. ער וועט עס טאן אזוי גיך ווי די געזונדהייט וואס איז איהם בעפאלען וועט לאזען און ער וועט ערהאלען א ביסעל בעסער.

אויך די דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן בונטעוועט זיך

אויך די דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן פון ניו יארק האט זיך צובונטעוועט און וויל „נייע רעפארמען". די „רעפארמען" זיינען אזעלכע פאדערונגען, וואס דער ווייסט און דרעס דזשאינט באארד וועט זיי קיין מאל נישט נאכגעבען און מען קאן אויך דא ערווארטען טראבעל.

לעצטע וואך איז פארגעקומען א קאנפערענץ צווישען פארטרעטער פון דער יוניאן און פון דער דרעס־מאנופעקטשורערס אסס'ן. די יוניאן איז געווען פארטראטען דורך סעקרעטערי אב. בארא? פון דער אינטערנעשאנאל און די ברידער האכמאן, הארקאוויץ, שעהנהאלץ, דזשייקאבסאן, שיינקער, שעכטער און נאך אייניגע אנדערע — פאר דעם דזשאינט באארד אין דער ווייסט און דרעס אינדוסטריע.

אויף דעם קאנפערענץ האט די דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן ארויסגעשטעלט

(שלוס אויף זייט 8).

דזשענעראל סטרייק פון קלאוקמאכער אין מאנטרעאל

ערב סטרייק אין פילאדעלפיא און שיקאגא. — 2,452 קלאוקמאכער פון פילאדעלפיא שטימען פאר א סטרייק און 157 געגען. — קלאוקמאכער פון שיקאגא שטימען דעם רעפערענדום דעם דאנערשטאג, פרייטאג און שבת, דעם 17טען, 18טען און 19טען נאוועמבער.

ווי עס שיינט, וועלען מיר באלד האבען גענעראל-סטרייקס פון קלאוקמאכער איבער'ן גאנצען לאנד און קענעדע.

אין פילאדעלפיע און אין שיקאגא איז עס ערב סטרייק. אין פילאדעלפיא איז שוין דעם מאנטאג און דינסטאג פארגעקומען א רעפערענדום "אפשטימונג צי מען זאל רופען א סטרייק פון די קלאוקמאכער פון פילאדעלפיא און זיי האבען געשטימט ווי זייערע ברידער און שוועסטער פון ניו יארק האבען געשטימט.

בעת מיר געהען צום פרעס, האבען מיר באקומען א טעלעגראמע, מיט'ן רעזולטאט פון דער רעפערענדום אפשטימונג און די ציפער ריידען פאר זיך אליין. 2,452 מיטגלידער האבען געשטימט פאר א סטרייק און בלויז 157 מיטגלידער האבען געשטימט געגען.

אלזא, די קלאוקמאכער יוניאן פון פילאדעלפיא האט שוין איצט דעם מאנדאט פון דער מיטגלידערשאפט צו רופען א סטרייק אויך די באלעבאטים וועלען ניט צוריקציהען זייערע פאדערונגען און דער סטרייק וועט העכסט ווארשיינליך גערופען ווערען, דעם מאנטאג, דעם 21טען נאוועמבער, דער טאג ווען די קלאוק מאנופעקטשורערס פון פילאדעלפיא וועלען מאכען א פארזוך ווידער איינצופיהרען שטיק-ארבייט, "און א לענגערע ארבייטס-וואך.

דאס זעלביגע וועט באלד אויך זיין אין שיקאגא.

אויך די קלאוק מאנופעקטשורערס פון שיקאגא האבען ארויסגעשטעלט צו דער יוניאן די באוואוסטע פאדערונגען, און די יוניאן האט אויפגעפאדערט די מיטגלידער צו זאגען זייער מיינונג אין דער פראגע דורך א רעפערענדום אפשטימונג. דער רעפערענדום אפשטימונג קומט דארט פאר דעם דאנערשטאג, פרייטאג און שבת, דעם 16טען 17טען און 18טען נאוועמבער, און מען קאן זיכער ערווארטען, דאס די אפשטימונג וועט זיין אזוי ווי עס איז געווען אין מאנטרעאל, אין ניו יארק און פילאדעלפיא.

גרויס אומרוהיגקייט הערשט אויך אין קליוולאנד, וואו עס קומען פאר קאנפערענצען צווישען די קלאוקמאכער יוניאן און די מאנופעקטשורערס אסס'ן.

די קלאוקמאכער פון מאנטרעאל, קענעדע, זיינען שוין אין סטרייק זייט פארגאנגענע מיטוואך. די באסעס דארטען האבען געשטעלט די ארבייטער די זעלבע פאדערונגען ווי די היגע קלאוק-באסעס און די יוניאן האט געענטפערט מיט א גענעראל-סטרייק.

אט איז דער אפיציעלער סטרייק-רוף וואס די קלאוקמאכער יוניאן פון מאנטרעאל האט ארויסגעלאזען:

„דזשענעראל סטרייק אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע ערקלעהרט.

צו אלע מענער און פרויען, וואס ארבייטען אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע!

ברידער און שוועסטער!

היינט, מיטוואך-דעם 9טען נאוועמבער, איז דער טאג, וואס מיר האבען אויסגעקליבען אויסצודריקען אין דער שארפסטער פארמע, וואס ארבייטער קענען אנווענדען, אונזער פראטעסט געגען די פארזוכען פון די מאנופעקטשורערס: ווידער איינפירען שטיק-ארבייט, לענגערע שטונדען און ארונטערצורייסען פון די ווייזשעס.

צו לאנג האבען מיר געקעמפט פאר דיזע רעפארמען, צו פיעל האט עס אונז געקאסט, אום מיר זאלען עס אזוי לייכט אוועקשיינקען. צו פיעל איז דאס פארבונדען מיט אונזער עקזיסטענץ, מיט דעם גליק פון אונזערע פאמיליען.

היינט, מיטוואך, 10 אזייגער אינדערפריה, איז די צייט, ווען אלע ארבייטער פון דיזער אינדוסטריע, אהן אונטערשיד פון נאציאן אדער רעליגיאן, צי ער איז א מעמבער פון דער יוניאן, צי ער וועט ערשט ווערען, וועט פארלאזען זיין נעהמשין, פרעס-אייזען, שעהר און נאדעל, און ווי איין מאן, וועט רוהיג, אהן ריעש, אהן געפילדער, אבער שטאלץ און מוטיג מארשירען צום גרויסען פרינץ ארטור האל, 37 פרינץ ארטור סטריט, איסט, וואו א מאססמיטינג וועט געהאלטען ווערען.

היינט 10 אזייגער אין דער פריה פאנגט זיך אן א דזשענעראל סטרייק, און וועט מוטיג אנגעפירט ווערען ביז מיר וועלען אונזערע גערעכטע פאדערונגען געווינען, ביז די בעלי-בתים וועלען איינזעהן, אז מען קען ניט פיהרען אן אינדוסטרי אהן דער בעראטונג פון די ארבייטער פון דיזער אינדוסטרי.

ברידער און שוועסטער!

עס איז דער ערשטער מאל אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאן, ווען מיר זיינען געצוואונגען ארויסצורופען א סטרייק — ניט פאר נייע רעפארמען, ניט פאר העכערע ווייזשעס און ניט פאר קירצערע שטונדען,

אונזערע פאדערונגען זיינען איינפאכע און גערעכטע. מיר ווילען, אז דאס, וואס מיר האבען אזוי שווער באקומען, זאל פון אונז ניט אוועקגענומען ווערען. מיר פאדערען אויף ווייטער די פאלשטענדיגע אנערקענונג פון דער יוניאן, ווייל אהן דעם קען קיין שלום אין דער אינדוסטרי ניט זיין, די ארבייטער מוזען אויך האבען א דעה.

מיר פאדערען, אז די 44 שטונדיגע וואך זאל פארטגעזעצט ווערען, ווייל אפילו מיט דעם האבען מיר ניט מעהר ווי 6 מאנאטען אין יאהר ארבייט.

מיר פאדערען וואך-ארבייט, ווייל שטיק-ארבייט האט זיך ארויסגעצייגט אלס צושטערער פון אונזערע לעבענס און ערנידעריגט אונזער מענשליכע ווירדע.

מיר פאדערען די זעלבע ווייזשעס, ווייל אפילו מיט זיי פארדינט מען ניט גענוג אויף מאכען אן אנשטענדיגען לעבען.

מיר פאדערען גלייכע צוטיילונג פון ארבייט אין צייט פון סלעק, ווייל פון דעם הענגט אפ דער עקזיסטענץ פון די מעהרסטע ארבייטער און זייערע פאמיליען.

מיר פאדערען, אז קיין שום ארבייטער זאל ניט געסעקט ווערען אהן א גענוגענדער אורזאכע, און איידער מען מאכט אן אונטערזוכונג. מיר ווילען ניט, אז בעלי-בתים זאלען זיך ווארפען מיט אונז, ווי מיט פילקעס.

ברידער און שוועסטער!

זייט מוטיג! זייט בראוו! מיר קענען אונזער גערעכטען קאמף ניט פארלירען! מוטיג צו דער ארבייט! יעדער אויף זיין פאסטען! ביז איין מאן פארלאזט די שעפער! האלט זיך אייניג! — און די בעלי-בתים וועלען אונזערע גערעכטע פאדערונגען אנערקענען!

די דזשאינט באארד
א. ל. ג. ו. יוניאן.

ערקלעהרונג פון עקזעקוטיוו באארד לאקאל 1

נעהמענדיג אין אנבאטראכט דאס א פאסקוויל, וועלכער אגיטירט פאר-שטיק ארבייט, אונטער א מאנטעל פון רעוואלוציע איז לעצטענס פארשפרייט געווארען אין די שעפער, ווי אויך געשיקט געווארען צו מאנכע טשערלייט דורך די פאסט, און

נעהמענדיג אויך אין אנבאטראכט, דאס אייניגע מענשען, וואס זיינען פאראינטערעסירט צו דיסקרעדיטירען די עקזעקוטיוו באארד, ווי אויך די ארגאניזיישאן קאמיטע פון לאקאל 1, האבען ארויסגעלאזט א קלאנג, אז די ארגאניזיישאן קאמיטע מיט דעם צושטימונג פון דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 1 האבען אן אנטייל גענומען אין דער פארפאסונג פון דיזען פאסקוויל;

זיי עס באשלאסען ביי א ספעשעל מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד שבת דעם 12טען נאוועמבער, 1921, דאס אן ערקלערונג זאל געשיקט ווערען אין דער פרעסע, דאס לאקאל 1 האט קיין אנטייל אין דעם אויבענדערמאנטען פאסקוויל.

אין נעגענטייל, מיר באטראכטען דאס פאר א פראוואקאציע, און זיינען איבערצייגט, אז די פארפאסער פון דיזען ליפלעט האבען קיין אנדער אבזיכט, ווי צו שעדיגען די יוניאן.

מיר ערקלערען אויך, אז מיר זיינען פארטיג און וועלען שטעהן אין די פאדערשטע רייהען אין דעם יעצטיגען קאמף מיט די בעלי-בתים פאר דער עקזיסטענץ פון דער יוניאן, ווי אויך פאר וואך-ארבייט, און מאכט ניט אויס ווי לאנג עס וועט אונז אויסקומען צו קעמפען, וועלען מיר שטעהן ביז דעם ענדליכען זיעג.

עקזעק. באארד פון לאקאל 1
א. ל. ג. וו. י.
ל. הארקאוויטש,
טשערמאן ארג. קאמ.
ס. שעלי,
סעקרעטער ארג. קאמ.
ב. קאפלאן,
טשערמאן לאקאל 1.
ב. שעהן,
מענעדזשער-סעקרעטער.

„אמאלגאמייטעד" גיט איהר פרעזידענט א הארציגען קבלת פנים

א גרויסע צאהל מיטגלידער פון די „אמאלגאמייטעד" האט לעצטען זונטאג ביי-טאג געגעבען א הארציגען קבלת פנים סידני הילמאן, דעם פרעזידענט פון דער אמאלגאמייטעד קלאדינג ווארקערס יוניאן, וועלכער האט זיך מיט א צוויי וואכען צוריק צוריקגעקערט פון סאוועט רוסלאנד. עס איז ארגאנזשירט געווארען א פארזאמלונג אין מאנהעטען אפערא הויז און טויזענטער מענער-שניידער זיינען געקומען אויפנעהמען זייער פרעזידענט און הערען א גערוס פון סאוועט-רוסלאנד.

גענ. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס", וועלכער האט געזאלט זיין איינער פון די רעדנער צו באגריסען הילמאן'ען, האט ניט געקענט קומען צוליעב א פארקיהלונג. ער האט צוגעשיקט א באגריסונגס-טעלעגראמע, אין וועלכער ער גיט הילמאן'ען א ברידערליכען שלום-עליכם.

א טעלעגראמע איז אויך פארגעלעזען געווארען פון גענאסע אב. שיפלאקאף, וועלכער איז איינער פון די פיהרער פון דער אמאלגאמייטעד, אבער איז קראנק און געפינט זיך אין האספיטאל.

רעדעס זיינען ביים מיטינג געהאלטען געווארען פון ב. וולאדעק, יוסף שלאסבערג און אנדערע. וולאדעק האט אין זיין רעדע אנגעוויזען אויף דער קולטור-פארשידענארטיגקייט אין רוסלאנד און אמעריקא. אין רוסלאנד איז א קולטור פון אידעאליזם, האט ער געזאגט, און אין אמעריקא איז א קולטור פון אינדוסטריע. צוזאמענברייינגען ביידע קולטורען דארף זיין אלעמענס אויפגאבע.

יוסף שלאסבערג איז געוועזן דער טשערמאן.

פרעזידענט הילמאן, דער גאסט אליין, האט אויף דער פארזאמלונג געקראגען גרויסע אוואציעס.

עס איז אויך געווען א קאנצערט. דער טעאטער איז אין גאנצען געווען אויסגעפוצט מיט אמאלגאמייטעד פאהנען און גרויסע קראנצען בלומען, געשיקט פון שניידער-שעפער.

העדקוואדערס פון קאמיטעס און אינפארמיישאן-פלעצער פאר סטרייקערס.

פרעס קאמיטע — אינטערנעשאנאל אפיס, 31 יוניאן סקווער, ב. שלעזינגער, טשערמאן.

סעטעלמענט קאמיטע — קאנטינענטאל האטעל, בראדוויי און 41טע סטריט. י. פיינבערג, טשערמאן.

האלל קאמיטע — אין אפיס פון די פרעסערס, 14טע סטריט און 2טע עוועניו. דזש. ברעסלאו, טשערמאן.

ארגאניזאציאנס קאמיטע — בעטהאווען האל, 210 א. 5טע סטריט. סאול מעטץ, טשערמאן.

פיקעט קאמיטע — ארלינגטאן האל, 23 סט. מארקס פל. ת. וואנדער, טשערמאן.

אוט אוו טאון קאמיטע — דזשוינט באארד אפיס, 40 א. 23טע סטריט. לואיס לאנגער, טשערמאן.

ניו דזשוירזי קאמיטע — דזשוינט באארד אפיס. לואיס פינקאווסקי, טשערמאן.

רעדנער קאמיטע — ריפער מייקערס אפיס, 144 צווייטע עוועניו. דזש. העלער, טשערמאן.

פינאנץ און רעליף קאמיטעס — דזשוינט באארד אפיס. ב. שעין און ת. פערלמוטער, טשערלייט.

אינפארמיישאן ביורא — דזשוינט באארד אפיס. ת. סלוצקי, טשערמאן.

דעם פרייטאג אווענט ווערט געפייערט די ערעפענונג פון אינטערנעשאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט

(שלוס פון זייט 1).

עס וועט ערקלערט ווערען דער פראגראם פון דעם נעקסטען עדיוקיישאנאל סיזאן און עס וועלען אויסגעטיילט ווערען ליפלעטס מיט באשרייבונגען פון די אלע קורסען און לעקטשורס פון די יוניטי סענטערס. די מיטגלידער וועלכע ווילען זיך איינשרייבען אין די קורסען וועלען עס דארטען קאנען טאן.

די מיטגלידער פון די עדיוקיישאנאל קאמיטע פון אונזערע לאקאלס וועלען זיין די „אשערס".

די אלע וואס האבען טיקעטס דארפען קומען אין צייט. ביז 8 א זייגער וועלען זייערע סיטס זיין רעזערווד. נאך 8 א זייגער וועט מען אריינלאזען ווער עס וועט קומען, צו מיט טיקעטס צי אהן טיקעטס. זייט אין צייט צו באקומען אייער סיט.

אונזער נייעסטער יוניטי סענטער.

לעצטען מאנטאג האט זיך געעפענט אונזער נייעסטער יוניטי סענטער, דער אכטער אין צאהל. דער סענטער געפינט זיך אין בושוויק עוועניו און מעקיבען סט., ברוקלין. זאלען אונזערע מיטגלידער, וואס וואוינען אין דעם געגענד, ניט פארפעהלען זיך איינצושרייבען אין דעם יוניטי סענטער.

דערווייל איז דארט געעפענט געווארען א קלאס אין ענגליש. שפעטער-צו וועט דארט געעפענט ווערען א קלאס איבער די געשיכטע פון דער אינדוסטריע און פון טרייד-יוניאניזם אין אמעריקא און נאך אנדערע קורסען.

אונזערע מיטגלידער, וואס וואוינען אין ברוקלין, ווערען איינגעלאדען זיך איינצושרייבען אין דעם סענטער דעם מאנטאג אווענט, ווען עס פאנגט זיך אן די צווייטע וואך. איהר קאנט זיך איינשרייבען פאר איין קורס אדער פאר מעהרערע קורסען. פרעגט זיך נאך וועגען דעם אין אייער לאקאל יוניאן.

די קורסען אין אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט פאנגען זיך אן דעם 26טען נאוועמבער.

שבת, 1 אוהר בייטאג, דעם 26טען נאוועמבער, פאנגען זיך אן די קורסען אין אונזער ארבייטער אוניווערזיטעט, אין וואשינגטאן אירווינג היי-סקול, אירווינג פלייס און 16טע סטריט, ניו יארק. דעם מאל ווערט ערווארט, דאס אין די קלאסען זאל קומען א גרעסערע צאהל מיטגלידער, ווי ביז יעצט. די קורסען זיינען זעהר אינטערעסאנטע.

די געגענשטאנדען, וואס מען וועט דארטען לערנען, וועלען זיין גאנץ פארשידענארטיג: טרייד-יוניאניזם, עקאנאמיקס, פסיכאלאגיע, געשיכטע און ליטעראטור. די מיטגלידער קאנען אויסקלייבען וואס עס אפעלירט צו זיי אמבעסטען און זיך אנשליסען צו וועלכע קלאס זיי ווילען.

מיר ערווארטען, אז דער סיזאן זאל זיין דער ערפאלגרייכסטער. זאלען אלע די וואס ווילען זיך אנשליסען, דאס גלייך טאן. דאס וואלט אונז א סך מיטגעהאלפען. ווען מיר ווייסען אפריהער וויפיל סטודענטען עס וועלען זיין אין די קלאסען, קאנען מיר די קורסען בעסער ארראנזשירען. דאס וואלט אויך געווען באקוועמער פאר די סטודענטען, זיי וועלען פארשפארען שפעטער שטעהן אין ליין און פארלירען צייט.

יעדער סטודענט דארף האבען א רעדזשיסטריישאן קארד. דיזע קארטען קאן מען שוין באקומען אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 31 יוניאן סקווער, רום 1003.

קלוגע ווירטהינס
האלטען אימער אין הויז א באקס
עקס-לאקס!
דאס רעגולירט די מאגענס פון דער גאנצער פאמיליע
און פארשפארט זיי דאקטאר בילס.
10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

וועט זיין א סטרייק אין קליוולאנד?

פון מ. פערלשטיין

וועט אויך זיין א סטרייק אין קליוו־לאנד? — איז די פראגע, וואס ליגט אויף די ליפען פון די קליוולענדער קלאוקמא־כער. וועלען מיר אויך זיין געצוואונגען צו סטרייקען אין קליוולאנד? — איז געווען די פראגע, וואס איז געפרעגט גע־ווארען אויף דעם אויסערגעוועהנליכען גרויסען מאס־מיטינג, וואס איז דא לעצ־טענס אפגעהאלטען געווארען.

צו געבען א קלארען ענטפער אויף דיזער פראגע אין דעם יעצטיגען מאמענט איז כמעט אונמעגליך. דער אגרימענט, וואס מיר האבען מיט די היגע מאנופעק־טשורערס, ענדיגט זיך ערשט דעם 31טען דעצעמבער, און ביז דאן קען נאך פאר־שיידענעס פאסירען.

ווי די לאגע איז יעצט, צייגט עס, דאס מיר שטעהען אויף דעם שוועל פון א סטרייק, און ווען א סטרייק זאל דא אויסברעכען, קען מען ערווארטען, אז דער סטרייק זאל זיין א גאנץ ביטערער אויך.

פון איין זייט, וועלען די היגע ארביי־טער פייטען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט. ערשטענס צוליב דעם, ווייל אנצונעהמען די פארלאנגען פון די מאנופעקטשורערס וואלט געמיינט ניט נאר א רעדוצירונג אין דעם סטענדערד פון לעבען וועלכער איז יעצט אויך זעהר א נידעריגער. צו רע־דוצירען דיזען סטענדערד מיינט פשוט'ע דאקות און שקלאפעריי, און דאס קאן פון קיין לעבעדיגע מענשען, וועלכע האבען עטוואס רויטע בלוט אין זייערע אדערען ניט נאכגעגעבען ווערען.

צווייטענס האבען די קליוולאנדער קלאוקמאכער צופיל געאפפערט, צו שטארק געליטען ביז זיי האבען אויפגע־בויט זייער יוניאן. זיי האבען צופיל געליטען צו קריגען דאס ביסעלע רעכט וואס זיי האבען יעצט, און זיי וועלען דאס ניט אוועקגעבען אונטער קיינע אומשטענ־דען, מען וועט דאס ביי זיי דארפען נעה־מען איבער זייערע קערפער...

די קריסטליכע מיידעל, וועמען עס איז געווען שווער צו ארגאניזירען, וועלכע האט זיך אבער ארגאניזירט און האט פאר־זוכט דעם טעם פון יוניאן, צייגט ארויס א מערקווירדיגען ווידערשטאנד, און צייגט ארויס א פארביסענעם אויסגערעכענטען ענטוזיאזם וועלכער מאכט אונז צו גלוי־בען אז אויב מיר וועלען דא האבען א סטרייק וועט דיזע פרוי צייגען א מערק־ווירדיגע אפפערווילינקייט צו פייטען פאר איהרע מענשליכע רעכט. ווען עס קומט צו די היגע ארבייטער וועלען זיי פייטען, מיט דעם מוט און אפפערווילינקייט פון מענשען ביי וועמען מ'וויל צונעמען דאס ביסעלע וואס זיי האבען אין לעבען.

פון דער אנדערער זייט, זיינען די מא־נופעקטשורערס פון קליוולאנד באוואוסט פון אלטע צייטען מיט איינגעשפארטקייט ווען עס קומט צו פייטען א יוניאן, און א גאנץ גוטע צאהל פון זיי ווען זיי האבען אנגעפאנגען פארהאנדלען מיט דער יוניאן דורך דער צייט פון דער מלחמה אינדי־רעקט, און פאר די לעצטע 2 יאהר די־רעקט, האבען נאך אלץ געדענקט, אז די יוניאן איז א פארבייגעהענדע קראנקהייט, פון וועלכער זיי מוזען צוליידען פאר א ווייל, א קראנקהייט, וועלכע וועט זיך אויסשטעהן. פאר די לעצטע פאר יאהר האבען זיי אבער געזעהען אז די יוניאן פאר זיי איז שוין מעהר ניט א פארביי־געהענדע קראנקהייט, נאר א זאך וועלכעס איז געקומען צו שטעהן פאר גוט, און ווען עס וועט קומען צו א סטרייק, וועלען דיזע מאנופעקטשורערס דא זוכען ניט נאר „בע־סערע" קאנדישאנס פאר זיי, נאר פטור צו ווערען פון דער יוניאן אינגאנצען. זיי, דיזע צאהל מאנופעקטשורערס, חלומ'ט זיך נאך אלץ אז זיי וועלען קענען טאן דאס וואס זיי האבען געטאן אין 1911.

זיי מאכען אבער דעם רעכענונג אהן דעם בעל־הבית. אין 1911 האבען די היגע קלאוקמאכערס, מענער אזוי גוט ווי פרוי־ען, אידען אזוי גוט ווי קריסטען, ניט גע־וואוסט וואס עס הייסט צו ארבייטען אהן א יוניאן. די היגע קלאוקמאכער האבען דאס אבער שוין פארזוכט פון 1911 ביז 1918. די ליידען וואס די קלאוקמאכער זיינען דורכגעגאנגען אין יענע יאהרען איז אויסגעקריצט אויף זייערע געזיכטער, עס איז איינגעזאפט געווארען אין זייער בלוט. און די ענטשלאסענהייט זייערע צייגט אז אזעלכעס וועט מעהר ניט פא־סירען... אלזא מיר דא זיינען ניט געגארט אז אויב דא וועט זיין א סטרייק, וועט ער זיין א פארביטערטער, און דיזען קאמף שטעהען מיר גרייט אויפצונעמען צו יע־דער מינוט... לויט דעם אגרימענט וואס מיר האבען דא האבען זיך די פארהאנד־לונגען געדארפט אנפאנגען 3 מאנאטען בעפאר דעם אויסגאנג פון דעם אגרימענט. דריי מאנאטען אויף צו אונטערהאנדלען. דריי מאנאטען איז א גאנץ לאנגע צייט. מיר האבען שוין געהאט 5־6 קאנפערענ־צען, ביז דעם 31טען דעצעמבער וועלען מיר נאך האבען געוויס מעהר. אויב עס זאל דא אפילו געסעטעלט ווערען אהן א סטרייק וועט דאס זיין צו דער לעצטער מינוט, ניט פריהער. ווי די לאגע שטעהט אבער יעצט, זיינען מיר ניט נעהענטער צו א סעטעלמענט ווי מיר זיינען געווען דעם ערשטען טאג ווען אונזערע קאנפערענצען טאן א קלייניגקייט, זיי האבען ארויסגע־האבען זיך אנגעפאנגען.

די מאנופעקטשורערס האבען דא גע־שיקט ליסטען מיט פראגען צו זייערע מעמבערס פאר זיי צו ענטפערען וואס זיי ווילען. און וואס נאר א מאנופעקטשורער האט געוואלט האט ער ארייגעשטעלט. נאכדעם ווי זיי האבען צוזאמענגענומען אלעס וואס יעדער מאנופעקטשורער האט נאר פארלאנגט, האבען זיי דאס געשטעלט אלס פאדערונגען צו דער יוניאן, ארום און ארום צוזאמענגענומען ווילען זיי מעהר ווי אלעס.

די לאנדעסמאן הוירשהיימער פירמא, צום ביישפיל, איינע פון די היגע גרעסטע פירמעס, האט ארייגעשיקט א רעזיגניי־שאן צו דער אססאסיאיישאן. די רעזיגניי־שאן זאל אריין אין עפעקט ווען דער אג־רימענט געהט אויס, די אורזאכע וואס די פירמע גיט אן פאר רעזיגניישאן איז דער־פאר, ווייל אזוי ווי עס געפינען זיך נאך א צאהל מעמבערס פון דער אססאסיאיישאן וועלכע וואלטען נאך האבען אן אגרימענט מיט דער יוניאן און אזוי ווי די פירמע וויל ניט קיין אגרימענט, רעזיגנירט זי דערפאר פון דער אססאסיאיישאן.

עס איז אמת אז א צאהל פון די ליבע־ראלע מאנופעקטשורערס, מיט מארים א. בלעק אן דער שפיץ, פארשטעהען אז די יוניאן וועט קיינמאל ניט נאכגעבען די פאדערונגען וואס די מאנופעקטשורערס האבען ארויסגעשטעלט, און זיי, דיזע מא־נופעקטשורערס, ווילען אויך אויסמיידען א סטרייק. עס איז אבער דא דער אנדע־רער עלעמענט, וועלכער ציהט אויף דער אנדערער זייט. אזוי אדער אזוי, די לאגע איז גאנץ אנגעצויגען און מיר זיינען אויף דעם שוועל פון א סטרייק...

עס איז אויך גאנץ מעגליך אז א צאל מאנופעקטשורערס, ווי די ה. בלעק קאמפ. און א צאהל אנדערע זאלען סעטלען, און א גרופע מיט לאנדעסמאן, הוירשהיימער קאמפ. ארייגגערעכענט זאלען מיר דאר־פען סטרייקען.

דאס איז אין קורצען די אלגעמיינע לאגע. געוועהנליך וועט די לאגע אין ניו יארק און די לאגע אין די אנדערע שטעט, אבער הויפטזעכליך ניו יארק, האבען די ווירקונג אויף אונזער לאגע; ניו יארק איז דאך דאס הארץ פון אונזער באוועגונג.

דער סטרייק אין ניו יארק ווירקט אויך אויף אונזערע מאנופעקטשורערס אויף געוויסע אופנים. אויף א צאל ווירקט עס גראדע צו זיין פריינדליכער צו א סעטעל־מענט, ווייל אויב ניו יארק איז אין סטרייק קאנען זיי זיך ניט באנוצען און א מאך טאן א ביסעל ארבייט, און אויך קריגען א פאר נייע קאסטימערס; פון דער אנדערער זייט זיינען דא א צאהל מאנופעקטשורערס וועלכע גלויבען טאקי אז דערפאר וואס ניו יארק איז אין סטרייק איז יעצט דא א גוטע געלעגענהייט זיך א נעהם טאן צו

צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד פון לאק. 25

א זיצונג פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון די ווייסטמאכער יוניאן, לאקאל 25 איז אפגעהאלטען געווארען דעם 1טען נא־וועמבער, אין 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון מרים לעווין.

עס ווערט אויפגענומען וואל פאר א טשערמאן פאר דעם נאוועמבער טערמין, און דארא רובינשטיין ווערט ערוועהלט.

דער באריכט פון דעם דזשאינט באארד פון דעם 26טען אקטאבער ווערט פארהאנ־דעלט און גוטגעהייסען.

עס ווערט פארגעלעזען א באריכט פון דעם לעצטען מעמבער מיטינג פון אונזער לאקאל, וואס איז אפגעהאלטען געווארען דעם 27טען אקטאבער, וואו עס זיינען אנ־גענומען געווארען פאלגענדע באשלוסען:

1) וועגען אונזערע מיטגלידער, וועלכע זיינען אויסגעשלאסען געווארען אויף דעם ארדער פון דעם דזשאינט באארד ווערט באשלאסען, אז אנשטאט ארייננעמען זיי צוריק אין אונזער יוניאן אלס מיטגלידער, זאלען מיר זיי ראטען צו אפעלירען זייער קיים צו דער אפיל קאמיטע פון דער אינ־טערנייש'אנאל, און אונזער לאקאל פאר־פליכטעט זיך צו העלפען זיי צו קריגען א שנעלען טרייעל.

2) עס איז אויך באשלאסען געווארען צו שיקען א קאמיטע צו די הויפט בא־אמטע פון אונזער אינטערנייש'אנאל אום צו בעראטען זיך מיט זיי וועגען די אום־ארגאניזירטע שעפער אין און ארום ניו יארק, וועלכע אונטערגראבען אונזער אינ־דוסטריע.

דער באריכט ווערט גוטגעהייסען.

די ארגאניזאציאנס קאמיטע ברייגנט אריין פאלגענדע רעקאמענדאציעס:

1) אז אונזער בילדונגס קאמיטע זאל זיך בעראטען מיט דער בילדונגס קאמיטע פון לאקאל 22 וועגען א געמיינשאפטליכען פלאן וועגען אונזערע בילדונגס טעטיגקיי־טען.

2) אז אונזער עקזעקוטיוו באארד זאל אויפפאדערען דעם דזשוינט באארד צו רופען א קאנפערענץ פון די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע אנגעשלאסענע לאקאלס, אום צו באשפרעכען פלענער וועגען אונ־זער ווייטערער ארגאניזאציאנס טעטיג־קייט.

ביידע רעקאמענדאציעס ווערען גוט־געהייסען.

* * *

א צווייטע זיצונג פון אונזער עקזעקו־טיוו באארד איז אפגעהאלטען געווארען דעם 15טען נאוועמבער אין 16 וועסט 21־טע סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון דארא רובינשטיין.

סיליע ווינקעלמאן, אן ארבייטערין פון די פלאק ווייסט קאמפ., ברענגט אריין אן אפיל וועגען א באשלוס פון אונזער גריוועגס קאמיטע, וועלכע האט איהר בא־שטראפט מיט 15 דאלער פאר אנגרייפען די שאפ טשערליידי. דער עקזעקוטיוו באארד, אויסהערענדיג דעם אפיל, האט ניט געפונען אין דעם קיין גענוגענדע גרינ־דע אויף אומצואווארפען דיזען באשלוס און האט דארום גוטגעהייסען די האנדלונג פון דער גריוועגס קאמיטע.

א קאמיטע פון דער „פרייע ארבייטער שטימע" איז ערשינען מיט א פארלאנג, אז מיר זאלען קויפען טיקעטס צו זייער „בויערן באל". עס ווערט באשלאסען צו קויפען א געוויסע צאל טיקעטס.

די דזשאינט באארד באריכטען פון 2־טען און 10טען נאוועמבער ווערען דיסקו־טירט און גוטגעהייסען.

פאלגענדע צושריפטען ווערען אויפגע־נומען און פארהאנדעלט:

א צושריפט פון דעם בראנזוויילער בר. פון אונזער לאקאל פאדערט פון אונזער עקזעקוטיוו באארד די אויטאנאמיע צו מאכען אלע אויסגאבען, וועלכע זיי געפי־נען פאר נויטיג אין באצוג צו זייער ביל־דונגס טעטיגקייט. נאך א גרינדליכער דיסקוסיע ווערט באשלאסען צו אסיגנירען א באשטימטע סומע געלט פאר דעם גאנ־צען סעזאן, און דער בראנזווילער ברענטש זאל ארגאנזירען די אויסגאבען אזוי, אז זיי זאלען ניט איבערשטייגען די באטרע־פענדע סומע. עס ווערט אויך באשלאסען אז מיר זאלען איינלאדען לאקאל 22, אז זיי זאלען אנפירען זייער בילדונגס טעטיג־קייט אין בראנזוויל געמיינשאפטליך מיט אונזער לאקאל.

עס ווערט אויפגענומען א צושריפט וועגען מאלי סטימער און די אנדערע פא־ליטישע פריזאנערס, וועלכע זיינען בא־פרייט געווארען פון לעווענווארט פעני־טענטשערי מיט דעם תנאי, אז זיי זאלען פארלאזען אמעריקע. און אין וועלכען מיר ווערען אויפגעפאדערט בייצושטייערן צו די רייזע קאסטען פון די באטרעפענדע פערזאנען. עס ווערט באשלאסען צו שטי־צען זיי מיט 50 דאלער.

עס ווערט אויפגענומען די פראגע וועגען אונזערע ברענטש מיטינגען, וואס זיי־נען איינבערופען געווארען אויף דעם 17־טען נאוועמבער, און עס ווערען געמאכט אלע נויטיגע ארא[illegible]נטס. עס ווערען אויך באשטימט קאמיטעס פאר יעדען ברענטש באזונדער צו זעהן דורכפירען דארטען די מיטינגען אין בעסטען ארד־נונג.

די בילדונגס קאמיטע באריכטעט, אז זיי, צוזאמען מיט דער קאמיטע פון לא־קאל 22, האבען זיך דורכגערעדט מיט פא־ני'ע מ. קאהען, דירעקטאר פון בילדונגס דעפארטמענט פון אונזער אינטערנייש־נאל און זיי האבען אויסגעארבייט דעם פאלגענדען פלאן:

1) אז יעדער מיטגליד פון די בילדונגס קאמיטעס פון די לאקאלען 22 און 25 זאל אפגעבען איין אווענט יעדע וואך צו רע־גיסטרירען סטודענטען פאר אונזערע יוני־טי סענטערס און צו געבען אונזערע מיט־גלידער אלע נויטיגע אויסקינפטע וועגען אונזערע אלגעמיינע בילדונגס טעטיגקיי־טען.

2) אז די מאנאטליכע אונטערנעמונגען און קאנצערטען, וועלכע מיר פלעגען הא־בען יעדען ווינטער, זאלען ווידער אויפגע־לעבט ווערען אין אלע אונזערע ברענטשעס און די לאקאלען 60 און 89 זאלען ווערען איינגעלאדען זיך אנצושליסען און אנטייל נעמען אין דיזע אונטערנעמונגען.

עס ווערט גוטגעהייסען.

די קאמיטע וואס איז ערוועהלט געווא־רען ביי אונזער מעמבער מיטינג צו בא־ראטען זיך מיט די הויפט באאמטע פון אונזער אינטערנייש'אנאל וועגען די אום־ארגאניזירטע שעפער פון ניו יארק און אומגעגענד, גיט אפ איהר באריכט. דער באריכט ווערט גוטגעהייסען.

דערמיט ווערט די זיצונג געשלאסען.

טשארלס דזשייקאבסאן, סעק.

רערם אסס'ן בונטעוועט זיך. אויף די דרעס מאנופעקטשו־

(שלוס פון זייט 1).

גאנץ הארבע פאדערונגען, וועגען פארקלע־נערען די שכירות פון די ארבייטער, וועגען דיסטשארדזש און ריארגאניזיישאנס און עהנליכעס, וואס די יוניאן וועט נישט און קען נישט נאכגעבען.

סעקרעטער בארף האט די פאר־שטעהער פון דער אסס'ן גאנץ שארף דערקלעהרט, דאס די אסס'ן האט אן אגרי־מענט מיט דער יוניאן, וואס דארף זיין אין קראפט ביז דזשון 1923, און דאס ביז יענער אגרימענט וועט אויסגעהן קען מען גאר ניט רעדען וועגען נייעסען אין דער אינדוסטריע. ער האט זיי דער־קלעהרט, דאס מען קאן אויפנעהמען בלויז אזעלכע ספקות וואס זיינען אין די רא־מען פון דעם אגרימענט אין טרייד, אבער קיינע אנדערע.

דערוויל איז עס נעבליבען, אז סאב־קאמיטעס פון ביידע צדדים זאלען זיך נאך א מאל צונויפקומען אין קאנפערענץ, אבער צו עס וועט עפעס דערפון ארויס־קומען איז שווער צו זאגען אין דאס מא־מענט.

זייערע מעלות האבען פערניכטעט פרייז און אונ־טערשיעד אין סיגארעטס

ביעטש נאט

סיגארעטס

איהר קענט ניט העלפען איהם מוזט זיי גלייכען

Lorillard Co.

20 פאר 15¢

די וואך

פון נ. ב.

די קאמיטע שטופע פון דער וואשינג־טאנער קאנפערענץ

עס ווערט קלארער מיט יעדען טאג אז די וויכטיגסטע אישום אויף דער וואשינג־טאנער קאנפערענץ וועלען באשטימט ווערען נישט אויף די עפענטליכע זיצונגען און נישט אויף אן עפענטליכען אופן, נאר דורך פארהאנדלונגען און דינגעניש אין די קאמיטע חדרים. דערווייל איז געמאכט געווארען בלויז איין באשטימטער, אפענער שריט — יוהז'ס פארשלאג, אז די דריי גרויסע ים־מעכט, ענגלאנד, אמעריקא און יאפאן, זאלען פארקלענערען זייערע קריס־פלאטען און נישט בויען קיין נייע שיפען אין דעם משך פון די קומענדע צעהן יאהר. די דעלעגאציעס פון די אנדערע צוויי לענדער האבען דעם פארשלאג אנגענומען „אין פרינציפ", אבער דאס באדייט נאך נישט, אז זיי האבען בדעה איהם ווירקליך אנצונעמען. זיי האבען שוין אזוי „אויסגעטייטשט" און „מאדיפיצירט" זייער ערקלעהרונג, אז „זיי נעהמען אן" אז ס'איז קוים צו דערקאנען דעם אריגינעלען פארשלאג, און ווען אלע „דעטאלען" וועלען ענדליך איינגעארדענט ווערען וועט דער גאנצער פלאן פון א „יום־טוב" זיין פארמאדיפיצירט אויף טויט.

דער ווייט מזרח פלאנטער איז נאך נישט ארויס פון די קאמיטע צימערען און מען ווארט מיט אומגעדולד אויף דער „לייזונג" פון דער ווייט מזרח פראגע. אלע גיבען צו אז דער ערפאלג פון דער גאנצער קאנפערענץ ווענדט זיך אן א גרינדליכער לייזונג פון דער דאזיגער הויפט צרה פון דעם אינטערנאציאנאלען אימפעריאליזם. ס'איז אבער שווער זיך פארצושטעלען, אז די קאנפערענץ זאל ווירקליך קאנען הארמאניזירען די פארקעהרטע אינטערעסען פון אמעריקא, יאפאן, ענגלאנד און פראנקרייך אויף דעם ווייטען מזרח, ד. ה., אין כינע און סיביר. אויב די אפעטיטען פון די גרויס־מעכט וועלען פארבלייבען די זעלבע ווי ביז איצט וועט מען זיך בשלום נים קאנען איינטיילען מיט'ן ווייטען מזרח און ממילא וועט שוין אויך די „אנטוואפנונגס־פראגראם" געהן צו גרונט.

אינדיע איז מקבל פנים דעם פרינס און וועילס

לעצטע וואך האבען די ציימונגען אונז געבען אן איבעריגען באווייז אז די אומגעהויערע באפעלקערונג פון אינדיע באשטעהט פון לויטער בארבארען און אז מעהר ווי אלע מאל נויטיגען זיך די איינריזער אין דער ציוויליזירטער השגחה פון ענגלאנד. באטראכט נאר א זאך: דער פרינס און וועילס, דער יורש פון ענגלישען טראן, האט זיך מטריח געווען צו מאכען די רייזע נאך אינדיע כדי צו באגליקען מיט זיין אנוועזענהייט די צוקונפטיגע אונטערטאנען זיינע איבער הונדערט און צוואנציג יאהר. נעהמען די דאזיגע אינדיער און זיינען מוחל, מע בעט דיך נישט צו קומען אונז צו באגליקען מיט דיין אנוועזענהייט. און נים נאר האבען זיי דאס געזאגט, נאר זיי האבען געמאכט גאנצע סקאנדאלען, דעמאנסטראציעס, גערופען סטרייקס — אלץ צו דעמאנסטרירען זייער פראטעסט געגען דעם ענגלישען יאך.

דער פרינץ וואלט פיליכט נישט געשענקט קיין אויפמערקזאמקייט צו אזוינע נארישקייטען, ווייל נאך אלעמען זיינען זייען קאלאניאלע אונטערטאנען ווי קינדער — זיי ווייסען נישט וואס פאר זיי איז גוט און וואס נים. אבער די ברוינהויטיגע האבען אנגעמאכט אזא טומעל, אז אפילו דער פרינץ איז געווען ברוגז. די ענגלישע צענזור זוכט צו דערשטיקען די נייעס, אבער פון די קנאפע באריכטען איז צו זעהען, אז אין אינדיא זיינען פארגעקומען ערנסטע אומרוהען; די „נאן־קאאפערישאן" באוועגונג, וואס ווערט געפיהרט פון דעם רעוואלוציאנער און מיסטיקער גאנדהי איז ארויס פון די ראמען פון פאסיווען ווידערשטאנד, און גאנדהי, דערצעהלט מען, האט באשלאסען צו פאסטען ביז זיינע נאכפאלגער וועלען צוריק קומען צום זינען און אויפהערען ארויסווייזען אקטיווען ווידערשטאנד געגען ענגלאנד. אויב גאנדהי זאל אויספיהרען זיין בשלום וועט איהם אויסקומען צו שטארבען פון הונגער, ווייל די רעוואלוציאנערע באוועגונג אין אינדיא שטייגט מיט יעדער שעה. אין ענגלאנד גיבען אלע צו, אז דעם פרינץ'ס באזוך איז געווען אן אומגליק פאר אינדיא. געפאדערען איז ער געהן צו מאכען שלום צווישען ענגלאנד און די אומצופרידענע ארטיגע עלעמענטען. אויסגעלאזט האט זיך, אז צוליב זיין וויזיט האבען די ענגלישע סאלדאטען דערשאסען צעהנדליגע דעמאנסטראנטען.

די „ניו יארק טיימס" שרייבט, אז די אומרוהען און די דערשאסענע דעמאנסטראנטען זיינען „טרויעריגע פאסירונגען וואס האבען עטוואס פארשטערט דעם גאנץ ערפאלגרייכען וויזיט פון דעם פרינץ און וועילס אין באמבעי". נאך עטליכע אזוינע וויזיטען, נאך א פאר אזוינע ערפאלגען, און דער בריטישער רעזשים אין אינדיע וועט צוזאמענברעכען.

אזא ביישפיל דארף מען נאכטאן.

אין אזא צייט פון „לייבאר טראבעלס" און כל המינים אינדוסטריעלען קאמף, איז עס א באלזאם פאר דער נשמה צו לייענען די ריהרענדע באריכטען ווי אזוי די געטרייע ארבייטער פונ'ם פלייש טראסט האבען זיך דערבארימט אויף זייערע בעלי בתים און באשלאסען פרייוויליג צו שניידען זייערע אייגענע שכירות. א גליקליכע מדינה וואלט זיין אמעריקא, ווען אלע ארבייטער פון אלע אינדוסטריען וואלטען נאכגעטאן דעם נאבעלען ביישפיל פון די פלייש־ארבייטער און באפרייט זייערע בעלי בתים פון דער נויטווענדיגקייט צו דינגען שפיאנען און גאנגסטער. ווען מען זאל קאנען אזוי איינפיהרען, אז שכירות זאלען געשניטען ווערען מיט'ן פרייען ווילען, וואלט מען פארשפארט זיך באדערען מיט סטרייקס און לאקאוטס און אגרימענטס און יוניאנס און נאך אזוינע אנשיקעניגשען. שטעלט זיך פאר ווי גליקליך מיר וואלטען אלע געווען ווען די אמעריקאנער אינדוסטריע וואלט פריי געווארען פון אט די אלע איבלען.

די טעכניק פון די פרייוויליגע שכירות שניידעניש איז ווערט צו באמערקען. די פלייש־מאגנאטען, די „פעקערס", וועלכע זיינען פון לאנגע יארען באוואוסט אלס פריינט פון אינדוסטריעלע דעמאקראטיע, האבען באשלאסען, אז יוניאנס און אגרימענטס זיינען צו אלט־מאדיש און האבען אנשטאט די אלט־פרענקישע מעטאדען איינגעפיהרט די מאדערנסטע פארם פון „אינדוסטריעלער דעמאקראטיע" — פאבריק קאנגרעסען. וואס קאן זיין בעסער? יעדע פאבריק ווערט פארוואלטעט אויף דעם מוסטער פון די פאראייניגטע שטאאטען, דורך א קאנגרעס פון פאלק. די ארבייטער קלייבען זייערע פארשטעהער און די באלעבאטים אויך — גלייך אויף גלייך. נאטירליך, קלייבען די ארבייטער נים אבי וועמען, נאר אזוינע מענשען, וואס זיינען ווערט צו זיצען צוזאמען מיט די מענעדזשערס און פארמען. די פארשטעהער פון די ארבייטער זיינען אלע מאל „ניכטערע, אומפארטייאישע" מענשען, — אז נים וואלטען די פארשטעהער פון די קאמפאניעס נישט געזעסען מיט זיי ביי איין טיש און ס'וואלט געווארען אויס אינדוסטריעלע דעמאקראטיע.

נו, האט די פארוואלטונג פון „ארמאר, סוויפט ענד קא." פארגערופען אן עקסטרא סעשאן פון איהר קאנגרעס און צו איהם אומגעפעהר אזוי געזאגט: קינדער, עס איז ביטער. מען מוז שניידען שכירות, אויב נים וועלען אונזערע פראפיטען אינגאנצען פארשווינדען און מיר וועלען מוזען אויפהערען פיהרען געשעפטען און איהר וועט אלע ליגען אין דער ערד. האט שכל און באשליסט פרייוויליג צו שניידען אייערע שכירות. ס'וועט זיין פיין פאר לייטען און פאר אייך געזינטער.

און די קלוגע, בראווע קאנגרעסלייט האבען פארקנייטשט די שטערענס, טיף געקלערט א שטיקעל צייט און באשלאסען, אז די ארבייטער דארפען שניידען זייערע אייגענע שכירות. דער באשלוס איז געווען אויס דעם פרייען ווילען און מיט א רייגעם געוויסען.

אינטערעסאנט איז, אז פון דעם שנים וועלען אם מעהרסטען ליידען די פשוט'ע ארבייטער, די נים־בעל מלאכות, די גרויסע צאהל שטומע, געהארכזאמע שקלאפען אין דעם קעניגרייך פון פלייש. אויך וועלען די פרויען ליידען מעהר ווי די מענער. אבער די קאנגרעסען פון די פלייש־מאגנאטען באשטעהען פון לויטער ספארטס און דזשענטלמען און ס'איז באשלאסען געווארען, אז פאר קיין מאל טארען די שכירות פון די פרויען נישט זיין וועניגער ווי 25 סענט א שעה!

בלויז איין פינסטערע מחשבה פארשטערט אונזער פרייד: אפשר איז אט דער „פרייוויליגער" שריט נישט דאס לעצטע ווארט פון די פלייש ארבייטער? ווארים עס טראגען זיך ארום טונקעלע קלאנגען, אז אלץ איז נישט גלאט אין דעם קעניגרייך פון פלייש.

ווער עס היט אונזער מאראל.

שלאגען די מילך סטרייקער, האלטען אן אויג אויף די פלאפסטשער און היטען די מאראל פון דער געזעלשאפט — דאס איז אביסעל צופיל פאר דער ניו יארקער פאליציי. נאך אלעמען קען דאך א מענש זיך נים צוררייסען! האט די פאליציי איינגעלאדען די גלחים צו העלפען איהר טאן איהר פליכט, און אזוי ווי פאר די גלחים איז אומבאקוועם צו שפאלטען די קעפ פון די מילך סטרייקערס, אדער פרובירען די משקה אין די אומגעזעצליכע פלעשלאך, האט מען זיך איינגעטיילט אזוי: די פאליציי וועט שפאלטען קעפ און פארזוכען משקה און די גלחים וועלען היטען די מאראל.

האט פאסירט פאר א פאר וואכען אז די אנפירער פון דער „געבורט־קאנטראל" באוועגונג האבען פארורופען א מיטינג אין ניו יארק און דארט געהאלטען רעדעס. איז געקומען א גלח און געזאגט, אז דאס איז נישט מאראליש און האט באפעהלען דער פאליציי צו צוטרייבען דעם מיטינג און ארעסטירען די רעדנער. די פאליציי האט געפאלגט, ווייל דער גלח, האט זי געדענקט, ווייס וואס ס'איז מאראליש און וואס נים. האט זיך אבער אויפגעהויבען א ויצעקו פון אייניגע בירגער און צייטונגען, אז מ'האט פארשוועכט עפעס אן אלטען, פארווארפענעם, פארגעסענעם חוק פון פרייער רעדע, און די פאליציי איז געבליבען מיט א נאז.

אויף א צווייטען מיטינג פון די „געבורט־קאנטראל" אנהענגער האט שוין די פאליציי אליין געטאן די צענזור־ארבייט, און זי האט דארט נישט ענטדעקט קיינע זינד און קיין נישט־מאראלישקייט. דער מיטינג איז פאריבער רוהיג און קיינער איז נישט ארעסטירט געווארען.

דערווייל אבער קריגט די „געבורט־קאנטראל" באוועגונג א סך פרייע „פובליסיטי", און דאס איז גראד נים קיין שלעכטע זאך. פובליסיטי איז אלע מאל נויטיג פאר א געזונטער באוועגונג, וואס איהר איז באשערט צו לעבען. אין אזא לעבענס־וויכטיגע פראגע איז בעסער אז עס זאלען רעדען די וויסענשאפטסלייט און סאציאלאגען איידער היפאקריטישע פרומאקעס.

דער מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער דרעס און וויסט מאכער יוניאן

פאר די לעצטע 4 וואכען זיינען נים געדרוקט געווען די רעגולארע וועכענטליכע באריכטען פון אונזער דזשאינט באארד אין דער „גערעכטיגקייט".

אום צו באקענען די „גערעכטיגקייט" לעזער, וואס די דזשאינט באארד האט אויפגעטאן פאר דיזער צייט, וועל איך מאכען א פארזוך צו באקענען די יעניגע, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט אין דעם.

צו באוויליגען דעם פארלאנג פון דעם „פרויען פרידענס פאראיין" צו באאויפטראגען אונזערע מעמבערס זיך צו באטייליגען אין פאראד, וועלכער איז פאראנשטאלטעט געווארען פאר דעם 12טען נאוועמבער און אויך זיך אנצושליסען אן דעם פראטעסט געגען ד ע ר פארמע פון ענטוואפנונג, וועלכע מען דיסקוטירט יעצט אויף דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ אין וואשינגטאן.

ברודער הארוויץ, מענעדזשער פון דרעס אסאסיאיישאן דעפארטמענט, איז אינסטרואירט געווארען אויפצונעהמען דעם פארלאנג פון די צוויי ברידער, וועלכע ארבייטען ביי אנדערמאן דרעס קא., אום צו ווירקען דאס די פירמע זאל זיי פארזארגען מיט סינגער־מאשינען אנשטאט מיט ווילקאקס ענד גיבס מאשינען.

ברידער אנטאניני און קאלאמבא האבען אין נאמען פון לאקאל 89 אויפגענומען די אקטיוויטעט פון קאמפליינט־דעפארטמענט, און נאך א גענויער דיסקוסיאן איז באשלאסען געווארען, דאס אום אנדערע מעמבערס זאלען קריגען די אויפמערקזאמקייט פון דיזען דעפארטמענט זאלען די שטונדען אראנזשירט ווערען אזוי, דאס פון פריה ביז דער אפיס ווערט געשלאסען זאלען די קאמפליינט־קלוירקס זיין אויף דער וואך.

ברודער האלפערין, דזשענעראל מענעדזשער, באריכטעט, דאס די באציהונגען מיט דער דרעס מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן זיינען נים ווי געהעריג צוליב פאלגענדע אורזאכען: דער טשיף קלוירק פון דער אסס'ן איז נים אלע מאל אין זיין אפיס. זיין אסיסטענט וויל נים נעהמען אויף זיך די פאראנטווארטליכקייט אויפצונעהמען און שליכטען דיסאגרימענטס צווישען די יוניאן און אסס'ן קלוירקס, אדער ער איז אזוי אינסטראקטעט געווארען פון דער אסס'ן. דער רעזולטאט איז, דאס קאמפליינטס ווערען פארצויגען וואכען־לאנג. נאך מעהר, די אסס'ן אין פילע פעלע האט געוואלט אויסטייטשען דעם אגרימענט אויף אזא אופן, וואס איז אבסאלוט געגען דעם גייסט פון דעם אגרימענט, און ווען ברודער האלפערין האט דער אסס'ן אויף דעם אויפמערקזאם געמאכט און אז די יוניאן וועט נים דולדען אזוינע האנדלונגען, האבען די מאכערס פון דער אסס'ן פארלאנגט א קאנפערענץ.

דער דזשאינט באארד, נעהמענדיג אין אנבאטראכט, דאס ברודער שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, איז יעצט זעהר ביזי, און אזוי ווי די אינטערנעשאנאל איז א צד צום אגרימענט, ווערט א קאנפערענץ קאמיטע ערוועהלט פון די פאלגענדע ברידער: ה. בערלין, פון לאקאל 10; שוועסטער ק. הירש פון לאקאל 22; שוועסטער ל. גודמאן, פון לאקאל 25; ס. פאריער, פון לאקאל 60 און נ. ריזעל, פון לאקאל 66. דיזע קאמיטע וועט, צוזאמען מיט די אינטערנעשאנאל און דזשאינט באארד אפיסערס צוזאמענשטעלען א קאנפערענץ־קאמיטע.

אויף דעם פארלאנג פון די דעלעגאטען זיך מעהר צו באקענען מיט דער ארבייט פון די עמבראידערי וואירקערס, ווערט באשלאסען, דאס ברודער וואלינסקי, מענעדזשער פון לאקאל 66, זאל באאויפטראגט ווערען צו באריכטען נים זעלטענער ווי מאנאטליך צו דעם באארד און דירעקטארס וועגען דעם צושטאנד פון לאקאל 66.

ברודער האכמאן, מענעדזשער פון אינדעפענדענט דעפארטמענט, האט באריכטעט פאר א לאנגער צייט. זיין באריכט וועט איהר געפינען אין דער „גערעכטיגקייט".

עס ווערען פארגעלעזען צושריפטען פון די לאקאלס 10, 22, 25, 60, 66 און 89, אין וועלכע דער דזשאינט באארד ווערט געראטען נים צו דולדען מעהר די שטעלונג פון דער אסס'ן. די אויבענדערמאנטע לאקאלס ווארנען דעם דזש. ב. נים צו דולדען די שטעלונג פון דער אסס'ן און פארזיכערען, דאס די לאקאלען זיינען גרייט צו פארטיידיגען די אינטערעסען פון די מעמבערס.

לאקאל 25 באנאכריכטעט דעם דזש. ב. אין א צושריפט, דאס זייער לאקאל איז שטארק ענטוישט ווארום דער דזש. ב. נעהמט נים קיין שטעלונג געגען לאקאל 10 אין באצוג צו זייער זיך נים באטייליגען אין דער יוניטי הויז. דער סעקרעטאר ווערט אינסטרואירט צו פאדערען אן ענטפער פון דער אינטערנעשאנאל, וואס די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט באשלאסען אויף אונזער קלאגע געגען לאקאל 10 אין דיזען פאל.

די קאמיטע פון לאקאל 22, וועלכע האט פארגעלעגט פאר דעם דזש. ב. פלענער וועגען ארגאניזיישאן־ארבייט, האט אריינגעבראכט פאלגענדע פלענער:

1. אפטיילונגען פון ארגאניזיישאן־קאמיטעס זאלען עטאבלירט ווערען. 10 שעפער זאלען צוזאמענשטעלען אן אפטיילונג. די קאמיטע האט גענומען אין אנבאטראכט דאס אין מאנכע בילדינגס געפינען זיך 1 אדער 2 שעפער. דארום זאלען עטליכע בילדינגס צוזאמענשטעלען אן אפטיילונג. אין בילדינגס, וואו עס געפינען זיך מעהר ווי 10 שעפער, זאל די בילדינג געמאכט ווערען פאר אן ארגאניזאציאנס־אפטיילונג.
2. דיסטריקט ארגאניזאציאן קאמיטער זאלען עטאבלירט ווערען.
3. די ארגאניזאציאנס ארבייט זאל זיין אונטער דער אויפזיכט פון דעם דזשאינט באארד.
4. אום צו מאכען די ארגאניזאציאן־ארבייט ערפאלגרייך און ווירקזאם, זאל יעדער לאקאל (אין אונזער דזשאינט באארד) ערוועהלען אן ארגאניזאציאן קאמיטע, וועלכע זאל מיטען צוזאמען מיט דער ארגאניזיישאן קאמיטע פון דזשאינט באארד, מיט די רעכטע אלס מעמבערס פון דער קאמיטע אהן א וואוט.
5. א קאמיטע, באשטעהענד פון פרייוויליגע, זאל באשאפען ווערען, וועלכע זאל העלפען אין דער ארג. ארבייט אונטער דער אויפזיכט פון דזש. ב.

ווייטערעס פאלגט קומענדע וואך.

מ. ק. מאקאוו, רזש. סעק.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
S. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.
Vol. III. No. 48. — New York, Friday, Nov. 25, 1921
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

שרייבען אונטער, האט ביי זיי גאר קיין ווערט ניט.

סעמועל אונטערמייער שלאגט פאר דער יוניאן זיין דינסט פריווילינג.

גענ. מאריס הילקוויט איז דער באַ־שטענדיגער לאָיער פון אונזער אינטער־נעשאנאל, נאך א באראטונג צווישען די פיהרער פון סטרייק און גענאסע הילקוויט איז געבליבען אנצוקלאגען די פראטעקטיוו אין קאורט און די נייעס איז געמעלדעט געוואָרען אין דער פרעס. דאס האט צו־געצווינגען סעמיועל אונטערמייער'ס אויפ־מערקזאמקייט און ער האט גאנץ פריי־ווילינג פארגעשלאגען דער יוניאן זיין דינסט, צו העלפען גענ. הילקוויט פיה־רען דעם פראצעס געגען דער פראטעק־טיוו אסס'ן. מר. אונטערמייער האט עס געלאזען וויסען גענ. הילקוויט דורך א לענגערען בריף, וועלכער איז פאראפענט־ליכט געוואָרען אין דער גאנצער פרעסע און האט געגעבען די באסעס פון דער פראטעקטיוו א היבש ביסעל נייעם עגמת נפש.

אונטערמייער'ס בריף.

שבת, נאוו. 19, 1921.

„ווערטער הערר הילקוויט:

איך האב איבערגעקוקט די פא־פירען וואס איהר האט איבערגעלאזט ביי מיר צוזאמען מיט אייער פארלאנג אז איך זאל צוזאמען מיט אייך אונ־טערנעהמען זיך צו דינען אלס לאָ־יער צו ברענגען אין קאורט די מא־נופעקטשורערס אסאסיאיישאן און באשיצען די קלאוקמאכער יוניאן אין דעם קאמף וואס קומט יעצט פאר אין דער קלאוק אינדוסטריע.

איבערקוקענדיג די פאפירען, בין איך געקומען צו פאלגענדע בא־שליסע:

ערשטענס, אז די באסעס צוברע־כען מיט זייער האנדלונג דעם אגרי־מענט וואס איז געמאכט געוואָרען דעם 3טען דזשון, 1921. די באסעס האבען ניט געווארט ביז דעם ערשטען נאוועמבער, ווי עס פאדערט זיך אין דעם אפמאך, און זיי האבען זיך ענט־זאגט אויסצופאלגען די פונקטען אין דעם אפמאך.

און, דריטענס, געפין איך, אז אויב אפילו עס זיינען פארגעקומען עטליכע קליינע סטרייקס, וועלכע זיי־נען גוטגעהייסען געוואָרען אדער גע־האלפען געוואָרען פון די יוניאן־פיה־רער (און ווי עס ווייזט אויס איז אזא זאך ניט געשעהן), אבער אויב אפילו דאס זאל אמת זיין, האבען אויך די מאנופעקטשורערס ניט געהאט דאס רעכט אפצוברעכען דעם אפמאך וואס איז אונטערגעשריבען געוואָרען דעם 29טען מאי, 1919. פאר אזא פאל איז דא ארביטריישאן, לויט דעם פונקט 20 אין דעם אפמאך. די מא־נופעקטשורערס האבען זיך ניט גע־ווענדעט פאר ארביטריישאן, און דער־מיט האבען זיי געבראכען דעם אגרי־מענט.

די ארבייטער האבען א רעכט אויף וואך־ארבייט און ניט שטיק־ארבייט, לויט דעם אפמאך, און קיין זאך אין דער וועלט קען דאס רעכט פון זיי ניט צונעהמען. עס איז זעלבסטפאר־שטענדליך, אז ווען מען האט געמאכט דעם אפמאך האט מען איהם אונטער־געשריבען מיט דער אבזיכט, אז ביי־דע צדדים זאלען אויספאלגען וואס אין אפמאך שטעהט געשריבען, און ניט צורייסען דעם אגרימענט ווען איין צד וועט זיך אזא זאך פארגלוס־טען. דאס ווילען יעצט די מאנופעק־טשורערס טאן, אויב מען וועט זיי לאזען טאן עס.

„נעהמענדיג אין אנבאטראכט די־זע פאקטען, ענטפער איך אייך אהן קיין שום ספק, אז די ארבייטער הא־בען א רעכט ניט צו דערלאזען אז די באסעס זאלען צוברעכען דעם אגרי־מענט. עס בלייבט צו זעהן אין קאורט, צי די באסעס האבען מעהר רעכט צו צוברעכען אן אפמאך ווי די ארבייטער, און עס בלייבט אויך צו זעהן אויב דאס געזעץ קען ניט דינען די ארבייטער אזוי גוט ווי די באסעס. דער רעזולטאט אין דיזען פאל אין קאורט וועט דינען אלס א גוטער ביי־שפיל פון געזעץ און ארדנונג, און וועט העלפען קלאר מאכען געוויסע מיס־פארשטענדניסע וועגען געזעץ און גע־רעכטיגקייט.

צוליב דיזע אורזאכען בין איך צו־פרידען אנצונעהמען מיט אייך צוזא־מען די קייס, אבער איך ענטזאג זיך צו נעהמען וועלכען עס איז געהאלט פאר מיין ארבייט. און איך וועל אנ־נעהמען די קייס נאר אויף דיזע בא־דינגונגען. איך באטראכט עס אלס א קהל'שע ארבייט, און אלס אזעלכע וועל איך עס האלטען.

אויב איהר זייט צופרידען מיט דיזע באדינגונגען, און די יוניאן איז אויך צופרידען, וועל איך זיך נעהמען צו דער ארבייט אזוי גיך ווי איהר האט פארטיג אייערע פאפירען פאר אן אינדזשאנקשאן געגען די מאנופעק־טשורערס, און איהר וועט עס מיר איבערגעבען אז איך זאל די קייס אריינגעבען אין די קאורטס.

מיט פריינדליכען גרוס,

סעמיועל אונטערמייער.

ווי איהר זעהט, געהט עס צו גאנץ לע־בעדיג. אט די נייע ווענדונג אין דעם גרוי־סען סטרייק האט ארויסגערופען גאר א באזונדערען אינטערעס און מען ווארט שוין מיט אומגעדולד צו זעהן וואס פון דעם וועט זיך ארויסוויקלען.

ווי די מאסען סטרייקער האבען אויפגענומען די נייס.

אינטערעסאנטער פון אלץ איז אבער ווי אזוי די גרויסע מאסע סטרייקערס הא־בען אויפגענומען אט די נייע ענטוויקלונג אין דעם סטרייק. זיי פארשטעהען די לאגע אויסגעצייכענט און אינדארסירען מיט ענטוזיאזם אט די שטעלונג פון דער לידערשיפ.

אם בעסטען האט מען דאס געקענט זעהן און פיהלען אויף די מאסמיטינגען פון די סטרייקערס אין די פילע האלס. אין אלע סטרייק־האלס האבען די רעדנער גע־רעדט וועגען דעם. דער גרויסער עולם האט זיך גאנץ גייגעריג צוגעהערט און ענ־טוזיאסטיש באגריסט די רעדנער. דורך דעם ענטוזיאזם האט דער גרויסער עולם סטרייקער צוגעשטימט צו דער האנדלונג און גוטגעהייסען די פיהרונג פון דעם סטרייק.

דער שרייבער פון די שורות האט ביי־געוואוינט אייניגע מאס־מיטינגען פון די סטרייקערס, דינסטאג בייטאג, און עס האט אייגפאך אנגעקוואלען דאס הארץ זעהענדיג ווי גוט און ריכטיג די סטריי־קערס פארשטעהען די לאגע.

אין „דזשעפערסאן האל" אין קלאמ־ביא סט. האבען מיר געהערט ריידען פרעז־זידענט שלעזינגער. אין האל זיינען גע־ווען אריבער צוויי טויזענט סטרייקער, צווישען וועלכע מען האט געקענט זעהן א היבשע צאל עלטערע אידען.

פרעזידענט שלעזינגער האט דארט באקומען אן אוואציע גלייך ביים אריינ־קומען און מיט גרויס ניינעריגקייט האט דער גרויסער עולם פארשלונגען יעדען ווארט וואס ער האט ארויסגערעדט.

און גערעדט האט ער וועגען די לעצ־טע ענטוויקלונגען אין דעם סטרייק. ער האט מייסטערהאפט געשילדערט ווער עס זיינען די באסעס פון דער „פראטעקטיוו", וואס פאר א ווערט עס האט ביי זיי אן אפמאך, אדער אגרימענט און ווען ער האט אויסגערופען אז די צייט איז געקומען די יוניאן זאל זיי רופען צו פאראנטווארט־ליכקייט האט אויסגעבראכען א גרויסער אפלאוז.

אויף א גאנץ אינטערעסאנטען שטיי־גער האט דער רעדנער אויך אנגעוויזען, ווי פאלש און גרונדלאז עס זיינען די טענות פון די באסעס, אז די וואך־ארבייט מאכט דעם יקרות אויף קלאוקס. ער האט אנ־געוויזען דאס א מאנטעל וואס פארקויפט זיך אין די דעפארטמענט סטאָרס פאר 80 דאלאר און מעהר, קאסט דעם מאנופעק־טשורער אויפצומאכען, דאס הייסט, דיינע ארבייטס־געלט, ניט מעהר ווי צווישען 7 און 8 דאלאר. הייסט וואס פאר א ראלע קאן דא שפילען די ארבייטס־געלט? — פרעגט ער. וואס פאר א ווערט קאן דא האבען, ווען מען זאל שוין ביי די ארביי־טער ארונטעררייסען 10 אדער 15 פראצ. פון די שכירות — וועט מען דעם זעלבען מאנטעל פארקויפען פאר 78 דאלאר. וועט — פרעגט ער — דאס האבען די ווירקונג מען זאל נעמען קויפען מעהר קלאוקס?

און ער ווייזט אן אז פאר דעם יקרות אויף קליידער זיינען פאראנטווארטליך די גרויסע פראפיטען וואס עס שטעלען זיך די ריטיילערס און אויך די מאנופעקטשו־רערס און דאן די פילע פאראזיטען, די „באיערס", „סיילסמען" און די פארשיי־דענע אגענטען וואס מאכען א רייכען לע־בען פון'ן דעם טרייד כאטש זיי זיינען ניט מעהר ווי ווינט־מענשען וואס טוען גארניט נוצליכעס און מען קאן זיך גאנץ גוט באַ־געהן אהן זיי.

שלעזינגער'ס רעדע איז ווארים אויפ־גענומען געוואָרען.

אין וועבסטער האל האבען מיר גע־הערט רעדען אונזער 1טען וויס־פרעזי־דענט מאריס זיגמאן. אויך ער איז וואַ־רים באגריסט געוואָרען, גלייך ווי דער טשערמאן האט איהם פארגעשטעלט.

ברודער זיגמאן האט גערעדט וועגען אמאל און היינט אין דער קלאוק־אינ־דוסטריע, — וועגען שטיק־ארבייט און וואך־ארבייט, און ווען ער האט אויסגע־רופען, אז די קלאוקמאכער וועלען פון שטיק מעהר קיינמאל ניט ארבייטען, האט אויסגעבראכען א גרויסער אפלאוז.

דער רעדנער איז דאן איבערגעגאנגען צו די לעצטע פאסירונגען אין סטרייק, וועגען דעם אינדזשאנקשאן־פראצעס, וואס די יוניאן פאנגט אן קעגען די בא־סעס אסס'ן פאר ברעכען דעם אגרימענט אין טרייד, און אויך אין דעם האל הא־בען מאסען באגריסט אט די שטעלונג פון דער יוניאן.

און מיר האבען באקומען באריכטען פון האל־טשערליים פון די אנדערע האלס, וואו סעקרעטער באראף און נאך פילע אנדערע רעדנער האבען גע־רעדט, דאס אומעטום האט געהערשט דער זעלבער גייסט, די זעלבינע שטימונג, די זעלביגע קלארע פארשטענדליכקייט פון דער זאך, און דיזעלבע גוטהייסונג פון דער שטעלונג און טאקטיק פון די פירער פון אט דעם גרויסען קאמף.

אלזא, דער סטרייק שטעהט אויסגע־צייכענט. די ערשטע וואך פון דעם גרויסען קאמף איז געווען א גאנץ פרוכט־בארע אין גאר פילע הינזיכטען, און די סטרייקער זיינען מונטער און לעבעדיג.

די ערשטע סעטעלמענטס.

ווי ברודער פיינבערג, דער טשערמאן פון דער סעטעלמענט קאמיטע לאזט אונז וויסען, זיינען שוין אין דער ער־שטער וואך געמאכט געווארען א היבש ביסעל סעטעלמענט מיט אינדעפענדענט מאנופעקטשורערס, און די ארבייטער פון יענע שעפער האבען זיך מיט מוזיק צו־ריקגעקערט זיגרייך צו דער ארבייט.

אפליקיישאנס פאר סעטעלמענטס זיינען דא גאר א סך אבער די סעטעל־מענט קאמיטע יאגט זיך ניט צו מאכען סעטעלמענטס. עס ווערט געגעבען גע־נוג צייט די ארגאניזיישאן קאמיטע אויף נאכצוזעהן פאר וועמען די פירמען וואס שיקען אריין אפליקיישאנס, ארבייטען, און דאס סעטלען געהט צו גאנץ פארזיכ־טיג.

אינסטראקשאנס פון דער האל־קאמיטע.

סטרייקער, וועלכע האבען נאך ניט קיין סטרייק־קארטען מוזען זיך מעלדען נאך דעם, וואס פריהער.

שאפ־טשערלייט מוזען זיך זעהן מיט די האל־טשערלייט וואס אפטער.

פאלגענדע שעפער מופען איבער אין אנדערע האללס:

זינגער בראדערס, אמסטערדאם סאקס, מאקס רובעל, דזשארדזש ד. וואור, ראפאפארט און גאטליעב, לארענס, שווארץ, כרמל בראדערס, בלאונער בראַ־דערס — די אלע שעפער ווערען איבער־געמופט אין בריינט האל, 723 זעק־סטע עוועניו, לעבען 42טע סטרים. פאל־לאק און קא., ס. ל. סילווער, בענדזשע־מין פאיט, ל. סיימאן, י. בארענשטיין, טשארלס מייזעל, מייער וועסעל — די אלע ווערען איבערגעמופט אין פולטאן האלל, 209 איסט 2טע סטרים.

וויכטיגע מעלדונג וועגען פיקעטס.

ברודער ה. וואגדער, טשערמאן פון דער פיקעט קאמיטע, אנאנסירט פאלגענ־דע אינפארמיישאן פאר סטרייקערס:

1. ניט צו איבערגעבען קאמפ־ליינטס צו דער פיקעט קאמיטע דורכ'ן טעלעפאן, ווייל מען קען אפט מאכען א טעות אין אן אדרעס און מען פארשוונע־דעט אומזיסט צייט.

2. קאמפליינטס זאל מען ברייננען אויפ'ן ערשטען פלאר אין ארלינגטאן האלל.

3. עס דארפען ניט קומען גרויסע קאמיטעס צו ברענגען א קאמפליינט, בלויז צוויי איז גענוג.

4. בלויז איין מאל זאל א קאמ־פליינט אריינקומען פון א שאפ. עס זאל ניט פאסירען אז עטליכע זאלען מאכען דעמזעלבינען קאמפליינט, פון וואס עס קען ארויסקומען א צומישעניש.

5. וועגען פארלייט און דזוינערס קענען איצט נאך קיין קאמפליינטס ניט אויפגענומען ווערען.

עקזאמינערס און בושלערס, אויפ־מערקזאם!

אלע עקזאמינערס און בושלערס, וואס זיינען ארבייטסלאז און האבען ניט קיין שעפער, זאלען אריינגעבען זייערע נעמען אין אפיס פון עקזאמינערס לאקאל, 78 איסט 10טע סטרים. זיך נאכצופרעג־נען פאר דעם מענעדזשער מ. דזש. אשפיז.

גענ. מעדעם באט אן זיין דיענסט אין קאמף.

די דזשענעראל סטרייק קאמיטע האט באקומען פאלגענדען בריוועלע פון גענ. וולאדימיר מעדעם, פארשטעהער פון „בונד":

צו דער סטרייק קאמיטע פון דער קלאוקמאכערס יוניאן: —

ווערטהע פריינד!

דער גרויסער קאמף, וועלכען איהר פיהרט פאר אייער גערעכטע זאך, רופט ארויס א טיפע באוואונדערונג און באגייסטערונג ביי אלעמען, ווע־מען עס איז נאהענט און טייער די ארבייטער־באוועגונג בכלל און די אידישע ארבייטער באוועגונג בפרט. דער הערליכער סטרייק, וועלכען איהר פיהרט מיט אזא באגייסטערונג און אחדות, וועט זיכער פארבלייבען אין דער געשיכטע פון אונזער באוועגונג, אלס איינע פון די גרעסטע און וויכ־טיגסטע שלאכטען. און איך האף, אז ער וועט האבען דעם בעסטען און שעהנסטען ערפאלג. ס'איז א חוב פון יעדען איינעם, ווער עס שטעהט אין די קעמפענדע רייהען פון פראָ־לעטאריאט, מיטצוהעלפען אייך מיט ווארט און טהאט. ערפילענדיג די דאזיגע פליכט, דריק איך אויס מיין גרייטקייט צו באטייליגען זיך אין אייער גרויסען סטרייק־קאמפיין, און איך בעט אייך אריינצוטראגען מיך אין די רשימה פון די יעניגע, וועל־כע שטעלען זיך צו פארפיגונג פון אייער סטרייק־קאמיטעט.

מיט ברידערליכען גרוס,

וו. מעדעם.

* * *

אזא אנבאט קומט אויך פון איד. סאצ. פארבאנד:

ווערטהער גענ. ב. שלעזינגער און גענאסען פון דער סטרייק קאמיטע:

אין דעם יעצטיגען גרויסען און היסטארישען מאמענט אין דעם לע־בען פון אייער ארגאניזאציאן וואלט געווען א פארברעכען, ווען די אלגע־מיינע ארבייטער באוועגונג זאל אייך ניט קומען צו הילף. דער קאמף פון די קלאוקמאכער איז ניט נאר א קאמף פון די מענער און פרויען, וואס שטעהען אויפ'ן פיקעט־ליין. עס איז א קאמף פון דער גאנצער אידי־שער ארבייטער באוועגונג. די קלאוק מאנופעקטשורערס האבען זיך פאר־מאסטען אין כוחות מיט דער שטארק־סטער צווייג פון דער ארבייטער באַ־וועגונג, איז עס געוויס דער הייליגער חוב פון אלע טהיילען פון דער אר־בייטער באוועגונג צו העלפען דעם קאמף דורכפיהרען צו א פולען זיעג. דער אידישער סאציאליסטישער פאר־באנד איז גרייט אייך צו דינען און העלפען טאן אלע ארבייט וואס די סטרייק קאמיטע וועט געפינען פאר אונז, צו העלפען אייך אין דעם קאמף איז א פריווילעגיע.

מיט אכטונג און ברודער־גרוס,

אקציאנס־קאמיטע פון איד. סאצ. פארבאנד.

די דזשענעראל סטרייק קאמיטע נעהמט עס אן מיט א טיפען חבר'שען געפיהל.

רעזאלוציע פון די ארבייטער פון א געסעטעלטען קלאוק שאפ

ביי א גוט באזוכטען מיטינג פון קליין און מארקוס שאפ, אפגעהאלטען אין בעט־האווען האל, איז די פאלגענדע רעזאלוציע אנגענומען געוואָרען:

נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאס די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן פון די קלאוק מאנופעקטשורער האט אהן אירגענד וועל־כע נאטיס צו אונזער יוניאן געמאכט א פארזוך צו עטאבלירען דעם אלטען שקלא־פען סיסטעם פון שטיק ארבייט, ווי אויך צו פארלענגערען אונזערע ארבייטס־שטונדען, וועלכעס עס איז א פארלעצונג צו דעם יעצטיגען עקזיסטירענדען אגרי־מענט צווישען דער אסאסיאיישאן און דער יוניאן, און נעמענדיג אין אנבאטראכט, דאס דיזע אסאסיאיישאן האט שוין עט־ליכע אגרימענטס אפגעבראכען מיט דער יוני', דארום

זיי עס באשלאסען צו פארדאמען די האנדלונג פון דער פראטעקטיוו אסאסי־איישאן און צו אפלאדירען די שטעלונג פון אונזערע לידערס. מיר פארפליכטען זיך צו שטיצען דעם קאמף מאראליש און פינאנציעל ביז א פאלקאמענער זיג וועט געוואונען ווערען.

ס. גאלדבערג, טשערמאן,
י. בערנשטיין, סעקר.,
אייזיק קאנזערסקי,
מ. אווערבאך,
רעזאלוציאנס קאמיטע.

רעזאלוציע.

מיר, די ארבייטער פון ב. וויינשטיין לידיס טיילארס שאפ, דריקען אויס אונ־זער צופריעדען צו אונזער געוועזענעם שאפ טשערמאן ה. גארדנער פאר זיינע גוטע ארבייט וואס ער האט געלייסטעט און מיר פארהאפען אז ער וועט פארזעצען אין דעם זעלבען גייסט אויך אין דער צוקונפט.

די קאמיטע.
אהרן העקמאן
י. פיינגאלד
עני דאברער.

דרעסמאכער, אויפמערקזאם!

די יוניטי סענטערס זיינען שוין אָפען און איהר קענט זיך איצט אין זיי איינשרייבען. יעדען טאג אין אווענט זיצט א מאן אין אפיס פון דער יוניאן, 16 וועסט 21טע סטרים און רעגיסטרירט די, וועלכע ווילען זיך לערנען און גיט אויך אלע אינפאר־מאציעס בנוגע די קלאסען.

באנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט.

פראַטעקטיוו אסס'ן גערופן צו פאַראַנטוואָרטליכקייט

(שלום פון זייט 1).

רעדען פון „שלום". מר. סטויער האט געזאגט, אז ער גלויבט, דאס מען דארף ניט קיין לייכטערע ארבייטס־וואך. מען קאן זיך אויך באגעהן אהן שטיק־ארבייט... עס איז אויך ניט נויטיג צו פארקלענערן די שכירות אלץ — זאגט ער — וואס די מאנופעקטשורערס ווילען איז, אז די ארבייטער זאלען ניט „סאלדזשערען אן די דזשאב".

איז דאך די פראגע, אויב אזוי, טו צו וואס האט די פראטעקטיוו געצוואונגען די יוניאן ארויסצורופען דעם סטרייק? איז דער תירוץ, אז עס רעדט זיך נאר שחי! דער גאנצער „שלום־אנבאט" שיינט דערוויל צו זיין בלויז א מאנעוור אזא מיט דער אבזיכט, אפשר, אפצושוואכען די פארדאמונג אין דער גאנצער פרעס געגען דער פראטעקטיוו, פאר'ן ברעכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן, און פאר פאראורזאכען דעם סטרייק. דאס וועט זיי אבער ניט געלינגען, אונזער לידערשיפ איז קליגער פון זייערע דיפלאמאטען. פרעזידענט שלעזינגער און די גאנצע פיהרערשאפט פון דער יוניאן וועלען די אגרימענט־ברעכער ניט לאזען פארדרייען די אישום.

מיר וועלען דא איבערגעבען די איינצעלהייטען פון די וויכטיגסטע פאסירונגען דורך דער וואך, כדי אלע אונזערע לעזער פון נאהענט און ווייט זאלען האבען א באגריף וואס ס'איז פארגעקומען און וואו עס האלט מיט'ן סטרייק.

אלזא, נאך דעם ווי מר. סטויער האט זיך דורכגערעדט מיט פרעזידענט שלעזינגער, ווי מיר האבען שוין פריהער אנגעוויזען, האט ער פארעפענטליכט אין דער פרעס א לענגערען סטייטמענט, פון וועלכען מיר גיבען דא איבער דעם תמצית:

„. . . וואס די מאנופעקטשורערס ווילען איז, אז פאר די וויידזשעס וואס זיי צאהלען, זאלען זיי קריגען געגנוג פראדאקשאן. ביז איצטער, זאגען די מאנופעקטשורערס, האבען זיי זיך ניט געקענט פארזיכערען אז זיי זאלען קענען קריגען געגנוג פראדאקשאן. פון דער אנדערער זייט, ווייזט אן מר. שלעזינגער, און אויך אנדערע יוניאן באאמטע ווייזען אן, אז די מעמבערס פון דער יוניאן האבען אלע מאל געגעבען געגנוג פראדאקשאן. זיי ערקלעהרען אויך, אז די יוניאן איז פאראינטערעסירט, ספעציעל פאראינטערעסירט צו זעהן אז די ארבייטער זאלען ארויסגעבען א ריכטיגען טאג ארבייט. הייסט עס, אלזא, אז ביידע צדדים, די יוניאן און די מאנופעקטשורערס, שטימען איין, אז עס דארף זיין פראדאקשאן, און היבאלד אזוי, זעה איך ניט איין ווארום מען זאל ניט קענען דעם קאמף ענדיגען."

אויף דעם סטייטמענט האט פרעזידענט שלעזינגער גלייך געענטפערט. דאס האט איהם געגעבען א געלעגענהייט ווידער א מאל אפצופרישען אין דער פרעס די ריכטיגע אישו פון דעם איצטיגען קאמף און ער האט עס געטאן אויף א קלארען, פארשטענדליכען אופן.

אט איז שלעזינגער'ס סטייטמענט:

„איך האב נעכטען געהאט אן אונפארמעלע קאנפערענץ מיט מר. משה ד. סטויער, קאונסיל פאר די קלאוק, סוט און סקירט מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסס'ן און איך האב אויך געלעזען מיט גרויס אינטערעס דעם סטייטמענט וואס ער האט נעכטען געמאכט פאר דער פרעסע.

ווי איך פארשטעה מר. סטויער'ס שטעלונג, אגיטירט ער ניט פאר אן ענדערונג אין דער ארבייטס־סיסטעם פון וואך־ארבייט אויף שטיק־ארבייט; אויך האלט ער זיך ניט ביי דעם, אז עס מוזען פארלענגערט ווערען די ארבייטס־שטונדען. דאס איז א גרויסער שריט צו דעם שטאנדפונקט פון דער יוניאן וועגען די אישוס וועלכע זיינען פארוויקעלט אין דעם איצטיגען קאמף. אונזער יוניאן איז אבסאלוט און אונטער אלע אומשטענדען געגען דאס ווייטערע איינפיהרען פון שטיק־ארבייט און איז אבסאלוט און אונטער אלע אומשטענדען געגען א פארלענגערונג פון ארבייטס־שטונדען. די שטיק־ארבייט סיסטעם, וועלכע איז געווען אין דער אינדוסטריע פילע יאהרען, האט באשאפען א סך איבלען אין דער אינדוסטריע; עס האט אונטערגעגראבען דאס געזונד און די מאראל פון די ארבייטער און צו דעם נאך האט עס געבראכט ענדלאזע שטרייטיגקייטען צווישען די ארבייטער און בעלי בתים. אין די שפעטערדיגע סיסטעם איז אפגעשאפט געווארען נאך א לאנגען שטרייט. און ווייטזועהענדע מאנופעקטשורערס זיינען געווען איינפארשטאנען, אז די סיסטעם מוז אפגעשאפט ווערען.

„די פארערונג צו פארלענגערען די ארבייטס־שטונדען איז געפעהרליך און אן אומגליק פאר אזא סיזאן־אינדוסטריע ווי עס איז אונזערע. דער געשריי פון ארבייטס־געבער און פון ארבייטער אין אונזער אינדוסטריע איז אלע מאל געווען צו געפינען א מעטאדע ווי אזוי די ארבייטס־סיזאנס צו פארלענגערען, און ווי אזוי קלענער צו מאכען די סלעק־סיזאנס. א פארלענגערונג פון די ארבייטס־שטונדען אין דער צייט פון סיזאן וואלט זיכער געבראכט צו דעם, אז די סלעקס זאלען נאך גרעסער ווערען אין די צווישען־סיזאנס.

„מר. סטויער'ס שטעלונג איז הויפטזעכליך וועגען דעם, אז אן ארבייטס־געבער איז בארעכטיגט צו קריגען א דאלאר'ס ווערט ארבייט פאר א דאלאר וויידזשעס וואס ער צאהלט. די יוניאן נעהמט אן דעם שטאנדפונקט אין גאנצען און אונצוויידייטיג. דער קאלעקטיווער אגרימענט צווישען דער פראטעקטיוו־אסאסיאיישאן און דער יוניאן האט א ספעציעלען פונקט, וואו עס ווערט געזאגט, אז די יוניאן גלויבט אין דעם פרינציפ אז מען זאל ארויסגעבען א גערעכטען טאג ארבייט פאר אן אנשטענדיגען טאג וויידזשעס. די אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן און איהרע לאקאלס האבען אלע מאל געהאט דיזען שטאנדפונקט אין זייערע פארהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורערס.

„די ארגאניזירטע קלאוקמאכער האבען זיך קיינמאל ניט געמאכט פאר א געוואוינהייט און זיי האבען נאר ניט קיין פארלאנג צו „סאלדזשערן אן דהי דזשאב". ניט די יוניאן וויל ערמוטיגען אזא זאך און ניט זי וויל אזא זאך טאלערירען. די יוניאן איז געגען אירגענד וועלכע מעטאדע, וואס קען טרייבען איהרע מעמבערס זיך ארויסצושלאגען דאס געזונד ביי דער ארבייט, אבער זי ערווארטעט אלע מאל אז איהרע מעמבערס זאלען טאן זייער ארבייט ריכטיג און גוט און ארויסגעבען געגנוג ארבייט.

„די קלאוק אינדוסטריע איז אלע מאל אונטערווארפען א פארשידענארטיגקייט פון סטיילס, וועלכע בייטען זיך אפט און וועלכע זיינען גאנץ אנדערש אין איין שאפ פון אן אנדערען, און וועלכע ענדערען זיך אויך פון סיזאן צו סיזאן און אפט פון טאג צו טאג. עס איז ניטא אזא זאך ווי אן אנערקענטע איינהייטליכקייט אין דער ארבייט. דערפאר איז אבסאלוט פראקטיש אונמעגליך איינצושטעלען אן אלגעמיינעם סטאנדארד אוו פראדאקשאן אין דער אינדוסטריע.

„די פראגע צי אן ארבייטער קומט נאך זיינע פליכטען און ניט ארויס געגנוג ארבייט קען נאר געלייזט ווערען און באהאנדעלט ווערען אין יעדען איינצעלנעם פאל באזונדער, נעהמענדיג, פארשטעהט זיך, אין אנבאטראכט אלע ארומיגע אומשטענדען ארום דעם ארבייטער און ארום דעם שאפ. די יוניאן איז אלע מאל גרייט צו געהן האנד אין האנד און מיטהעלפען צו זעהן אז עס זאל ניט זיין קיין „סאלדזשערינג", און טאקע דאס האבענדיג אין זינען, איז געשאפען געווארען די דזשאינט קאמישאן. וואס האט געארבייט אונטער דעם אגרימענט צווישען ביידע צדדים. די יוניאן וועט זיין צופרידען זיך צו באטייליגען אין איבערבויען אין איינשטעלען אזא מאשינערי און איז איבערצייגט, אז דאס קען ברענגען צו אזא פונקט, אז די צווישען־באציהונגען צווישען ביידע צדדים זאלען ארבייטען צופרידענשטעלענד, סיי דער מאנופעקטשורער און סיי די ארבייטער זאלען זיין מיט דעם צופרידען.

„די הויפט אישו אין דעם איצטיגען סטרייק איז אבער און וועט אויך בלייבען דער פרינציפ פון אויספאלגען א קאנטראקט און אן אגרימענט זאל זיין אן אגרימענט און אן אפמאך אן אפמאך. אויב מר. סטויער, וועלכער קוקט אויס צו נעהמען א יושר'דיגע און א שכל'דיגע שטעלונג אין דער אנגעלעגענהייט, וועט קענען באוועגען די מאנופעקטשורערס, אז זיי זאלען צוריקרופען זייער באשלוס און באשעפטיגען די ארבייטער לויט דעם אגרימענט וואס מיר האבען געהאט מיט זיי, וועט די טענה פון די בעלי בתים, וואס אנבאלאנגט דעם „סאלדזשערן אן דהי דזשאב", קענען אויפגענומען און באטראכט ווערען אין א צופרידענשטעלענדען וועג פון ביידע צדדים."

און אויסגעלאזען האט זיך, דאס דערוויל האט מר. סטויער זיינע קליענטען ניט געקאנט באוועגען דאס צו טאן. די באלעבאטים ווייסען שוין טאקע אז זיי זיינען געשלאגען, אבער זיי האבען נאך ניט באקומען געגנוג קלעפ אויף זיך אונטערצוגעבען. זיי האבען שוין באקומען געגנוג שטורכעס, אבער זיי קאנען נאך זיך האלטען אויף די פיס. עס איז נאך צו פריה זיי זאלען זיך אונטערגעבען. האט די פראטעקטיוו אסס'ן נאכדעם אפגעהאלטען א מיטינג און באשלאסען זייער אדוואקאט'ס שלום־טאקטיק צו פארווארפען. „אויב זאגען זיי, די יוניאן וויל ניט אפטרעטען פון איהר פאליסי, טו זאל זיין קריעג ביז ארונטער.

פאר אונזער קריגס־דעפארטמענט איז דאס ניט געווען קיין איבעראשונג. די יוניאן האט נאך פריהער זיך גוט צוגעגרייט צו פיהרען דעם קאמף ביז ארונטער, ביז די הארטנעקיגקייט פון די באסעס וועט געבראכען ווערען, ווי דאס איז שוין געטאן געווארען עטליכע מאל פריהער.

נאך דער פאסירונג האט דער סטרייק אנגענומען אביסעל א נייע ווענדונג. די לאזונג פון דער יוניאן איז געווארען:

מען מוז די באסעס פון דער פראטעקטיוו איין מאל פאר אלע מאל ברייינגען צו פאראנטווארטליכקייט!

מען מוז זיי געבען צופארשטעהן, פשוט זיי אנלערנען, אז אגרימענטס ווערען ניט געמאכט אויף אפצוברעכען, ווי די פראטעקטיוו פראקטיצירט שוין זייט עטליכע יאהר; מען מוז זיי אנלערנען, אז זיי זאלען וויסען, דאס אויב אגרימענטס ווערען געמאכט, דארפען זיי אפגעהיט ווערען, און אז באסעס אסס'נס דארפען אפהיטען אגרימענטס פונקט ווי די יוניאן טוט עס. און די יוניאן איז גרייט זיך צו ווענדען אין קאורט פאר אן אינדזשאנקשאן קעגען די פראטעקטיוו אסס'ן, פאר ברעכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן.

ווי מיר האבען שוין פריהער אנגעוויזען, פילט זיך די פראטעקטיוו שוין געשלאגען, און זי וועט געווים צופרידען זיין, ווען ווער ניט איז זאל זיך אריינמישען ווענען מאכען א פשרה. זאגט די יוניאן שוין באצייטענס:

„בלויז איין פשרה קאן דא געמאכט ווערען, — די באסעס פון די פראטעקטיוו אסס'ן זאלען האלטען און אפהיטען דעם אגרימענט אין טרייד, וועלכער האט געדארפט זיין אין קראפט ביז דעם 1טען דזשון, 1922". ווען אט דער אגרימענט וועט אויסגעהן, — טענה'ן די פארשטעהער פון דער יוניאן, — וועט מען רעדען וועגען „נייע רעפארמען". דערוויל אבער האבען מיר אן אגרימענט און מיר וועלען צווינגען די באסעס דורך קאורט דעם אגרימענט צו האלטען.

אט די בריה'שקייט פון די פראטעקטיוו אויף צו ברעכען אגרימענטס, און אויך וועגען דעם לעצטען „דיפלאמאטישען" מוף פון הער סטויער'ס „שלום־אנבאט", ווערט אויף א זעהר כאראקטעריסטישען אופן קלאר געמאכט פון פרעזידענט שלעזינגער אין דעם פאלגענדען סטייטמענט:

„די פאזיציע, וואס די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן האט זיך איצט אויסגעקליבען איז קונציג אויסגעארבייט געווארען מיט אן אבזיכט אוועקצונעהמען די אויפמערקזאמקייט פון דער עפענטליכער מיינונג איבער דער הויפט אישו פון דעם קאמף.

„די „פרינציפען", ווי אויפריכטיג זיי זיינען ניט אויסגעשטעלט פון דעם אדוואקאט פון דער אסאסיאיישאן, אז „אן ארבייטס־געבער איז בארעכטיגט צו קריגען א דאלאר ווערט ארבייט פאר א דאלאר וויידזשעס, וואס ער צאהלט", און וואס עס קען און דארף זיין די מעטאדע, דאס פעסטצושטעלען; און וואס פאר א מאשינערי עס דארף איינגעריכטעט ווערען צו שליכטען סכסוכים איבער דעם — דאס אלץ זיינען זעלבסטפארשטענדליכע זאכען און זיינען אישוס אין יעדען אינדוסטריעלען קאמף. זיי מיינען אבער גאר ניט אין שייכות מיט דעם איצטיגען קלאוקמאכער קאמף און האבען גאר ניט צו טאן מיט די ספעציעלע אורזאכען פון דעם איצטיגען קאמף. זיי פארריכטען אויך ניט די גרויסע עולה, איבער וועלכע די ארבייטער קלאגען זיך אזוי גערעכט און מיט אזוי פיל אמת, און דערפאר פיהרען ניט די אנגעוויזענע פרינציפען פון דעם אדוואקאט פון דער אסס'ן אויף א וועג צו א סעטעלמענט.

„אונטער די איבערפלעכליך שעהנע און פיינקלינגענדע אלגעמיינהייטען (פון די סטייטמענטס פון דער אסס'ן) ליגט דער געדאנק, אז מאנופעקטשורערס זיינען אלע מאל פריי אויסצומאכען אן אגרימענט, ווען נאר זיי געפעלט, און ארויפצוצווינגען אויף זייערע ארבייטער אזעלכע ארבייטס־באדינגונגען, וועלכע זיינען בלויז יושר'דיג פון דעם „גערעכטיגקייטס"־שטאנדפונקט פון די בעלי בתים.

„די יוניאן וועט ניט ערלויבען, אז דיזע אישו זאל אוועקגעמאכט ווערען מיט'ן האנד. די יוניאן שטעהט ביי דעם, אז דער איצטיגער אגרימענט זאל ריכטיג און אין גאנצען דורכגעפיהרט ווערען. און ניט דערפאר, ווייל די יוניאן וויל זיך האלטען ביי א טעכנישען פונקט, נאר דערפאר, ווייל זי זעהט אין דעם אן אונגעהויער וויכטיגע און דורכאויס פראקטישע אנגעלעגענהייט.

„אין די עלף יאהר פון קאנטראקטליכע באציהונגען צווישען דער פראטעקטיוו אסס'ן און אונזער יוניאן האבען די בעלי בתים פיער מאל געבראכען זייערע אגרימענטס מיט די ארבייטער.

„אין יאהר 1915 האבען זיי געבראכען דעם „פראטאקאל", וואס איז צושטאנד געבראכט געווארען הויפטזעכליך דורך סופרים קאורט דזשאסטיס לואיס בראנדעיס, דורך דעם אנצוהאלטען א שטענדיגען פרידען אין דער אינדוסטריע. זיי האבען עס געטאן, ווייל זיי איז ניט געפעלען געווארען אן ענטשיידונג פון א באארד אוו ארביטריישאן וועגען זייער נעהמען זיך דאס רעכט צו דיסטשארדזשען ארבייטער.

„אין יאהר 1916 האבען זיי געמאכט א סוף צו אן עקזיסטירענדען אגרימענט, ווייל זיי איז ניט געפעלען געווארען אן ענטשיידונג פון דעם דאמאלסדיגען „קאונסיל אוו קאנסיליאיישאן", וואס איז געווען באשטימט פון דעם דאמאלסדיגען מעיאר מיטשעל און איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון אזעלכע לייטע ווי דר. פעליקס אדלער, דזשאסטיס בראנדייס, דזשאדזש וואלטער ס. נעיס און אנדערע אזעלכע מענשען מיט גרויסע געזעלשאפטליכע רעפוטאציעס.

„דיזע האנדלונגען פון די מאנופעקטשורערס האבען דאן ארויסגערופען א שטורעמדיגען געזעלשאפטליכען פראטעסט און יעדע האנדלונג פון זיי איז אויך געווען באגלייט מיט א שארפען אינדוסטריעלען קאמף. אבער אונזערע מאנופעקטשורערס האבען, ווייזט אויס, נאר ניט געלערנט פון דער פארגאנגענהייט. אין יאהר 1921 געפינען מיר זיי ווייטער אין אפענעם און עזות'דיגען ברעכען אן אגרימענט און אויף א צוויפאכען שטייגער. איין מאל, מיט זעקס חדשים צוריק, ווענדענדיג אומווארפען די פונקטען פון אגרימענט וועגען ארבייטס־סיסטעם און ארבייטס־שטונדען; און איצט, זעקס מאנאטען פאר'ן סוף פון אגרימענט, מיט זייער קאלטען איגנארירען די דזשאינט קאמישאן איבער פראדוקציאן, וואס איז אנגעשטעלט געווארען דורך א געמיינשאפטליכען אגרימענט.

„די שטעלונג פון די מאנופעקטשורערס קוקט אויס צו זיין, אז אן אגרימענט צווישען בעלי בתים און ארבייטער איז ניט מעהר ווי א „סקרעפ אוו פייפער". אויב מען זאל זיי ערלויבען אנצוהאלטען די שטעלונג, וואס פאר א כח און וואס פאר א פארזיכערונג וועט זיין אין א נייעם אגרימענט, ווי פארגעשלאגען פון מר. סטויער, אדער אויף וועלכע עס איז אנדערע ליניען? איידער א נייער אגרימענט מיט אונזערע בעלי בתים קען גענומען ווערען אין אנבאטראכט, מוז פעסטגעשטעלט ווערען דער פרינציפ, אז אגרימענטס ווערען געמאכט זיי אויסצופאלגען און אפצוהיטען, ניט אויף צו ברעכען זיי. די מאנופעקטשורערס מוזען צוריקציהען זייער באשלוס און אנערקענען זייער פארפליכטונג, אונטער דעם איצטיגען קאנטראקט, ביז דעם 1טען דזשון, 1922, איידער פארהאנדלונגען, פאר ווייטערע אראנזשמענטס קענען זיך אנפאנגען מיט זיי."

ווי איהר זעהט, באקומען דא די באסעס דעם פולען צעטעל פון די אלע אגרימענטס מיט דער קלאוקמאכער יוניאן, וואס זיי האבען אפגעבראכען און זיי שטעהען איצט פאר דער עפענטליכער מיינונג פון גאנצען לאנד אלס די טשעמפיאן אגרימענט־ברעכער אין אמעריקא! און איצט וועט די יוניאן זיי רופען צו פאראנטווארטליכקייט. דאס וועט זיי מעהר אזוי גלאט ניט אבגעהן. זיי וועלען מוזען קומען אין קאורט ענטפערען, ווארום אן אגרימענט, וועלכען זיי אליין

„העמלאק"

(ערצעהלונג)

פון ו. קלאדקא

(שלוס)

עטוואס באקאנטעס איז געווען אין די דאזיגע לידער. ערגעץ, מיט פילע יאהרען צוריק, אין אן אנדער וועלט, האב איך אזעלכע לידער געהערט. „העמלאקס" לידער האבען געשמעקט מיט דעם ריח פון פעלד און געיובעלט מיט דער פרייד פון קאמף. אזוי זיינען העלדען ערב א שלאכט; מיט אזא פרייד באגעגענט דער וואסערפויגעל דעם אנקומענדען שטורם. די לידער פלעגען ציגרען מיין בלוט, צו־שפארען די ווענד פון מיין איינזאמקייט, פארטרייבען די קרענקליכע אפיס־ריחות פון אמאר קאיאם, און רופען אין גאס אריין, צו די מענשען, צו טעטיגקייט, צום לעבען. איך האב געפיהלט אז איך שטעה אויף תחית המתים, אז איך געה ארויס פון א קבר אין וועלכען איך בין פילע יאה־רען געווען באגראבען.

„איך לעב דאך! איך לעב דאך!" פלעג איך אויסשרייען יעדען מאל ווען איך האב די לידער געלעזען.

איך האב געוואלט קאנען דעם זינגער פערזענליך. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין די לאנגע יאהרען פון מיין איינ־זאמקייט וואס איך האב געגארט מיט עמיצען צו באקאנען זיך.

אבער אום צו באקאנען זיך מוז מען געהן, זוכען, פרעגען; מיט איין ווארט, מען מוז טאן. און מענשען ווי איך, איינזאמע, אין זיך פארשלאסענע טרוי־מער, האבען פיינט טעטיגקייט; זיי אנט־לויפען פון דעם לעבען, מיידען אוים די ווירקליכקייט. אין זייער געבוי פעהלט יענער עלעמענט, וועלכען מען רופט די דינאמישע קראפט. דער איינזאמער, אין זיך פארשלאסענער טרוימער ווייסט ניט פון קיין אקטען; זיינע געדאנקען און פארלאנגען גיסען זיך אוים אין דער פאר־מע פון טרוימען, פאנטאזיעס.

האב איך זיך אין דער פאנטאזיע באַ־פריינדעט מיט העמלאק'ן, דעם זינגער פון די לידער.

איז העמלאק א מאן אדער א פרוי? די דאזיגע פראגע האב איך גלייך ענט־שיידען אהן דעם מינדסטען צווייפעל.

„האמלאק", האב איך געזאגט, „איז דער נאמען פון א גיפטיגען גראז, און א פרוי וועט זיך רופען די נעמען פון אלע בלומען פון פעלד, ווי מארגארעט, ראז, לילי, א. אז. וו., אבער קיינמאל ניט העמ־לאק.

און איך האב זיך פארגעשטעלט העמ־לאק'ן אלס אן עלטערען מאן מיט א גרוי־סען, קלוגען קאפ און אדלער־אויגען. ווא־כען און מאנאטען האב איך מיט דעם דא־זיגען גרויסען קלוגען קאפ פארבראכט. ער פלעגט מיך באגלייטען אין מיינע איינזאמע שפאצירען, און לאנגע געשפרע־כען האבען מיר געפיהרט איבער פארשי־דענע געגענשטאנדען.

איך האב העמלאק'ן גוט געקענט. איך האב געקאנט דעם גרויסען, קלוגען קאפ מיט די אדלער־אויגען, און דאך טיף אין הארצען האט געגליהט א פארלאנג, טיף אין הארצען האב איך געבענקט צו באקאנען זיך מיט העמלאק'ן אין דער ווירקליכקייט. אזוי בענקט אן ארעסטאנט יאהרען־לאנג נאך דער פרייהייט, אבער ער טוט גארניט צו באפרייען זיך, ווייל ער ווייסט אז די קייטען וועט ער אלץ איינס ניט קאנען צורייסען, אז די ווענט פון דער טורמע וועט ער אלץ איינס ניט דורכברעכען; און ער בענקט און ווארט און גלויבט, אז א נס וועט געשעהען.

אויף אזא נס האב איך געהאפט.

און איינמאל, נאר איינמאל אין מיין לעבען (אה, פארפלוכטע ווירקליכקייט!), איז א נס געשעהען; איין מאל אין מיין לעבען איז איינער פון מיינע גאלדענע טרוימען פארווירקליכט געווארען.

עס איז געווען א שעהנער זומערדי־גער טאג, א פאר שטונדען פאר מיטאג, ווען דער סופעראינטענדענט איז אריי־נגעקומען אין אונזער צימער מיט א נייער סטענאגראפיסטין, וועלכע האט נאר וואס געקראגען די שטעלע. זי איז געווען אין מיין עלטער, פיליכט יונגער מיט א צוויי יאהר, שלאנק און שעהן ווי א גריכישע געטין; אויגען שווארץ און ווייך, ווי די שווארצע ווייכע נעכט אין די לענדער פון אייביגען זומער.

דער סופעראינטענדענט האט אונז פארגעשטעלט, און ווען ער האט ארויסגע־רעדט מיין נאמען, האב איך באמערקט אז איהרע גרויסע שווארצע אויגען האבען זיך נאך ברייטער געעפענט, און די אוי־בערשטע שורה פון איהרע פערל־ווייסע ציהן האבען זיך פארלעגט אויף דער אונטערשטער ליפ. זי האט ענערגיש געדריקט מיין האנט, עזוי ווי א מאן, און מיך באטראכט פון קאפ ביז די פיס.

צוועלף א זייגער זענען מיר ארויס עסען מיטאג. זי האט געוואלט וויסען, וואו איך עס. איך האב איהר געזאגט.

„איז דאס א גוטער רעסטאראן?" האט זי געפרעגט.

„עס מוז שוין זיין א גוטער, אז איך עס דארטען."

איך האב באמערקט, אז זי האט גע־רעדט ניט דאס וואס זי האט געוואלט רעדען. זי האט געוואלט עפעס פרעגען; דאס איז פאר מיר געווען גאנץ קלאר, אבער איך ציה קיינעם ניט ביים צונג.

„ערגעץ האב איך געהערט אזא נאמען ווי אייערען", זאגט זי צו מיר, ווען מיר זענען שוין געזעסען אין רעסטאראן ביי א טישעל, און נעמט קיין אויג ניט ארא פון דעם בלום אין לאץ פון מיין ראק.

„אין א שטאט ווי נויארק קאנט איהר געפינען אזעלכע נעמען אין די טויזענ־דער", האב איך געענטפערט.

„לעזט איהר ניט דעם־און־דעם זשור־נאל?" פרעגט זי אביסעל ענטוישט.

„יא, איך לעז איהם שוין א יאהר פינף."

„זענט איהר ניט דער זעלבער וואס שרייבט אפט ערצעהלונגען אין דעם זשור־נאל?"

„איך שרייב, אבער גארניט אפט", האב איך געענטפערט און בשעת מעשה הנאה געהאט וואס אזא שעהנע מיידעל האט געלעזען מיינע ערצעהלונגען.

„ווירקליך?!"

איך האב געשאקעלט מיט'ן קאפ, גע־שמייכעלט און געקוקט אזוי באשיידען אזוי ווי א העלד, ווען מען טוט איהם אן דעם לארבער־קראנץ.

„אך, וואס פאר א גליקליכער צוזאמ־מענטרעפען!" האט זי אויסגעשריען באַ־גייסטערט, „איך האב געטראכט וועגען אייך, אבער איך האב זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט אז איהר זעהט אוים אזוי... אזוי ווי א דענדי מיט א ווייסער בלום אין לאץ", און זי האט זיך צולאכט מיט אן אנשטעקענדען געלעכטער.

„ווי אזוי האב איך זיך אייך דען פאר־געשטעלט?" האב איך געפרעגט מיטלא־כענדיג.

„איך ווייס ניט... איך האב געדענקט אז איהר וואנדערט ארום מיט טרעמפס, מיט מאטראזען אויף שיפען, אין קורצען, א קומענדער דזשעק לאנדאן."

אך, ווי איהרע פריינד וועלען זיין איבערראשט, ווען זיי וועלען געוואר ווע־רען אז דער שרייבער וועגען וועלכען זיי האבען אפט גערעדט ארבייט נאר מיט איהר צוזאמען פאר דער זעלבער פירמע.

„צי וואלט איך ניט געוואלט קומען צו זיי אמאל?"

„געוויס וואלט איך געוואלט."

אין אווענט האב איך איהר באגלייט צו דער סאבוויי. זי האט גערעדט וועגען דעם זשורנאל און האט זיך ניט גע־קאנט אפלויבען פון מיינע ערצעהלונגען.

„קענט איהר זיך גוט מיט'ן רעדאק־טאר?" האט זי מיך געפרעגט.

„איך קען איהם גאר ניט; איך האב איהם קיינמאל ניט געזעהען."

„ווי קומט עס?"

„מען האט מיך א פאר מאל איינגע־לאדען צו קומען אין דער רעדאקציע, אבער איך האב זיך ניט טויגענדיג גע־טאכט."

„הייסט עס איהר קאנט דארט קיינעם ניט?"

„אבסאלוט קיינעם."

„און וואס דענקט איהר וועגען „העמ־לאק'ן?", האט זי געפרעגט, און איהרע אויגען האבען געלאכט.

„העמלאק!" האב איך אויסגעשריגען, „איך וואלט אוועקגעגעבען א קעניגרייך נאר צו זעהען איהם.

„איהם?! הא, הא, הא! איהם?! הע, הע הע! האט מיין פארהערערין גע־לאכט אזוי שטארק אז טרערען האבען זיך איהר געשטעלט אין די אויגען.

איך בין געשטאנען א צוטומעלטער. איך האב פארשטאנען אז מיין פאנטאזיע האט מיך אפגענארט; דאס בילד וואס איך האב זיך פארגעשטעלט איז געווען א פאלשעס. און דער גרויסער קאפ מיט די אדלער אויגען איז געווארען אלץ בלייכער און בלייכער, און איז אוועקגעגאנגען אלץ ווייטער, ווייטער, ווערענד מיין פריינ־דין'ס געלעכטער האט געהערט אין מיי־נע אויערען אזוי ווי דאס קרעכצען פון טויזענד פאלענדע מויערען.

„איז „העמלאק" ניט קיין מאן?"

„געוויס איז זי ניט קיין מאן; אויב איהר ווילט זי קאנען מוזט איהר קומען צו אונז אין א זונטאג."

„איהר וועט מיך לאזען ניט דארפען בעטען."

דעם צווייטען טאג האבען מיר ווידער געגעסען. מיר האבען גערעדט אלע זעכ־ציג מינוט פון דער מיטאג שטונדע. מיר האבען ניט געפיהלט קיין טעם אין דעם עסען, מיר האבען ניט געוואוסט וואס מיר האבען געגעסען. איך האב זיך עטליכע מאל נאכגעפרעגט אויף העמלאק'ן, אבער מיין פריינדין האט אלץ אפגעווענדעט דעם געשפרעך אין אנדער ריכטונג.

אין אווענט געהענדיג צו דער סאבוויי האבען מיר גערעדט וועגען די טעאטערען אין נויארק, וועגען דער געשמאקלאזיג־קייט פון די באזוכער, אין דער אבוועזענ־הייט פון קונסט. דאן איז אונזער גע־שפרעך ארויפגעקומען אויף דער מאדער־נער ליטעראטור וועגען וועלכער מיין פריינדין האט גערעדט מיט פארדאכטונג. איהרע אויגען האבען געשפריצט מיט פייער ווען זי האט גערעדט וועגען אונ־זערע „בעסערע" שרייבער, די שארלאטא־נעם און שוועכלינגע, וועלכע האבען פאר א גוטען מאלצייט און א ווייכען געלע־גער פראסטיטוירט זייער טאלאנט אזוי שנעל ווי דער מאב איז געוואר געווארען אז זיי באזיצען עפעס.

„די מאדערנע בעלעטריסטיק איז לאנג־ווייליג; זי קען ניט מיטרייסען דעם לע־זער, זי קען ניט באפליגלען זיין פאנ־טאזיע, רופט ניט ארויס קיינע געדאנ־קען. איבערגעלעזען דאס ביכעל פארמא־כען מיר עס און מיר פארגעסען וועגען דעם. די מאדערנע פאעזיע איז קאלט און גרוי; נישטא אין איהר דער האמערישער געלעכטער, און די שווארצע דאנטישע מעלאנכאליע. קליינינקע געפיהלען, קליי־נינקע געדאנקען אין א גע'פגר'טער פאר־מע. אין דער מאדערנער פילאזאפיע הערשט דער קרעמערשער יוטיליטאריזם, און דער פייגער פראגמאטיזם. אלעס איז באדעקט מיט בלומען און פארזיסט מיט צוקער, גוט און זיס, שעהן און פיין. נישטא דער טיפער געדאנק, דאס שטאר־קע ליד, די געוואגטע טאט. דער וואס האט ערשט געבכט אין זיין איינזאמער שטייג רעוואלטירט געגען דעם דאזיגען גייסט פון דעמאגאגיע, דער וואס האט זיך ערשט נעכטען געגרייט פאנאנדער־וויקלען די פאהן פון אויפשטאנד, איז היינט אויפגעכאפט געווארען פון דעם מאב מיט הורא־געשרייען. ער האט פארמאכט די אויגען פון פארגעניגען און זיך געלאזט טראגען."

מיין פריינדין האט זיך אפגעשטעלט פאר א ווײלע צו כאפען דעם אטעם. איהרע באקען האבען געפלאמט, די ווייכקייט פון איהרע שווארצע אויגען איז פארשוואונ־דען. זיי האבען אויסגעזעהן ביין און הארט, אזוי ווי שטאל.

„דאן מוזען מיר זיך אומקעהרען צו־ריק צו די אלטע", האב איך זיך אפגערו־פען, און איידער איך האב נאך צייט גע־האט צו זאגען נאך א ווארט, האט מיר מיין פריינדין איבערגעשלאגען מיט דער זעלבער היץ און ליידענשאפט מיט וועל־כער זי האט פריהער גערעדט.

„צו די אלטע? ניין! צוריק געהט מען ניט. דער־וואס האט שוין אויסגע־טאן די קינדער־קליידער, וועט זיי נאך אמאל ניט אנטאן. דעם היינטיגען מענ־שען, דעם מענשען וועלכער פאהרט אויף עראפלאנען, רעדט דורך טעלעפאן און טעלעגראף, וועלכער האט פארניכטעט צייט און רוים, דעם מענשען קען מען צו־ריק צו די אלטע ניט טרייבען. נייע פארמען זיינען נויטיג, א נייע ווארט, א נייער געדאנק. איהר ווייסט" — זי האט זיך אפגעשטעלט, מיר אריינגעקוקט אין די אויגען, און זיך צולאכט. — „איהר ווייסט, צייטענווייז שטעל איך מיר פאר אז עס וועט קומען א העלד, א שמשון, און וועט אנצינדען א פייער אין אלע ביב־ליאטעקען, אלע מוזעאומס, און מיט איינ־מאל אפרייניגען די ערד פון דעם גאנ־צען באלאסט וואס האט זיך אנגעקליבען. דאן וועט קומען דער רענעסאנס. איך האב אמאל אנגעשריבען אזא פאעמע."

עס איז שוין געווארען נאכט. די לאמפען האבען זיך אנגעצונדען אויף ביי־דע זייטען פון דער לאנגער גאס און הא־בען אויסגעזעהן אזוי ווי צוויי לאנגע גאלדענע קייטען. איך האב פארגעשלא־גען מיין פריינדין צו עסען סאפער מיט מיר אין רעסטאראן; זי האט זיך ענט־זאגט, ווייל איהר מוטער, האט זי געזאגט, וועט ווארטען אויף איהר מיט'ן עסען.

יענעם אבענד בין איך געוואר גע־ווארען אז „העמלאק" איז געווען דער נא־מען פון מיין פריינדין.

ביז שפעט אין דער נאכט האב איך ארומגעשפאנט איבער מיין צימער, און מיינע געדאנקען זיינען געווען פול מיט העמלאק'ן. איך האב געטראכט וועגען דעם וואס מיר האבען גערעדט. יעדער געדאנק, יעדע פראזע, יעדער ווארט האט זיך איינ־געשניטען אין מיין זכרון.

אין יענער נאכט האב איך לאנג ניט געקאנט איינשלאפען. אין די לאנגע יאה־רען פון מיין איינזאמקייט האב איך זיך אפגעוואוינט פון באגעגענישען, איבערראַ־שונגען, אדער וועלכע עס איז ענדערונגען אין מיין טאג־טעגליכען לעבען. איין טאג איז געווען פונקט ווי דער צווייטער. די יאהרען זיינען, ווי טראפען וואסער, גע־ווען ענליך איינס צום צווייטען, און מיינע נערווען האבען זיך אפגעוואוינט פון אויפ־רעגונגען. די באגעגעניש מיט העמלאק'ן האט געהאט אויף מיר אזא ווירקונג, אזוי ווי א שטארקע דאזע פון אן אויפרעגענדען געטראנק קאן האבען אויף א מענשען, וועלכער טרינקט דאס צום ערשטען מאל.

ענדליך בין איך איינגעשלאפען; און ווען איך בין אויפגעשטאנען אין דער פריה איז מיין קאפ ווידער געווען פול מיט העמ־לאק'ן. אלעס ארום מיר האט געזונגען. קיינמאל בין איך ניט געגאנגען צו מיין ארבייט אזוי גערן ווי אין יענעם פריה־מארגען.

אבער יענעם טאג איז העמלאק גע־ווען קאלט צו מיר און מיר האבען ווינציג גערעדט. אין אווענט זיינען מיר געגאנ־גען צו דער סאבוויי אין דרייען — זי, איך און דער בוכהאלטער, א גאנץ פלאכער יונגערמאן פון א יאהר עטליכע און צוואנ־ציג, וועלכער האט געוואוסט ניט מעהר ווי זיין בוכהאלטעריע, ספארטס און די וואדעווילס, פון וואנען ער פלעגט שעפען זיינע חכמות.

פרייטאג האט העמלאק אויסגעזעהן אזוי ווי ברונז. איך האב פארשטאנען, אז דאס וואס זי האט געפילט איז געווען פיל ערגער, פיל שארפער ווי באלידי־גונג — עס איז געווען אנטוישונג. איך בין ניט געווען דער, וועלכען זי האט זיך פארגעשטעלט, פון וועלכען זי האט גע־טרוימט. אויף מיין פנים איז ניט געווען אויסגעגאסען יענער צער, וועלכער האט זיך געפילט אין מיין שרייבען. מיין באַ־שעפטיגונג, מיין רייגער אויסגעפרעסטער אנצוג, מיין גאנצער ארט לעבען איז גע־ווען אזוי ווייט פון די בילדער, וועלכע איך האב געשילדערט.

אט בין איך געזעסען ביים טישעל, אן אויסגעפוצטער, אויסגעקעמטער, פארפיר־מירטער, מיט א ווייסער בלום אין לאץ און געמאסטען, גערעכענט און געצייכענט, א גאנץ געוואוינליכער קליינינקער עגאאיסט מיט די זעלבע מעלות און חסרונות פון מי־ליאנען אנדערע קליינינקע עגאאיסטען, וועלכע אזא קרעמעריש־דעמאקראטישער יאהר הונדערט האט געקאנט שאפען.

און העמלאק האט געפיהלט, אז איך האב זי אפגענארט. די חסרונות וואס זי האט פארזעהן אין אנדערע מענשען, האט זי מיר ניט געקאנט מוחל זיין.

איך האב דאס פארשטאנען. איך האב פארשטאנען, אז דאס איז די שטראף פון דעם העלד, וועלכער פארלאזט זיין פעדעס־טאל און געהט ארא אין גאס אריין; דאס איז די שטראף פון די געטער, וועלכע בי־דערען ארא פון זייערע הימלען און קומען אין מארק אריין. זאלען זיי נאר זיך א גלימש טאן און אויף קיינעם ווערט מען ניט ווארפען די שטיינער אזוי גערן ווי אויף זיי.

שבת האבען מיר געארבייט א האלבען טאג. ווען מיר זיינען ארוים אין גאס האַ־בען העמלאק און דער בוכהאלטער מיר געזאגט, אז זיי געהען אין ראקאוויי ביטש און מיך געפרעגט, אויב איך וועל מיט־געהן. איך האב זיך אנטזאגט, און זיי זיינען אוועק צופרידענע, פריילינבע, פלאפ־לענדיג וועגען דעם וועטער, וועגען פאר־שידענע באדעפלעצער א. אז. וו.

ס'איז געווען א ליכטיגער הייסער זומער טאג, אבער פאר מיר איז ער געווען פינ־סטער, און איך האב געציטערט פון קעלט. מיר האט זיך געדאכט, אז איך בין איינ־געשרומפען, קלענער געווארען. די פעסט־קייט, די רוהינקייט, יענע הארמאניע פון גייסט און קערפער, וועלכע איך האב גע־פילט אין די לעצטע יאהרען פון מיין איינ־זאמקייט איז פלוצלינג פארשוואונדען גע־ווארען.

איך בין געזעסען אין מיין צימער און מיין נשמה האט געוויינט מיט בלוט. מיר האט זיך געדאכט, אז פרעמדע מענשען האבען זיך אריינגעריסען אין מיין הייליגער איינזאמקייט, זי צובראכען, צוריסען און באשפיגען.

איך בין געפאלען אויף די קני, מיין פנים איינגעגראבען אין די הענט, מיין גאנצער קערפער האט געציטערט אין קאנ־וואולסיעס און פון מיינע ליפען האט זיך א תפילה ארויסגעריסען, א תפילה, פון וועלכער יעטווידער ווארט איז געווען אנ־געזאפט מיט הייסע בלוט: „איינזאמקייט, אה, ליבע, הייליגע איינזאמקייט! עפען דיינע ארעמס און עמפפאנג מיך, ווי א מו־טער עמפפאנגט איהר קינד, וועלכעס האט זיך, נאך לאנגע יאהרען פון וואנדערען, צוריקגעקערט, מיד, קראנק און צובראכען. ווי א פארצווייפעלטע שטאדט, וואס פלעגט עפענען איהרע טויערען צו עמפפאנגען איהרע זיהן, וועלכע זיינען צוריקגעלאפען

(שלוס אויף זייט 14)

שיקאגא'ער קלאוקמאכער גרייט צום קאמף געגען שטיק־ארבייט

פון מאררים זיסקינד.

די קלאוק־מאנופעקטשורערס פון שי־קאגא האבען אנגענומען אן ענליכען באשלוס, ווי דער, וואס איז אנגענומען געווארען פון זייערע חברים אין ניו יארק. דער באשלוס איז, אז דאנערשטאג, דעם ערשטען דעצעמבער, 1921, זאל מען אפ־שאפען וואך־ארבייט און איינפיהרען צו־ריק שטיק־ארבייט; פארלענגערען די שטונדען פון די ארבייט און רעדוצירען די ווייזשעס פון דעם פאך ארבייטער, וואס וועט בלייבען ארבייטען פון וואך (די קאטערס).

קיין נייעס איז היינטיגע צייטען ניט צו הערען, אז באסעס קומען זיך צוזאמען צו א מיטינג פון זייער אסאסיאיישאן און באשליסען צו צונעמען פון די ארבייטער אלעס, וואס זיי האבען אויסגעקעמפט אין א משך פון יאהרען, דורך קאמף און אפפער.

די פראגע איז בלויז, האבען די קלאוק מאנופעקטשורערס איבערגעטראכט, וואס זיי האבען באשלאסען צו טאן? האבען די ווירקליך בארעכענט, וואס זיי ווילען איינפיהרען צוריק אין דער קלאוק אינ־דוסטריע?

אין די לעצטע מאנאטען האבען מיר געהערט פון באסעס אסאסיאיישאנס, וועלכע האבען באשלאסען אראבצורייסען ווייזשעס. אנדערע האבען געפאדערט לענגערע שטונדען, אנדערע, ווידער, הא־בען גע'טענה'ט, אז זיי ווילען האבען די שאפ שאפ אין זייערע געשעפטען. אזא גרויסען אפעטיט, ווי עס האבען ארויס־געוויזען די קלאוק־מאנופעקטשורערס, האבען קיין אנדערע ארבייטס־געבער ניט ארויסגעוויזען, זייט עס האט זיך אנגע־פאנגען דער פראצעס צו „ריארזשאסטען" די באדינגונגען פון די ארבייטער אין דער פרויען קליידער אינדוסטריע.

די קלאוקמאנופעקטשורערס ווילען איינפיהרען מיט איין מאל די „גוטע אל־טע צייטען" פון לאנגע שטונדען, קליינע ווייזשעס און די נשמה־יאגענים, וועלכע שטיק־ארבייט מיינט פאר די קלאוקמא־כער און אלעס צוזאמען גענומען מיינט עס, ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי פאר־ניכטען די יוניאן און צוריק עטאבלירען אין די קלאוק פעקטארים די „גוטע אלטע צייטען", ווען די ארבייטער זיינען געווען שקלאפען אין פולען זינען פון ווארט.

די פראגע איז, ערווארטען ווירקליך די מאנופעקטשורערס, אז די קלאוקמא־כער וועלען זיך צוזאמענקומען צו א מי־טינג און אננעהמען זייער פארשלאג צו באגעהן זעלבסטמארד אלס ארגאניזירטע מענשען?

די קלאוקמאנופעקטשורערס וויסען גאנץ גוט זייערע ארבייטער. זיי זיינען באקאנט מיט די געשיכטע פון די קעמפע און סטרייקס, וועלכע זייערע ארבייטער האבען דורכגעמאכט, ביז וואנען זיי הא־בען אויפגעבויט זייער יוניאן און זיי קע־נען גאנץ גוט באגרייפען, אז זיי שפילען זיך מיט פייער, ווען זיי באשליסען צו פארניכטען די יוניאן פון די קלאוקמא־כער.

די מאנופעקטשורערס וועלען ענטשיי־דען אפלייקענען די באהויפטונג, אז זייער איצטיגער אנגריף אויף די קלאוקמאכער מיינט צו צוברעכען די יוניאן. זיי ווע־לען געוויס ענטפערען, אז זיי ווילען האנד־לען מיט דער יוניאן, זיי וועלען געוויס זאגען: לאמיר זיך צוזאמענקומען און מיר וועלען אונטערשרייבען אן אגרי־מענט צו אנערקענען די יוניאן; אלעס וואס מיר ווילען איז שטיק ארבייט צו־ריק, לאנגע שטונדען צוריק און פארביי־געהענדיג ווילען מיר צאהלען קלענערע ווייזשעס, ווארים דאס איז דאך אין אמת'ן וואס עס מיינט דער פארלאנג פאר שטיק־ארבייט. לענגערע שטונדען מיינט דאך אויך קלענערע ווייזשעס. אין דעם פארלאנג פאר קלענערע ווייזשעס דריקט זיך אויס אין אלע דריי פאדערונגען, וועל־כע די באסעס האבען ארויסגעשטעלט צו די ארבייטער.

פאר די קלאוקמאכער איז גאנץ קלאר, וואס זייערע באסעס ווילען. זיי ווילען איינפירען דעם אלטען סוועט־שאפ סיס־טעם, די ארבייטער זאלען זיך ארויסיא־גען זייערע נשמות, זיי זאלען אפגעבען זייערע כחות, זייער געזונד און זייער עטליכע יאהר לעבען אויף דעם מזבח פון די פראפיטען פון די קלאוק־מאנופעק־טשורערס, און דאס מיינט איינגענטליך אפגעבען די יוניאן, צוברעכען די יוניאן, ווארום וואס פאר א זינען האט א יוניאן? וואס פאר א נוצען ברענגט א יוניאן? ווען דער סיסטעם פון שטיק־ארבייט ווערט איינגעפיהרט, און די שטונדען ווע־רען פארלענגערט, און די ווייזשעס, די געצאהלט פאר דער ארבייט פאר יעדער שטיק ווערט פארקלענערט? ניט אויף דעם האבען די קלאוקמאכער געבויט זייער יוניאן, ניט צוליעב דעם האבען זיי זיך מקריב געווען, געליטען, געאפפערט און געצאהלט צו בויען זייער פארטיידיגונגס ארגאניזאציאן, וועלכע די קלאוקמאכער יוניאן איז געווארען פאר זיי.

עס איז דארום גאנץ גרינג צו פאר־שטעהן, אז די קלאוקמאכער וועלען זיין צוגעגרייט אויפצונעהמען דעם קאמף — און פון דעם גייסט, וואס האט ארומגענו־מען די שיקאגא'ער קלאוקמאכער זייט זיי האבען זיך דערוואוסט וואס עס ער־ווארטעט זיי, מעגען די מאנופעקטשו־רערס זיין זיכער, אז זיי וועלען געפינען אזא ווידערשטאנד פון דער זייט פון די ארגאניזירטע ארבייטער, אז זיי וועלען פארשעלטען די מינוט, ווען זיי האבען באשלאסען אנצופאנגען א קאמף.

פיעלע מענשען פרעגען, וואס איז איינגענטליך די אמת'ע אורזאכע, וואס די קלאוק־מאנופעקטשורערס האבען זיך פארמאסטען אזוי גרויס און שארף און האבען ערקלערט קריעג זייערע ארביי־טער אויף יעדער ליניע? דער ענטפער איז: די מאנופעקטשורערס ווילען די ארבייט זאל קאסטען ביליגער, כדי זיי זאלען קענען פארקויפען די וואארע זייע־רע ביליגער. זיי מוזען מאכען א „ריאד־זשאסטמענט" אויף דעם חשבון פון די ארבייטער. דיזע טענה איז אן אלטע. אלע באסעס ווילען איינרעדען דעם עולם, אז זיי זארגען פאר די קאסטימער, אבער די זארג געהט אימער אין דער ריכטונג פון די ארבייטער. זיי ווילען זיך ניט נעהמען די זארג אין מאכען די קליידער ביליגער אויף דעם רעכענונג פון זייערע פראפי־טען, נאר זיי קומען אימער צום עולם מיט דעם געשריי, אז זיי ווילען מאכען ביליג־גער די זאכען, און צו די ארבייטער קומען זיי מיט א פאדערונג פאר קלענערע וויי־זשעס.

אין היינטיגען פאל האבען די קלאוק־מאנופעקטשורערס זיך פארמאסטען אויף דרייערליי באזונדערע אופנים: בארוי־בען די ארבייטער און צונעהמען פון זיי אלעס, וואס זיי האבען זיך ערווארבען אין דער גאנצער עקזיסטענץ פון זייער יוניאן, און דערצו ווילען זיי פארניכטען די יוניאן אין דערזעלבער צייט.

פאר די קלאוקמאכער וועט זיין אינ־טערעסאנט צו וויסען, אז די קלאוק־אינ־דוסטריע האט פון מאטעריעלען שטאנד־פונקט זייט 1914 געמאכט גרויס פרא־גרעס.

אין 1914 האט די אינדוסטריע פרא־דוצירט פרויען־קליידער אין דעם ווערטה פון 473,880,000 דאלאר, און איז אין 1919 געשטיגען צו דער ריזיגער סומע פון 1,184,099,000 דאלאר.

1914 זיינען געווען פעקטארים פאר פרויען־קליידער 5,546 און אין 1919 זיי־נען געווען 7,546 פעקטארים.

ווי מיר זעהען פון דיזע ציפער, איז די אינדוסטריע אויסגעוואקסען אין זעקס יאהר צייט צו א אונגעהויער הויכער מא־טעריעלער מדרגה. די פראדוקציאן האט זיך מורא'דיג פארגרעסערט און דער סך הכל פארמעגען פון די מאנופעקטשו־רערס איז אין דער זעלבער צייט געווארען זעהר שטארק. עס פרעגט זיך, ווער האט פון דעם געוואונען? ווער האט געוואו־נען פון דיזען אונגעהויערען וואוקס פון דער אינדוסטריע? די קלאוקמאכער הא־בען גאנץ ווייניג וואס צו צייגען פאר די יאהרען, אין וועלכע די אינדוסטריע האט געגעבען א שפרונג דריי מאל די גרויס, ווי אין 1914. אויב זיי האבען ארבייטענדיג שווער און ביטער געמאכט אביסעל מעהר אין די פאר יאהר, ווען עס איז געווען ביזי, האבען זיי שוין לאנג פארגעסען אז דעם זייט עס איז סלעק געווארען. און פון די פעקטארים מיט די מאשינערי, די שטענדיגע און די צוגע־קומענע האבען די קלאוקמייקערס גאר ניט צו ערווארטען, דערפאר וואס ניט זיי זיינען די באלעבאטים איבער די איינגענ־טום פון דער אינדוסטריע. אלעס וואס די קלאוקמייקערס האבען זיך ערווארבען אין די לעצטע עטליכע יאהר איז אן ארגאני־זאציאן, וועלכע באשיצט זייערע אינטע־רעסען און דעם באוואוסטזיין, אז זייער איינציגע באשיצונג, וואס זיי האבען איז די יוניאן פון די קלאוקמאכער.

עס איז דערפאר נאטירליך, אז די אר־גאניזירטע קלאוקמייקערס שארפען די שווערדען און גרייטען זיך צו מיט פאר־טיידיגונגס־מיטלען און מאכען זיך פאר־טיג צום קאמף, וועלכען די „פאלקס־פריינד" און פאלקס פארזארגער, די קלאוק־מאנופעקטשורערס רופען ארויס נעגען זיך מיט זייערע באשליסע, וועלכע זיי פלאנען דורכפיהרען אין לעבען אנ־פאנגענדיג דעם ערשטען דעצעמבער.

עס איז איבעריג צו זאגען, אז די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטער באוועגונג וועט שטעהן מיט די אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס אין דעם קאמף צו באשיצען די יוניאן און צו בא־שיצען די אינטערעסען פון די מענער, פרויען און קינדער, וועלכע וועלען אריינ־געצויגען ווערען אין קאמף מיט די קלאוק־מאנופעקטשורערס, דערפאר, וואס דיזער קאמף איז ניט נאר א קאמף צו פארקלע־נערען ווייזשעס פון די ארבייטער פון דער פרויען־קליידער אינדוסטריע, עס איז א קאמף צו פארניכטען די יוניאן פון די קלאוקמאכער און אין דערזעלבער צייט אונטערצוגראבען דעם פונדאמענט פון דער ארבייטער באוועגונג אין אלע אנ־דערע אינדוסטריעס פון לאנד.

נאטיצען פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

די ערעפענונג פון אונזער פינפטען סיזאן.

נאך פיר יאהר ערפאלגרייכער טעטיג־קייט אויף דעם געביט פון ארבייטער ביל־דונג, האט דער עדיוקיישאנאל דעפארט־מענט פון דער אינטערנעשאנאל געעפענט דעם פינפטען לעהר סיזאן מיט א יום־טוב נאכט לעצטען פרייטאג, דעם 11טען נאוועמבער, אין וואשינגטאן אירווינג היי־סקול.

אריבער צוויי טויזענט מיטגלידער, פי־לע פון זיי געוועזענע סטודענטען פון אונ־זערע קלאסען, זיינען געווען אנוועזענד. אויך זיינען דארט געווען א סך פון די באאמטע פון דער אינטערנעשאנאל און פון אונזערע פארשידענע לאקאלען. אלע האבען מיט שטורמישע אפלאדיסמענטען באגריסט די פארשידענע נומערען פון דעם ערשט־קלאסיגען קאנצערט, וואס איז דאר־טען אפגעגעבען געווארען, און האבען אינ־דארסירט די וויטערדיגע פלענער פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

צווישען די קאנצערט־נומערען זיינען געהאלטען געווארען קורצע רעדעס וועגען די אויפגאבען און צילען פון ארבייטער בילדונג, ווי אויך וועגען די ספעציעלע פראבלעמען פון אונזער טעטיגקייט. עס האבען גערעדט: אלעקסאנדער פיטש־ענדלער, דירעקטאר פון דעם עדיוקיישא־נאל דעפארטמענט, פאניא קאהן, די סעק־רעטארין און ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט".

רעדענדיג וועגען דעם איצטיגען קלאוק מאכער סטרייק, האט מיסס פאניא קאהן אנגעוויזען, אז בעת די יוניאן קעמפט אלע מאל אויף דעם עקאנאמישען פעלד פאר דעם עקאנאמישען וואוילזיין פון איהרע 150 טויזענט מיטגלידער, פארנאכלעסיגט זי אבער נישט אויך די גייסטיגע, אינטע־לעקטועלע און עסטעטישע באדערפנישען פון די ארבייטער און שטעהט אלס פיאנער אויף דעם פעלד פון ארבייטער אויפקלע־רונג.

פריינד יאנאווסקי האט, צווישען אנ־דערעס געזאגט, אז אין אזא אוניווערזי־טעט ווי אונזער „ווארקערס יוניווערסי־טי" איז דער סטודענט פון גרעסערער וויכטיגקייט און באדייטונג ווי דער פרא־פעסאר, ווייל דער אוניווערזיטעט איז גע־גרינדעט נישט גלאט פאר בילדונג, נאר פאר זעלבסט־בילדונג.

דר. פיטשענדלער האט געגעבען א קור־צען איבערבליק איבער דער אנטוויקלונג פון ארבייטער בילדונג אין אמעריקא און האט אנגעוויזען, אז די אינטערנעשאנאל איז געווען די ערשטע יוניאן, וואס האט געמאכט א וויכטיגען שריט אויף דעם דאזיגען געביט.

עס האט געזאלט רעדען פרעזידענט שלעזינגער און דזשענעראל סעקרעטאר בארא, אבער דער ערשטער איז גערופען געווארען צו א ספעשעל מיטינג פון דער סטרייק קאמיטע און דער צווייטער איז געווען צו הייזעריג מחמת דער אנשטרענ־גונג אין דע סאיצטיגען סטרייק.

צוויי אינטערעסאנטע און ווארימע בא־גריסונגען זיינען ערהאלטען געווארען, איי־נער פון פראפעסאר טשארלז בירד, און א צווייטע פון ספענסער מילער, סעק. פון דער „ווארקערס עדיוקיישאן ביורא".

פראפעסאר בירד האט געזאלט זיין איינער פון די רעדנער, אבער צוליב זיין מוטער'ס טויט האט ער נישט געקאנט קומען קיין ניו יארק. אין זיין באגריסונג שרייבט ער צווישען אנדערעס:

„די אינטערנעשאנאל ליידיס גאר־מענט ווארקערס יוניאן, צוליב איהר אר־בייטער אוניווערזיטעט און איהרע יוניטי סענטערס, פארנעהמט א גאנץ וויכטיגע און גינסטיגע פאזיציע אין דער אנטוויק־לונג פון ארבייטער בילדונג אין אמערי־קא. די דאזיגע פאזיציע אנטהאלט אין זיך פילע מעגליכקייטען און טראגט מיט זיך באשטימטע פליכטען. אין דעם ער־פילען פון זייערע אויפגאבען האט דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט באוויזען, אז ער פארשטעהט און שאצט די וויכטיגקייט און ווערט פון ארבייטער בילדונג".

מר. ספענסער מילער איז זיין ווארי־מער באגריסונג האט דאס פאלגענדע צו זאגען:

„די וויכטיגקייט פון אייער ארבייט, וואס איז אזוי גוט געפיהרט און געפלאנט, איז באקאנט פאר אלע די, וואס פאר־שטעהען די באוועגונג פאר ארבייטער ביל־דונג. אייער בילדונגס־ארבייט איז דער סאמע פונדאמענט פון דער דאזיגער בא־וועגונג. דער שיקזאל פון דער באווע־גונג העננט אפ אן דעם ערפאלג פון איי־ער ארבייט. מיר זיינען זיכער, אז אייערע סטודענטען און אייערע לערער באגרייפען אז זיי זיינען די אנפארטרויטע פון א גרויסער אידעע".

איסט סייד יוניטי סענטער וועט באזוכען דעם קונסט מוזעאום.

די סטודענטען פון דעם איסט סייד יוניטי סענטער, פאבליק סקול 63, 4טע סט., נעבען 1טער עוועניו, וועלען ווידער אמאל באזוכען דעם מעטראפאליטען מו־זעאום זונטאג, דעם 27טען נאוועמבער.

די סטודענטען וועלען זיך צוזאמענ־קומען אין פראנט פון דער סקול געביידע צוועלף אזייגער. מר. הערי שניידער, א לערער פון ענגליש אין אונזערע קלאסען, וועט ווידער אמאל באגלייטען די סטודענ־טען. אלע סטודענטען זיינען געבעטען צו קומען אין צייט.

ענדערונגען אין דעם פראגראם פון דעם ארבייטער אוניווערזיטעט.

מיר ציהען די אויפמערקזאמקייט פון אונזערע מיטגלידער צו די ענדערונגען וואס זיינען געמאכט געווארען אין דער פראגראם פון דעם ארבייטער אוניווער־זיטעט.

דר. קארמאנ'ס קורס איבער אינדוסט־ריעלער געשיכטע פון אמעריקא וועט גע־געבען ווערען אלע זונטאג, האלב נאך עלף אין דער פריה.

מר. ווילבערט'ס קורס איבער עקאנא־מישער ליטעראטור וועט געגעבען ווערען אלע שבת, האלב נאך צוויי בייטאג.

א מיטינג פון די לערער פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

לעצטע וואך האבען די לערער פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פון דער אינ־טערנעשאנאל אפגעהאלטען א מיטינג, וואו עס זיינען באשפראכען געווארען פאר־שידענע פראגען אין פארבינדונג מיט דעם לער־סיזאן אין די יוניטי סענטערס און אין דעם ארבייטער אוניווערזיטעט. פילע פארשלאגען זיינען געמאכט געווארען און איינינע וויכטיגע באשליסען זיינען אנגע־נומען געווארען.

די לערער האבען ארויסגעוויזען אן אויסערגעוועהנליכען אינטערעס צו זייערע אויפגאבען און צו די אלגעמיינע פראב־לעמען פון ארבייטער בילדונג. זיי הא־בען באוויזען אז זיי שטעהען מיט אינז נישט בלויז אלס לערער נאר אויך און הויפטזעכליך אלס פריינד פון דער ארביי־טער באוועגונג בכלל און פון דער אינטער־נעשאנאל בפרט.

די דאזיגע לערער האבען געמאכט בא־דייטענדע בייטראגען צו דער זאך פון אר־בייטער אויפקלערונג. ס'איז איינער פון די בעסטע סמנים פון קאאפעראציע צווי־שען די ארבייטער און די אינטעלעקטו־עלע עלעמענטען אין לאנד. אזא קאאפע־ראציע האט געבראכט מערקווירדיגע רע־זולטאטען אין איראפא און ס'איז קיין צווייפעל נישט, אז אויך דא וועלען די רעזולטאטען, מיט דער צייט, זיך פיהלען איבער'ן גאנצען לאנד.

סיזאן קארדס פאר'ן אידישען קונסט־טעאטער.

פילע מיטגלידער קומען יעדען טאג אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארט־מענט צו באקומען סיזאן קארדס פאר דעם אידישען קונסט טעאטער. מיט אזא קארד קאן יעדער מיטגליד אונזערער קריגען צוויי בילעטען פאר דעם פרייז פון איינעם. עס זיינען נאך פאראן ביי אונז קארדס צו באקומען.

אדרעסען פון די יוניטי סענטערס

איסט סייד יוניטי סענטער — פאב־ליק סקוהל 63, 4טע סטריט, נעבען 1טער עוועניו.

ווייסטמאכערס יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 40, 320 איסט 20טע סט.

הארלעם יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 171, 103טע סט., נעבען 3טע עוו.

בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקול 45, אינטערוויל עוו. און פרימען סטרים.

צווייטער בראנקס יוניטי סענטער — פאבליק סקוהל 42, וואשינגטאן עוועניו און קלערמאנט פארקווי.

וויליאמסבורג יוניטי סענטער—פאב־ליק סקול 147, בושוויק עוו. און מעקיבען סט., ברוקלין.

בראנזוויל יוניטי סענטער — פאב־ליק סקול 48, סטאון און גלענמאר עוו., ברוקלין.

רעדזשיסטרירען זיך און באקומען אינפארמאציע קאנען אונזערע מיטגלי־דער אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפ־פארטמענט, 31 יוניאן סקווער, רום 1003, און אין די אפיסעס פון די לאקאל יוניאנס.

נעמ'ס כוח, נאר דער רעזולטאט פון יא-
נעגיש, פון ארבייטען איבער'ן כוח. אבער
מערקווירדיג ווי דאס קאן אויסזעהען,
דאך עס איז א פאקט, אז דעם געשריי
פראדאקשען הערען מיר אויך פון באסעס
וועמעס ארבייטער ארבייטען פון שטיק.
ערשט ניט לאנג צוריק זיינען מיר געווען
אויף א קאנפערענץ פון מאנופעקטשורער,
וועמעס ארבייטער זיינען שטיק-ארביי-
טער, און זיי האבען זיך שטארק באקלאגט
אויף פראדאקשען. זיי האבען גע'טענה'ט,
אז די ארבייטער ווילען ניט ארבייטען.
זיי מאכען אזוי פיל, וויפיל זיי דענקען זיי
האבען נויטיג צום לעבען, און מעהר אר-
בייטען ווילען זיי ניט. זיי זיינען דארום
געקומען צום שלום אז דער איינציגער
מיטעל צו מאכען זייערע ארביי-
טער ארויסגעבען פראדאקשאן איז
באדייטענד צו פארקלענערען דעם
פרייז אויף יעדען שטיק ארבייט.
דאן וועלען זיי מוזען מעהר פראדוצירען.
ווען אלזא באסעס רעדען וועגען שטיק-
ארבייט, אלס סגולה צו פראדאקשען, הא-
בען זיי אין זינען צו צאהלען פאר יעדען
שטיק ארבייט אזא פרייז, אז דער ארביי-
טער זאל זיך מוזען ארויסיאגען די נשמה,
אום צו מאכען א לעבען. און טאמער
וועט דאס יאגען אויך ניט העלפען, טוט
מען דעם ארבייטער די טובה, און מען
גיט איהם צו נאך 5 ארבייטס-שטונדען
אין דער וואך.

* * *

דאס און ניט קיין אנדער זאך מיינט
דער געשריי פראדאקשען. דאס אבער
וועלען די באסעס קיינמאל מעהר ניט
האבען. ניט אונטער שטיק-ארבייט, ניט
אונטער וואך-ארבייט, ניט אונטער סטענ-
דערדס און פראדאקשען, און ניט אהן
סטענדערדס. די אורזאכע איז קלאר.
דער ארבייטער איז ניט מעהר דאס לאסט-
טיר פון אמאליגע יאהרען. דער יעצטי-
גער ארבייטער פיהלט, וויסט אז די אר-
בייט איז געמאכט פאר'ן מענשען, אבער
קיינמאל ניט דער מענש פאר די ארבייט.
דער איצטיגער ארבייטער פיהלט זיך
שטארק אלס יוניאן-מאן, אלס איינער פון
א גרויסער מעכטיגער ארגאניזאציע, און
קיינמאל וועט ער ניט לאזען זיך אזוי
טרעטען מיט די פיס, אדער געטריבען
ווערען אין סאכע, ווי דער אמאליגער
הילפלאזער ארבייטער. אויב אלזא אונ-
זערע מאנופעקטשורער האבען אין זינען
אט דעם סארט פראדאקשען, וועלען זיי
עס קיינמאל מעהר ניט קריגען. די דא-
זיגע פראדאקשאן איז א פראדאקשען פון
שקלאפען, אבער ניט פון פרייע מענשען.
און אונזערע קלאוקמאכער זיינען און בע-
טראכטען זיך אלס פרייע מענשען. אונ-
זערע מאנופעקטשורער קאנען עס ניט ניט
וויסען. זיי זיינען גארניט אזעלכע נא-
רען. און דערפאר גלויבען מיר אז זייער
געשריי: פראדאקשען, פראדאקשען, איז
בלויז געמאכט צו שיטען זאמד אין די
אויגען פון דעם פובליקום, אין דעם גלוי-
בען, אז דאס פובליקום קען אלעס פאר-
דייען. און מיר קומען דארום צום שלום,
אז אונזערע מאנופעקטשורערס מיינען
ניט די אלע זאכען: זיי מיינען ניט קיין
שטיק-ארבייט, ווייל זיי מוזען וויסען, אז
דאס וועט נישט העלפען, אזוי לאנג, ווי
זיי וועלען מוזען בעצאהלען א ריכטיגען
פרייז פאר יעדען גארמענט; און זיי ווויי-
סען, אז פאר דעם וועט זארגען סיי די
יוניאן און סיי די אינטעליגענץ פון די
שאפ-ארבייטער גופא. זיי וויסען, אז
קיינע סטענדערדס און פראדאקשאן ווע-
לען ניט העלפען, ווייל, ערשטענס, אין
אונזער אינדוסטריע, איז גאר ניט מעגליך
איינצופיהרען א ריכטיגען סטענדערד און
פון ארבייט, און, צווייטענס, וויסען זיי,
אז פון די סטענדערדס, וואס וועלען איינ-
געפיהרט ווערען מיט דער מיטווירקונג
פון דער יוניאן וועלען זיי זיך מיט גאל-
דענע רענדלאך ניט אנשיטען. ווייל דער
ערשטער און וויכטיגסטער פונקט ביי דער
יוניאן וועט זיין צו היטען דעם געזונד פון
די ארבייטער. וואס די באסעס ווילען
באמת, איז די צוברעכונג און צושטערונג
פון דער יוניאן. דאס איז זייער אמת'ער
ציל, אבער דאס ארויסצוזאגען האבען זיי
ניט דעם מוט. מען שפילט דאך עפעס
די ראלע פון ציוויליזירטע מענשען, און
עס פאסט ניט ארויסצוקומען מיט קלארע
דבורים: מיר מיינען פטור צו ווערען פון
דער יוניאן. איז אט דערפאר טראכט
מען אויס דעם געשריי שטיק-ארבייט,
פראדאקשאן און נאך אזעלכע שלאג-
ווערטער.

יא, דער געשריי פראדאקשען איז א
פאלשער געשריי. די מאיאריטעט אר-
בייטער האבען געגעבען די מאנופעקטשו-
רערס אלץ, וואס זיי האבען געקאנט.
מעהר קאנען זיי ניט, און מעהר וועלען זיי
קיינמאל ניט געבען. וואס אנבעטרעפט
די אויסנאהמען, וועלכע האבען ווירקליך
ניט געהאנדעלט עהרליך, האבען זיי אין
דער יוניאן געפונען זייער גרעסטען און
שטארקסטען געגנער. די יוניאן האט
טריי און עהרליך אין דעם פרט קאאפע-
רירט מיט די מאנופעקטשורערס. מיט
דער צייט וועט די יוניאן געוויס נאך
מעהר טאן אין דער הינזיכט, אזוי, אז זי
זאל קאנען שטאלצירען און ערקלערען. אז
יוניאן-ארבייט מיינט עהרליכע און גע-
וויסנהאפטע ארבייט, און אויב די בא-
סעס האבען ענדליך איינגעזעהען, אז זיי-
ער געהיימער וואונש פון צוברעכען די
יוניאן קאן ניט ערפילט ווערען, און אויב
זיי ווילען ווירקליך עהרליכע פראדאקשען,
די פראדאקשען פון עהרליכע יוניאן-אר-
בייטער, און ניט פון קיין שקלאפען, וועל-
כע זאלען ארבייטען אונטער דעם גרויז-
זאמען בייטש פון הונגער, קאנען זיי
אויפגעבען אלע זייערע אלטע און נייע
לאזונגען, קאנען זיך פארגינען זיך אויפ-
צוהערען צו פארמענען דעם עולם מיט
אלערליי נעבלאפטע סטייטמענטס, און
זיי קאנען שוין מארגען האבען שלום.
ווארים, ווי אלע וויסען, איז די יוניאן
ניט אויסען געווען קיין קאמף. דער קאמף
איז ארויפגעצוואונגען געווארען אויף די
ארבייטער.

אין לאנד פון דער „דיקטאטור פון פראלעטאריאט"

א קורצער איבערבליק פאר די לעצטע פיער יאהר.

פון בען-אוגוסט.

דריטער ארטיקעל.

די פראפעסיאנאלע פאראיינען און די ארבייטער.

אין רוסלאנד זיינען פאראן „פראפע-
סיאנאלע פאראיינען", אדער לאמיר דאס
בעסער אנרופען אויף אונזער לשון: טרייד
יוניאנס, ארגאניזאציעס פון ארבייטער,
ווי דא אין אמעריקא און אין אלע אנדערע
קאפיטאליסטישע לענדער.

אין אונזערע קאפיטאליסטישע לענדער
ארגאניזירען זיך די ארבייטער אין טרייד
יוניאנס מיט'ן צוועק צו פארבעסערען זיי-
ער עקאנאמישע לאגע, דאס הייסט, צו ווע-
רען בעסער באהאנדעלט אין די פאבריקען
און ווארק שאפס, צו קריגען העכערע וויי-
דזשעס און קירצערע ארבייטס שטונדען.
דאס זיינען די פרינציפען, אויף וואס יע-
דע טרייד יוניאן איז געבויט. איצט
שטעלט זיך די פראגע: זיינען אט די אלע
אויסגערעכענטע זאכען נויטיג פאר די רו-
סישע ארבייטער? איז דאס מעגליך, אז
אין א לאנד פון דער דיקטאטור פון פרא-
לעטאריאט, אין א לאנד, וואו דער קאפי-
טאליזם איז געווען כלומרשט אפגעשאפט,
אין א לאנד, וואו עס קומט פאר א סאצי-
אלע רעוואלוציע, אט אין אזא לאנד זאלען
די ארבייטער נאר דארפען קעמפען פאר
בעסערע באהאנדלונג, בעסערע באדינגונ-
גען, העכערע וויידזשעס און קירצערע אר-
בייטס שטונדען?

עפעס קאן זיך עס ניט גלויבען, וועלען
פילע אויסרופען מיט ערשטוינונג.

עס איז טאקע ווירקליך ערשטוינט צו
ווערען, ווען מען דערוויסט זיך, וואס אין
דעם לאנד פון דער „דיקטאטור פון פרא-
לעטאריאט" קומט פאר, און איך בין זי-
כער, אז איהר וועט נאך מעהר שטוינען,
ווען איהר וועט זיך באקענען מיט די פאק-
טען, אז אין רוסלאנד, אונטער דער דיק-
טאטור פון די — קאמוניסטען, מוזען די
ארבייטער האבען ארגאניזאציאנען צו
קעמפען פאר דער פארבעסערונג פון זייער
עקאנאמישער לאגע, אקוראט ווי די אר-
בייטער טוען דאס אין די קאפיטאליסטי-
שע לענדער.

פאר פילע לעזער וועט דאס איינגאנצען
זיין אומפארשטענדליך, און זיי וועלען
פרעגען: וואס הייסט, די רוסישע ארביי-
טער דארפען האבען טרייד יוניאנס? גע-
גען וועמען וועלען זיי קעמפען? פון ווע-
מען וועלען זיי פארלאנגען בעסערע באדינ-
גונגען און בעסערע באהאנדלונגען? פון
וועמען וועלען זיי פארלאנגען העכערע
וויידזשעס און קירצערע ארבייטס שטונ-
דען? אין רוסלאנד זיינען דאך ניטא קיין
באלעבאטים, דארטען זיינען דאך ניטא
קיין מאנופעקטשורערס, און פאלגליך איז
דאך ניטא געגען וועמען צו קעמפען. די
ארבייטער וועלען דאך ניט סטרייקען גע-
גען זיך זעלבסט — זיי וועלען דאך ניט
קעמפען געגען זייער אייגענער רעגירונג.

אויף די דאזיגע פראגען איז ווירקליך
זעהר שווער צו ענטפערען אזוי לאנג, ווי
מען גלויבט, אז די רוסישע ארבייטער זיי-
נען די אמת'ע באלעבאטים פון לאנד. און
ווי באלד, אז זיי זיינען די באלעבאטים
און זיי האבען איבער אלץ א דעה, איז צו
וואס דארפען זיי אין גאנצען טרייד יו-
ניאנס? דער אמת אבער איז, אז די רו-
סישע ארבייטער זיינען ניט די באלעבא-
טים איבער'ן לאנד און אויך ניט איבער
די פאבריקען. און אויף די רוסישע אר-
בייטער קאן טאקע געזאגט ווערען, אז זיי
זיינען פראלעטאריער אין פולען זינען פון
ווארט. זיי באזיצען איינפאך גארנים.
און ניט נאר האבען זיי קיין דעה ניט אי-
בער די פאבריקען, נאר זיי האבען קיין
דעה ניט איבער זייערע אייגענע ארגאני-
זאציעס. נאך מעהר, זיי האבען אפילו
איבער זיך זעלבסט קיין דעה אויך ניט, ווי
מיר וועלען דאס באלד אנצייגען.

* * *

די רוסישע ארבייטער האבען מעהר
ווי אלע אנדערע קלאסען אין דער געזעל-
שאפט געליטען פון דער „סאציאלער רע-
וואלוציע". זייערע ליידען זיינען פון א
דאפעלטען כאראקטער. ערשטענס, זיינען
זיי פון די קאמוניסטישע עקספערימענטען
פארפירט געווארען און, צווייטענס, ליידען
זיי מעהר ווי אלע אנדערע פון הונגער,
קעלט און אנדערע צרות.

די רוסישע ארבייטער האבען ניט גע
קראגען דאס, וואס די באלשעוויקעס הא-
בען זיי צוגעזאגט. די ארבייטער האבען
ווירקליך געגלויבט, דאס הייסט, פאר דער
אקטאבער רעוואלוציע, אז זיי וועלען ווע-
רען די אמת'ע באלעבאטים איבער די אינ-
דוסטריען, און דערפאר האבען זיי גע-
קעמפט אויף די באריקאדען. זיי האבען
פארגאסען זייער בלוט אין דעם פעסטען
גלויבען, אז די שטונדע האט געשלאגען,
ווען זיי וועלען ווערען די פארוואלטער
איבער די פאבריקען, ווארקשאפס און
אזוי ווייטער.

וואס זיינען אבער די אמת'ע פאקטען
פון דער געשיכטע? וואס האט אבער
פאסירט?

גלייך נאך דער אקטאבער רעוואלוציע,
בעת די באלשעוויקעס האבען פארכאפט
די מאכט אין זייערע הענט, און די דא-
מאלסדיגע סאוועטען רעגירונג איז צוזא-
מענגעשטעלט געווארען, און זיי זיינען
געווארען די פראקטישע רעגירער פונ'ם
לאנד, אזוי גלייך האבען זיי אנגעהויבען
צו באשטימען דעם שיקזאל פון די אר-
בייטער *).

עס איז ניט געגעבען געווארען קיין
שום געלעגענהייט די ארבייטער צו אנט-
וויקלען זייערע אייגענע פעהיגקייטען. עס
איז אפילו ניט געגעבען געווארען זיי די גע-
לעגענהייט צו פארמירען אזעלכע ארגא-
ניזאציעס, וואס זאל פאר זיי זיין אם
פאסענדסטען און אם בעסטען; אנשטאט
דעם האט מען פאר די ארבייטער ארגאני-
זירט פאראיינען, און יעדער ארבייטער
איז געצוואונגען געווען — געגען זיין ווי-
לען — צו באלאנגען צו אזעלכע פאראיי-
נען, און די ארבייטער זיינען אויף אזא
אופן ארגאניזירט געווארען...

דאס זיינען היסטארישע פאקטען,
וועלכע קיינער וועט ניט וואגען צו בא-
שטרייטען!

די ארבייטער ארגאניזאציעס זיינען
אויפגעבויט געווארען פון אויבען און נים
פון אונטען. אין אנדערע ווערטער מיינט
דאס, אז די טרייד יוניאנס פון רוסלאנד
זיינען נאך דער אקטאבער רעוואלוציע אר-
גאניזירט געווארען נאך א געוויסען „פריי-
קאז" פון דער דאמאלסדיגער סאוועטען-
רעגירונג, און יעדער ארבייטער איז אב-
ליגאטאריש, געצוואונגענערהייט געווארען
א מיטגליד פון זיין פאך פאראיין; און
אנשטאט דעם, וואס די ארבייטער, די
פראלעטאריער, האבען באדארפט ווערען
די דיקטאטארס פון לאנד, זיינען זיי נאך
צום סוף אליין אונטערווארפען געווארען
אן אייזערנער דיקטאטור און זיי האבען
פארלארען יעדע ברעקעל זעלבסטשטענ-
דיגקייט!

צו וואס האבען דאס די באלשעוויקעס
געטאן? ווארום האבען זיי פון די אר-
בייטער אוועקגענומען אלע רעכטע?

אום צו ענטפערען אויף די דאזיגע
צוויי פראגען, וועל איך ציטירען איינציגע
פאראגראפען פון זינאוויעוו'ס א רעדע,
וועלכע ער האט געהאלטען אויפ'ן צעהנ-
טען צוזאמענפאר פון דער קאמוניסטישער
פארטיי. די טעמע פון זיין רעדע איז גע-
ווען: „די אויפגאבען פון פראפעסיאנאלע
פאראיינען". ער זאגט פאלגענדעס:

„די פראגע וועגען די פראפעסיאנאלע
פאראיינען שטעהט אין צענטער פון דער
אינטערנאציאנאלער ארבייטער באוועגונג
אין דייטשלאנד, אין פראנקרייך, אין אי-
טאליע, אויך אין די ענגלא-זאקסישע לענ-
דער ווערט איצט דיסקוטירט די פראגע.
ביי אונז אין סאוועט רוסלאנד זיינען די
פראפעסיאנאלע פאראיינען איינהייטליכע,
אין די בורזשואזע לענדער נאך ניט, עס
איז אבער קלאר פאר יעדען ארבייטער מי-
ער, אז באהערשען די פרא-
פעסיאנאלע פאראיינע
הייסט באהערשען אלץ
אדער כמעט אלץ".

איך האב אונטערגשטראכען די לעצטע
ווערטער, ווייל איך ווינש, אז איהר זאלט
גוט באמערקען די דאזיגע ווערטער. וואס
דער גרויסער „דיקטאטאר" זינאוויעוו האט
געזאגט וועגען די רוסישע טרייד יוניאנס,
„צו באהערשען די פראפעסיאנאלע פאר-
איינען הייסט באהערשען אלץ אדער כמעט
אלץ".

זינאוויעוו און זיין גלייכען זיינען דיק-
טאטארס און מיט אן אייזערנער האנט
הערשען זיי איבער'ן רוסישען פאלק. דאס
איז אבער פאר זיי נאך ניט גענוג, הער-
שען זיי מיט אן אייזערנער דיקטאטור אי-
בער די ארבייטער ארגאניזאציעס אויך.
זיי האבען אפילו מורא איבערצוגעבען די
ארבייטער די פארוואלטונג איבער זייערע
אייגענע ארגאניזאציאנען. עס איז באמת
איינע פון די גרעסטע טראגעדיעס אין
דער מענשליכער געשיכטע!

די רוסישע ארבייטער האבען בא-
דארפט זיין, על פי דער טעאריע פון דער
דיקטאטור פון פראלעטאריאט, די איינ-
ציגע, צו וועמען די גאנצע ארבייט פון
פארוואלטען די פאבריקען און די גאנצע
אינדוסטריע האט באדארפט איבערגעגע-
בען ווערען אין די הענט און ניט צו קיין
אנדערע, וועלכע זיינען בלויז טרוימערס
און ווילען זיין דיקטאטארס, ווי זינאוויעוו
און זיין גלייכען. און דערפאר זעהען מיר
דעם טרויעריגען דורכפאל פון זייער פיר
יאהריגער סאציאלער רעוואלוציע!

דענקט אבער ניט, אז די רוסישע אר-
בייטער האבען פאר דער גאנצער צייט פון
דער רעוואלוציע גאר ניט פארלאנגט פון
זייערע קאמוניסטישע דיקטאטארס. ווי
נידערגעשלאגען די רוסישע ארבייטער זא-
לען ניט זיין, ווי פארהונגערט זיי זאלען
ניט זיין, האבען זיי שטענדיג פארלאנגט
דאס זעלבע רעכט ווי די ארבייטער פון די
קאפיטאליסטישע לענדער האבען דאס,
אבער צו אלע צייטען איז זייער פארלאנג
אונטערדריקט געווארען מיט אן אייזער-
נער מאכט.

די קאמוניסטען האבען אוועקגערויבט
דעם גאנצען אונטערנעמונגס גייסט פון די
רוסישע ארבייטער, זיי האבען די ארביי-
טער געמאכט פאר גייסטיגע קריפעלס. אין
זייער גרויסען גיער נאך מאכט האבען זיי
אפילו צוגענומען פון די ארבייטער דאס
רעכט, אז זיי זאלען פירען זייערע ארגאני-
זאציעס ווי פאר זיי איז אם בעסטען.

די רוסישע ארבייטער דארפען אנפי-
רען א טאג טעגליכען קאמף פאר זייער בי-
טערע עקזיסטענץ, פונקט ווי די ארבייטער
טוען עס דא אין אמעריקא און אין אנ-
דערע לענדער, און צו דערצו פאדערט זיך,
פארשטעהט זיך, שטארקע ארגאניזאציעס.
די רוסישע ארבייטער זיינען אבער מאכט-
לאז, דערפאר ווייל זייערע פאראיינען ווע-
רען אנגעפירט פון א שלעכטער ביוראקרא-
טישער דיקטאטור.

אויפ'ן זעלבען צעהנטען צוזאמענפאר
פון דער קאמוניסטישער פארטיי איז
אריינגעבראכט געווארען א רעזאלוציע
וועגען דער ראלע פון די פראפעסיאנאלע
פאראיינען אין דער עפאכע פון דיקטאטור.
די דאזיגע רעזאלוציע וואלט געקאנט פאר-
נעמען אלע 16 פיידזשעס פון דער „גע-
רעכטיגקייט" (אויף דעם זיינען די קא-
מוניסטען גרויסע בריות). וועגען אלץ
ווערט דארט גערעדט, א חוץ איין זאך, און
דאס איז: אז די ארבייטער אליין זאלען
האבען א דעה איבער די פאראיינען. ניין,
פארלויפיג טאר נאך די דאזיגע הייליגע
רעכט צו די פראלעטאריער ניט געגעבען
ווערען, דערפאר ווייל זיי זיינען נאך ניט
גענוג באהאווענט אין דער גרויסער לעהרע
פון „זייער קאמוניזם", און ביז וואנען זיי
וועלען ניט ווערען קיין ציל באוואוסטע
קאמוניסטען (דאס קאן אפשר נעמען בלויז
א פאר הונדערט יאהר), קאנען מיר זיך
אויף זיי ניט פארלאזען. אזוי טענה'ן די
קאמוניסטען.

„חבר" זינאוויעוו זאגט טאקע אין דער
זעלבער רעדע פאלגענדעס:

„אין דער דיסקוסיאן וועגען די פרא-
פעסיאנאלע פאראיינען איז אויך אנגע-
רירט געווארען די פראגע, צי דארפען די
פראפעסיאנאלע פאראיינען פארטיידיגען
די רעכטע פון די ארבייטער". (איהר הערט
וואס ער זאגט?). אנדערע האבען געזאגט,
אז די דאזיגע פראגע איז אין דער פרא-
לעטארישער מלוכה בטל געווארען, און
די ארבייטער דארפען ניט האבען קיין
פאראיינען צו פארטיידיגען זייערע רעכ-
טע. אנדערע ווידער האבען געזאגט, אז
מיר לעבען איצט איבער אן איבערגאנגס
צייט, ווען די מאכט ארגאנען זיינען ביו-
ראקראטיש, שלעכט איינגעארדענט, און
ווער זשע וועט פארטיידיגען די אינטערע-
סען פון די ארבייטער געגען אט דעם גע-
פערליכען ביוראקראטיזם, אויב ניט די
פאראיינען זעלבסט? קומט דער זעלבער
חבר זינאוויעוו צום שלום און ער זאגט:

„די איינציגע זאך וואס מיר קאנען
טאן, איז צו רעפארמירען די ארבייטער
פירער, וועלכע זיינען אזוי שטארק פאר-
ביוראקראטיזירט געווארען, כדי מיט דעם
צו געווינען דעם צוטרויען פון די ארביי-
טער מאסען צו זייערע פירער, און אויב
מיר וועלען דאס ערדייכען, וועט שוין די
פראגע במילא געלייזט ווערען, און אלץ
וועט זיין שעהן און גוט".

איך האב געבראכט די פאר אויסציגע
פון זינאוויעוו'ס רעדע, כדי מיט דעם צו

(שלוס אויף זייט 15)

*) עס וועט זיין אינטערעסאנט פאר
איך צו וויסען, אז פון די סאוועטען איז
בלויז פארבליבען דער נאמען. איצט זיינען
מעהר ניטא קיין סאוועטען אין רוסלאנד פון
ארבייטער, סאלדאטען און פויערים, ווי דאס
איז געווען אין אנפאנג פון דער רעוואלוציע.
די דאזיגע פארמע פון סאוועטען איז א זאך
דער פארגאנגענהייט. די פאקטישע רעגירער
פון רוסלאנד זיינען די קאמוניסטען. עס
רעגירט א הויפעלע מענשען פון דער קאמו-
ניסטישער פארטיי און — דאס אלץ! — ב. א.

GERECHTIGKEIT
A Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance, $1.00 per year.

Vol. III. No. 48. — New York, Friday, Nov. 25, 1921.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

מה נשתנה: מיט וואס איז דער איצטיגער קלאוקמאכער-קאמף אנדערש, ווי אלע אנדערע?

ווען מארים הילקוויט האט זיך געווענדעט מיט אן אנפראגע צו סעמועל אונטערמייער, איינער פון די באריהמטסטע לאיערס אין אמעריקא, אויב ער וואלט ניט געוואלט צוזאמען מיט איהם אויפנעהמען א קאמף אין די קאורטס געגען די פראטעקטיוו-קלאוק מאנופעקטשורערס פאר ברעכען די אגרימענטס פון 1919 און פון 1921 מיט דער קלאוקמאכער יוניאן, האט סעמועל אונטערמייער געענטפערט ווי פאלגט:

„שטיצענדיג זיך אויף די אנגעגעבענע פאקטען און זייערע שליסע, קווינקעל איך זיך ניט אויף א מינוט צו ענטפערען אויף אייער אנפראגע, אז לויט מיין מיינונג איז די יוניאן געזעצליך בארעכטיגט צו פאדערען פון קאורט אן אינדזשאנקשאן, וואס זאל פארווערען די קלאוק-מאנופעקטשורערס צו פארגוואלטיגען זייער אגרימענט מיט דער יוניאן, און איך ראט אייך אנצונעהמען דעם דאזיגען וועג. עס איז שוין צייט, דאס די קאורטס זאלען אויפגעפאדערט ווערען זיך ארויסצוזאגען אין דער פראגע, צי עס איז מעהר אונגעזעצליך פאר די ארבייטער צו ברעכען זייערע אגרימענטס, ווי פאר די ארבייטס-געבער; און אויב דער געזעץ קען ניט אנגעווענדעט ווערען גלייך אויף בײדע צדדים. אזא באשטימונג וועט זיין א גרויסער בייטראג צו דער זאך פון געזעץ און ארדנונג.

„צוליב דעם בין איך בארייט צו האנדלען צוזאמען מיט אייך אין דעם פראצעס. אבער איך וויל ניט אננעהמען קיין געלד-באלוינונג פאר מיין ארבייט, און וועל עס אננעהמען נאר מיט דעם תנאי. דאס איז דאך אן ארבייט פאר'ן כלל, פאר דער געזעלשאפט. און איך וואלט געוואלט, אז דאס זאל געהאלטען ווערען אויף דיזער הויך."

**

סעמועל אונטערמייער האט זעהר קלאר קלאר באגריפען די גאנצע גרויסקייט פון דעם איצטיגען קלאוקמאכער קאמף. ער האלט זיין ארבייט פאר א הייליגע ארבייט, פאר א דינסט צום גאנצען פובליקום (פאבליק סירוויס), און פאר אזא ארבייט וויל ער ניט קריגען באצאהלט. ווארום אבער, פרעגט זיך, האלט סעמועל אונטערמייער זיין ארבייט פאר אזוי הויך און אזוי וויכטיג, אז ער האט מורא איהר צו פארשוועכען מיט דעם, וואס ער וואלט איינגעווילינגט צו קריגען באלוינט פאר איהר? איז עס דען אזא נאווינע א סטרייק פון ארבייטער געגען קאפיטאל? איז עס דען אזא נאווינע, אז די באסעס זאלען וועלען ארויסקריגען פון די ארבייטער וואס מעהר און באצאהלען וואס ווייניגער, און די ארבייטער זאלען זיך וועהרען געגען דעם? טו מיט וואס איז דער קאמף פון די קלאוקמאכער גרעסער, הייליגער, ווי אלע אנדערע? און דער ענטפער איז פאלגענדער: בעת אין אלע אנדערע קעמפע קומט נאר אריין דער עלעמענט פון ווײדזשעס, פון שטונדען, פון דאס רעכט פון ארבייטער אויף זייער דזשאב און ז. וו., און ז. וו., אלץ זאכען, וואס געהען אן ביז צו א געוויסען גראד בלויז די ארבייטער און די ארבייטס-געבער, איז אבער אין דעם איצטיגען קאמף פון די קלאוקמאכער דא א גאנץ נייער עלעמענט, דער עלעמענט פון דער הייליגקייט פון ווארט, פון קאנטראקט. דאס מאכט איהם, פון אן אינדיווידועלען קאמף צווישען ארבייטער און באס, פאר א קאמף, וואס ריהרט אן דעם סאמע פונדאמענט פון דער מענשליכער געזעלשאפט.

*

ווארים, וואס איז דער סאמע פונדאמענט פון דער געזעלשאפט, אויב ניט דער קאנטראקט, דער אפמאך צווישען מענש און מענש? נעמט אוועק דיזען עלעמענט, און די געזעלשאפט צופאלט אויף פיץ-פיצלאך. די געזעלשאפט אהן די הייליגקייט פון קאנטראקט איז גארניט דענקבאר. דער קאנטראקט און זיין הייליגקייט איז ווירקליך דער צעמענט, וואס האלט צוזאמען אונזער גאנצען געזעלשאפטליכען לעבען. דער וואס ברעכט א קאנטראקט, וועלכען ער האט אנגענומען פרייוויליג, מיט זיינע אויגען אפען, דער באגעהט ניט נאר א פארברעכען געגען די פערזאן, אדער געגען די גרופע פערזאנען, מיט וועמען ער האט געשלאסען דעם קאנטראקט, נאר ער באגעהט א פארברעכען געגען די גאנצע געזעלשאפט. מיט דיזען אקט גראבט ער אונטער דעם סאמע פונדאמענט פון דער געזעלשאפט, וועלכער ער האט צו פארדאנקען זיין זיכערהייט, זיין סאמע מעגליכקייט צו לעבען. דערפאר איז סעמועל אונטערמייער פאלשטענדיג גערעכט, ווען ער פארשטעהט זיין קאמף אין די קאורטס געגען די באסעס ניט אלס א פריוואטע אנגעלעגענהייט, נאר אלס אן אקט פון „פאבליק סירוויס".

**

און ווען דאס איז ריכטיג וועגען דער האנדלונג פון מר. סעמועל אונטערמייער, איז עס נאך הונדערט מאל מעהר ריכטיג וועגען דעם קאמף פון אונזערע 50 טויזענד סטרייקענדע קלאוקמאכער. אמת, זיי קעמפען פאר זייער שטיקעל ברויט; אמת, זיי קעמפען פאר די אויפהאלטונג פון זייער מענשליכען לעבענס-סטענדערד, פאר וועלכען זיי האבען אזוי פיל שלאכטען שוין אויסגעפאכטען; אבער מעהר פון אלץ גילט זייער קאמף פאר די אויפהאלטונג פון דעם קאנטראקט. די באסעס האבען מיט זיי אפגעמאכט אין 1919, אז ביז דעם נעקסטען דזשון זאלען די ארבייטער קריגען באצאהלט פון וואך, און ניט פון שטיק, און אז די ארבייטס-שטונדען זאלען זיין 44, און ניט מעהר, און אז דער מינימום ווײדזש-סקייל זאל זיין 44 דאלאר (שפעטער איז דורך א נייעם אפמאך דער מינימום ווײדזש-סקייל געהעכערט געווארען אויף 50 ד.), און אין 1921 איז געשלאסען געווארען נאך א קאנטראקט פון אן עהנליכען כאראקטער; און בײדע קאנטראקטען זיינען פון די באסעס שענדליך געבראכען געווארען. קעמפט איצט די גרויסע קלאוקמאכער יוניאן געגען אט די דאזיגע קאנטראקט-ברעכעריי. זי קעמפט פאר די הייליגקייט פון קאנטראקט. און קעמפענדיג פאר דעם, קעמפט זי פאר די געזעלשאפט, אלס גאנצע, און אין דעם זין איז איהר קאמף דורכאוים פון דעם כאראקטער פון א פאבליק סירוויס.

א נייע ווענדונג אין דער פאליטיק פון די באסעס.

אלע האבען עס געפיהלט, אלע האבען עס פארשטאנען גלייך, ווי עס איז באקאנט געווארען דורך די באסעס, וואס זיי האבען באשלאסען צו טאן, און דערפאר האט די גאנצע וועלט זיך אפגעקערט פון זיי. אלע זייערע ארגומענטען פאר שטיק-ארבייט, פאר לענגערע שטונדען זיינען קיינעם ניט געקראכען אין די לינקע פאה. קיינער האט ניט געהאט די מינדעסטע געדולד אויסצוהערען ארגומענטען און טענות פון מענשען, וואס האבען געבראכען זייער ווארט, זייער אפמאך מיט די ארבייטער, און די אלגעמיינע סימפאטיע איז דארום געווען גלייך אויף דער זייט פון דער יוניאן. קומט איצט זייער לאיער, מר. מאקס שטויער, און זאגט זיך אפ מיט זיין קאלטען לונג-און-לעבער-שטייגער, אז דער געבראכענער אגרימענט איז גאר ניט די פראגע, אז די הויפט-פראגע איז צו שליסען פרידען.

**

געוויס איז שלום א זעהר וויכטיגע זאך. אבער, פרעגען מיר, וואס פאר א ווערדע קען האבען דער שלום מיט נאטארישע קאנטראקט-ברעכער? ווי קען מען זיך באווארענען, אז מארגען זאלען דיזעלבע ווארט-ברעכער ניט פארגוואלטיגען דעם נייעם קאנטראקט, וואס וועט געמאכט ווערען? ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען שליסען פרידען מיט דייטשלאנד, האט דער געוועזענער פרעזידענט ווילסאן מיט פולשטענדיגען רעכט געענטפערט: מיט דייטשלאנד יא, אבער ניט מיט דער דייטשער רעגירונג. ניט מיט ווילהעלם, וועלכער האט זיך ארויסגעוויזען אלס קאנטראקט-ברעכער. ווילסאן האט אויסגעפיהרט. ווילהעלם און זיין גאנצע באנדע האט געמוזט געהן. און מיר וואלטען געקענט זאגען דאסזעלבע: די פראטעקטיוו מוז געהן. עס איז ניטא מיט וועמען צו ריידען. אבער מיר זאגען עס ניט. מיר ווילען געבען דעם זינדיגסטען די געלעגענהייט תשובה צו טאן. מיר זאגען צו די מאנופעקטשורערס: איידער מיר וועלען רײדען פון פרידען און פון נייע באדינגונגען, טוט תשובה, האלט אייער קאנטראקט; עפענט צוריק אייערע שעפער פאר די ארבייטער אונטער די באדינגונגען פון קאנטראקט פון 1919, וועלכער וועט זיך ערשט ענדיגען נעקסטען דזשון. און דערווייל וועלען מיר זיך בעראטען, פארהאנדלען, אויפבויען א מאשינעריע, וועלכע זאל זיין עהרליך צו בײדע צדדים. ווער, אלזא, קען געפינען דאס מינדעסטע אויסצוזעצען געגען אזא פלאן? מיר גלויבען, אז יעדער מענש מיט א גראדען און עהרליכען שכל מוז זיין איינפארשטאנען מיט איהם. אבער די באסעס געפעלט ער גארניט און דערפאר איז אויך דער לעצטער שאך-צוג זייערער א גאנץ פאלשער. כאטש אויבערפלעכליך איז ער א גאנץ געראטענער, אבער אין גרונד געגומען איז ער ניט בעסער, ווי אלע זייערע ביזאיצטיגע שאך-ציגע, דורך וועלכע זיי האבען שוין פון אנפאנג אן געהאט א פארלארענע שפיל.

**

וועלכער איז עס דער נייער באסישער שאך-צוג פון די מאנופעקטשורערס, געמאכט פאר זיי פון זייער לאיער, מר. שטויער? ער, אין געגענזאץ צו זייער פריהערינגען „ספאוקסמען", מר. לעפקאורט, (וואס איז געוועזן פון זייער זייט א גאנץ קלוגע זאך, וואס זיי האבען איהם אנגעוויזען זיין ריכטיגען פלאץ צו בלייבען פון הינטען.) ער, מר. שטויער, איז ארויסגעקומען מיט גאנץ אנדערע דיבורים. ער באשטעהט ניט מעהר אויף דער פאדערונג פון וואך-ארבייט, אויף א פארקלענערונג פון די ארבייטס-שטונדען. דאס, ערקלערט ער, איז פאר איהם פון א קנאפער וויכטיגקייט. וואס ער וויל, וואס זיינע קליענטען ווילען, איז „פראדאקשאן", אז די ארבייטער זאלען געבען פאר דעם דאלאר וואס זיי קריגען, א דאלאר ארבייט. און אזוי ווי דאס וויל דאך די יוניאן אויך, טו צו וואס קעמפען? די באסעס זיינען שוין איצט בארייט צו קאנפערירען, יע, זיי פארלאזען זיך זאגאר אויף ארביטריישאן וועגען אלע זייערע פאדערונגען.

*

איז עס, דאכט זיך א גאנץ גוטער פלאן. וואס האט דען די יוניאן געוואלט? זי האט דאך ניט פארלאנגט דעם טעלערעל פון הימעל, זי האט דאך נאר געוואלט די אויפהאלטונג פון אלע באדינגונגען, וואס זיינען געקומען די ארבייטער על פי קאנטראקט, און מכוח די פארשידענע באסישע טענות, האט דען ווען די יוניאן ענטזאגט זיך אויסצוהערען זיי? און האט דען די יוניאן ניט צוגעזאגט איהר פולסטע מיטהילף אין יעדען פאל, ווען די באסעס וועלען באווייזען, אז זיי האבען רעכט, און האט דען די יוניאן דורך איהר האנדלען, ניט בלויז דורך ווערטער, באוויזען, ווי ערנסט און געטריי זי איז געווען צו איהרע פארפליכטונגען? היינט, אויב די מאנופעקטשורערס האבען ערקלערט, אז די פאדערונגען פון שטיק-ארבייט און לענגערע ארבייטס-שטונדען זיינען זיי בארייט פאלען צו לאזען, טו וואס איז טאקע די מניעה צו א באלדיגען שלום?

**

און פאר א ווײלע האט עס אויסגעזעהן, אזוי ווי עס וואלט ווירקליך גארניט ווייט געווען פון דעם. אבער באלד האט זיך ארויסגעוויזען, אז ניט דאס האט געמיינט מר. שטויער. אלעס, אלעס גוט, אבער דער אלטער קאנטראקט, וואס די באסעס האבען געבראכען, דער מוז בלייבען געבראכען. ער האט דערמיט גלייך ארויסגעוויזען, אז וואס ער האט באצוועקט, איז געווען בלויז איינצושטילען דעם שטורעמדיגען צארן פון פובליקום געגען זיינע קליענטען, די ווארט-ברעכערישע באסעס. און האט ער דאס איינמאל אויסגעפיהרט, און צושטערט די גאנצע מאראלישע מאכט פון דער יוניאן, אפגעשארען, אלזא, דעם ריז שמשון זיינע האר, דאן קען ער שוין דערלאנגען דעם זיג צו זיינע קליענטען אויף א טעלערעל.

**

מען קען ניט זאגען, דער פלאן איז געווען א גאנץ כיטרער, אבער מר. שטויער האט געמאכט א טעות, א גרויסען טעות אין זיין בעגנער. דער געגנער, אזוי קלוג, ווי ער, און, אפשר, נאך קליגער, האט זיך ניט געלאזט אריינגנארען אין די אויפגעשטעלטע פאסטקע. פרעזידענט שלעזינגער האט באלד דערזעהן פון דער פאדערונג, אז „דער אגרימענט מוז בלייבען געבראכען", וואס די באסעס אייגענטליך באצוועקען מיט זייער נייעם שאך-צוג. און ער האט זיי געגעבען דעם ריכטיגען און דעם איינציג-מעגליכען ענטפער דורך זיין סטייטמענט פון דינסטאג, וועלכען ער פארענדיגט, ווי פאלגט:

„די שטעלונג פון די מאנופעקטשורערס זעהט אויס צו זיין, אז אן אגרימענט צווישען ארבייטסגעבער און ארבייטער איז בלויז „א־סקרעפ אוו פייפער". אויב מען זאל זיי לאזען ביי דער דאזיגער שטעלונג, טו וועלכע זיכערהייט און גאראנטי קען זיין אין א נייעם אגרימענט מיט זיי, לויט דעם זעהר אונקלארען פלאן פון מר. שטויער, אדער לויט אירגענד וועלכען פלאן? איידער א נייער אגרימענט מיט אונזערע ארבייטס-געבער קען נאר גענומען ווערען אין אנבאטראכט, מוז פעסטגעשטעלט ווערען דער אלעס-באשטימענדער פרינציפ, דאס אגרימענטס ווערען געמאכט, אום געהאלטען, אבער ניט אום געבראכען צו ווערען. די מאנופעקטשורערס מוזען צוריקרופען זייער רעזאלוציע און אנערקענען זייערע פארפליכטונגען אונטער דעם עקזיסטירענדען אגרימענט ביז דעם ערשטען דזשון, 1922, איידער פארהאנדלונגען וועגען ווייטערע באדינגונגען קענען מיט נוצען אויפגענומען ווערען פון זיי."

**

דאס איז א קלארער און באשטימטער ענטפער. ניטא אין איהם די מינדעסטע צווייזדייטיגקייט. אויב די באסעס ווילען שלום; און אויב די באסעס באשטעהען שוין ניט מעהר אויף זייער פאדערונג פון שטיק-ארבייט און לענגערע ארבייטס-שטונדען, וואס דאס מיינט, אז דעם סאמע עצם פון דעם אגרימענט פון 1919 אנערקענען זיי, טו ווארום ניט האנדלען קאנסעקווענט און עהרליך? ווארום ניט ערקלערען, אז די ארבייטער קענען זיך צוריקקעהרען צו דער ארבייט אונטער די אלטע באדינגונגען ביז דעם 1טען דזשון, און דערווייל זאל מען שוין נעהמען טראכטען וועגען די באדינגונגען פון דעם נייעם קאנטראקט? און צו וואס דארף מען דאן די ארביטריישאן, אויב די באסעס מיינען ערנסט, „אין גוד פעיט", צו האנדלען מיט דער יוניאן? און נאר האנדלונג, ניט בלויז ווערטער, מעגען זיי זיין ווי גלאט, וועט באווייזען די ערנסטקייט פון זייער ווונש צו מאכען שלום מיט דער יוניאן.

א פאר ווערטער וועגען דעם געשריי: „פראדאקשאן."

מיר האבען געהאט ברעה אפצופרישען אין דעם זכרון פון אונזערע לעזער מאנכע ארגומענטען געגען שטיק-ארבייט, טאמער האבען עס אייניגע פון אונזערע ארבייטער פארגעסען, וואס דאס איז אפילו זעהר ניט גלויבליך. אבער איצט, אז די מאנופעקטשורערס פון ניו יארק, און ווי מיר הערען, אויך פון אנדערע קלאוקצענטערס, האבען געביטען זייער טאן און זיי ערקלערען שוין, אז פאר זיי איז אויך רעכט וואך-ארבייט, נאר אלץ, וואס זיי ווילען, איז „פראדאקשאן", האלטען מיר פאר נויטיג צו זאגען א פאר ווערטער וועגען דעם.

**

קודם כל לייקענען מיר ענטשידען אפ, אז אונזערע ארבייטער, אלס א כלל, האבען ניט געגעבען קיין פראדאקשאן, דאס הייסט, האבען ניט געארבייט געטריי און עהרליך פאר דאס געלד, וואס זיי האבען געקראגען. אונזערע ארבייטער זיינען ניט קיין קעשענע גנבים, ניט קיין רויבער. דער פאקט, דאס זיי זיינען ארבייטער, איז דער בעסטער באווייז פאר זייער עהרענהאפטיגקייט. נאטירליך, אויסנאהמען קענען זיין אין יעדען קלאס, אין יעהער שיכטע פון דער געזעלשאפט. אבער פון אויסנאהמען רעדט מען ניט. אלס א כלל זיינען די ארבייטער עהרליך, געוויסענהאפט און געטריי, און אפט שוין אביסעל צו געטריי. דערפאר קענען מיר ניט גלויבען, אז דער געשריי פון די באסעס פאר פראדאקשאן זאל זיין ווירקליך אן ערנסטער. וואלטען זיי ווירקליך געגלויבט, אז די ארבייטער אין אלגעמיין פראדוצירען ניט גענוג, ווייל זיי ארבייטען פון וואך, וואלטען זיי דאך זיך בלויז באנוגענט מיט זייער פאדערונג פון איינפיהרען צוריק די סיסטעם פון שטיק-ארבייט. דער פאקט אבער איז, אז זיי האבען צו דעם נאך געפאדערט א לענגערע ארבייטס-וואך, אז די ארבייטער זאלען ארבייטען מיט 5 שטונדען מעהר יעדע וואך. און אט פון דער פאדערונג איז קלאר, אז די באסעס האבען ניט געגלויבט, אז דורך די איינפיהרונג פון שטיק-ארבייט אליין זאלען זיי שוין קריגען מעהר פראדאקשאן.

*

לויט דער מיינונג פון די מאנופעקטשורערס, קען מען ערווארטען מעהר פראדאקשאן פון צווייערליי קוועלען: ערשטענס, פון שטיק-ארבייט, און, צווייטענס, פון מעהר ארבייטס-שטונדען. ווי אזוי קען שטיק-ארבייט ברענגען מעהר פראדאקשאן? וואו ליגט די שווארצע גבורה פון שטיק-ארבייט? די מאשין בלייבט דאך דיזעלבע, די ארבייטס-כוחות, די ווארע, דער שאפ — אלעס דאס זעלבע, טו פאר וואס זאל שטיק-ארבייט זיין די סגולה פאר מעהר פראדאקשאן? אויף דעם איז דער ענטפער פאלגענדער: ווען דער ארבייטער ארבייט פון שטיק, און פאר יעדע שטיק ארבייט קריגט ער אזוי פיל און אזויפיל באצאהלט, טרייבט ער, נאטירליך, צו מאכען וואס מעהר. דאס מיינט, אז דער שטיק ארבייטער יאגט זיך ביי דער ארבייט מעהר, ווי ווען ער ארבייט פון וואך, ווען זיין ווײדזש איז שוין פעראויס באשטימט. אלזא, לויט דער לאגיק, איז פראדאקשאן ניט דער רעזולטאט פון עהרליכער ארבייט לויט איי-

נאציאנאל — הייסט עס, אז אפילו זיי אליין זיינען אזוי שוואך אין קלאסענקאמף און אזוי וויינינג צילבאוואוסט, דאס זיי האבען זיך געפוילט צו געהן צו שטימען פאר זייערע אייגענע קאנדידאטען!... זייער דייטשער ארגאן גופ.ג., די רויט-אויסגעלייטערטע „פאלקסצייטונג" — פארוויכערט עס דאך.

און א קשיה אויף א מעשה, אפשר האבען גאר „א פאר פון די קאמוניסטען" געוואוט פאר הוילנ'ען!?

אבער ניין, טויזענד מאל ניין! איך וויל גאר ניט צולאזען דעם געדאנק, אז אירגענד וועלכער עהרליכער רעפארמער, אירגענד וועלכער איבערצייגטער, פריי-געזאנענער סיטיזען, שוין ניט ריידענדיג פון אירגענד וועלכע אמת'ע סאציאליסטען און קאמוניסטען, זאל שטימען פאר א חיילען אדער פאר אן אנדער טאמאני-קאנדידאט.

דאס זיינע געמיינע בלבולים. איך ענטזאג זיך צו גלויבען, אז אזעלכעס האט טאקע פאסירט ביי די לעצטע וואהלען, ווי דאס באהויפטען אזעלכע זיסע פריינד פון דער סאציאליסטישער פארטיי ווי די רעפובליקאנישע „טריביון" פון איין זייט, און די קאמוניסטישע „פאלקסצייטונג" פון דער אנדער זייט.

דער אמת איז, און זעהר א טרויעריגער און נידערשלאגענער אמת איז דאס, אז דער סאציאליזם איז בכלל זעהר שוואך אין יונייטעד סטייטס און אז די צאהל פון אמת'ע סאציאליסטען איז נאך גאנץ קליין אפילו אויף דער איסט-סייד און אין בראנזוויל... אט דאס איז דער ריכטיגער, דער ניט-אויסגעפשט'לטער שלום, ניט נאר פון דער לעצטער עלעקשאן, נאר אויך פון אלע פריהעריגע עלעקשאנס אין אלע שטעדט און סטייטס פון אונזער גרויסער און רייכער רעפובליק.

און דער הויפט-גרונד פון אונזער שוואכקייט ליגט ניט אין אירגענד וועלכע סאציאליסטישע פראגראמען, נאר אין דעם, וואס די טרייד-יוניאָניסטישע באוועגונג איז דא פיל מעהר אפגעזונדערט און אפגעטיילט פון דער סאציאליסטישער, ווי אין אירגענד וועלכער אנדער קאפיטאליסטישער מדינה. אהן די אמעריקאנער ארבייטער, טאקע די עכטע, די ארגאניזירטע אין טרייד-יוניאנס און די פארבונדענע אין אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר — אהן זיי וועלען מיר אלץ בלייבען אהן א פעסטען באדען און וועלען אזוי הענגען אין דער לופטען, אז יעדער שטורעם-ווינט וועט אונז אוועקבלאזען מיט אלע אונזערע תורות פון דער אלטער וועלט... איך האב עס שוין ניט איין מאל געזאגט אין מיינע ארטיקלען איבער דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא, און זאג עס נאך אמאל, אז מיר נויטיגען זיך דא אין א לייבאר פארטי נאך דעם ענגלישען מוסטער. ערשט דאמאלסט וועלען מיר קענען ערווארטען דויערענדע ערפאלגען פאר'ן סאציאליזם אין גאנצען לאנד. זאנסט וועלען מיר אלץ שטויסען וואסער און לעכערען די לופט.

דער מענשען וועלען האבען, דאס וועניגער סאלדאטען וועלען זיין געה'הרג'עט צו ווערען. און וואס וועניגער די פעלקער וועלען זיך פרובפערען, אלץ וועניגער גרונד וועט זיין פאר די פעלקער צו זוכען „פלעצער אונטער דער זון". וועלען זיך אונזערע דיפלאמאטען אמאל דערטראכטען דערצו?

א חיבש ביסעל פון דער קלאוקמאכער-ארמעע האב איך שוין געזעהן מארשירען צוריק אין זייערע שעפער. מיט מוזיק, מיט זיגער-פאהנען, אויף וועלכע עס איז געווען צו זעהן: „טויט צום צאריזם אין דער קלאוק-אינדוסטריע", האב איך זיי געזעהן אויף זייער מארש צוריק צו דער ארבייט. דאס זיינען די ערשטע געוואונענע שלאכטען פון דער גרויסער קלאוקמאכער ארמעע, און זיי זיינען די אנזאגער פון א באלדיגען גרויסען זיג אויף דער גאנצער ליניע, און אויף אלע פראנטען.

גאמפערס האט זיך זיין ערקלעהרונג, וואָרום די קלאוקמאכער מוזען געווינען דעם סטרייק. די ערקלעהרונג איז זעהר אן אינטערעסאנטע. אלע, אלע זיינען מיט די סטרייקער, טא מוזען זיי דאך געווינען. ער זעהט אבער ניט, אז עס איז אונזער סטרייקער, וואס מאכט, אז אלע זאלען זיין פאר איהם. וואלטען אין יעדער אינדוסטריע געווען אזעלכע סטרייקער, ווי די קלאוקמאכער, אזעלכע פיהרער, ווי די אין דער קלאוקמאכער יוניאן, וואלט דאס איבעראל געווען אזוי. און מיר פרעגען טאקע ביי אונזער גאמפערסען: קען ער געבען אן ערקלעהרונג, וואָרום זיינען די אנדערע סטרייקער און די אנדערע פיהרער ניט אזעלכע, ווי אין די נאָדעל-טרייד?

אין „קלירינג האוז" פונ'ם קלאוקמאכער קאמף

פון ג. ב. לינדער.

איך האב אייך געפאלגט ה' רעדאקטאר.

איך האב איבערגעלאזט מיינע בעלעטריסטישע ברילען אין דערהיים און בין געגאנגען א קוק טאן אויף די קעמפער-קלאוקמאכער מיט מיין פשוט מענשליך אויג, אזוי ווי איהר האט מיר אנגעזאגט; און איצט פיהל איך, אז איך בין אייך שולדיג א גרויסען דאנק פאר אייער עצה טובה.

א פאר שטונדען בלויז האב איך פארבראכט אין איינעם פון די הויפט פארזאמלונגס-צענטערס פון די סטרייקערס. אבער די פאר שטונדען האבען אויפגעפרישט און באנייט מיין גלויבען און צוטרויען צו די אידישע ארבייטער און האבען דערוועקט אין מיר א טיפערען און גרעסערען דרך-ארץ פאר זייער ארגאניזאציאנס-פעהיגקייט.

ווי קינדיש עס זעהען איצט אויס די צוקערדיג-סענטימענטאלע „סטרייק-בילדער און סצענעס", וואס ווערען געמאלען פון צייטונג-רעפארטערס, — לגבי דער אמת'ער, סאלידער און געשעפטסמעסיגער האלטונג פון די סטרייקערס, און דער גרויסער פראקטישער ארבייט פון דער גיגאנטישער סטרייק-מאשין!

צו וואס דארף מען היינט אזוינע קינדישע באבע-בעשיות, ווי

„...אויסגעפוצטע סטרייקערס, מיט יום-טוב'דיגע פרעהליכע פנים'ער און בלישצענדע אויגען... פאלען זיך איינעם דעם צווייטען אויפ'ן האלז און קושען זיך פון פרייד"...

אדער, א שטייגער, אזא מין „סצענע", ארויסגענומען פון אן אנדער טעגליכער צייטונג:

„א גרופע סטרייקערס זינגען עפעס חסיד'ישעס... איינער א יונגערמאן פארגלאצט מיט די אויגען דבק'עט זיך, און זינגט מיט התפעלות: „אוי וועה רעבעניו!"

צו וואס, פרעגט זיך, דארף מען היינט די דאזיגע באיקעס, ווען מען רעדט פון געזונטע, דערוואקסענע, גוטענטוויקעלטע און געאיבטע קעמפער, ווי עס זיינען די היינטיגע קלאוקמאכער?

און עס ווילט זיך אויסרופען צו די פריינד צייטונגס-רעפארטערס: קינדער, טוט אויס אייערע ברילען פון 1910 און 1916! איהר האט פאר זיך היינט א נייעם מין קלאוקמאכער-סטרייקער! ער גלאצט ניט מיט די אויגען, ער דבק'עט זיך ניט און זינגט ניט מיט סטרייק-התפעלות „אוי וועה, רעבעניו!" דאס אלץ איז אפשר געווען אמאל, אבער ניט היינט. דער היינטיגער קלאוקמאכער-סטרייקער פיהרט זיין קאמף געלאסען, ווירדיג און — וואס איז נאך וויכטיגער. — פראקטיש און געשעפטסמעסיג!

זיין געלאסענקייט און זעלבסטווירדע קומט פון זיין שטארקייט און פון זיין באוואוסטזיניגקייט איבער זיין אייגענער מאכט, און זיין פראקטישקייט קומט פון זיין דערוואקסענקייט און ערפאהרונג.

אויב עס זיינען נאך צווישען אונזערע צייטונגסלייט פאראן מענשען, וואס צווייפלען אין אט דער אפשאצונג פון דעם היינטיגען קלאוקמאכער-סטרייקער, וועל איך זיי געבען די זעלבע עצה, וואס מיר האט געגעבען דער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט": טוט אויס אייערע בעלעטריסטישע, פובליציסטישע און בכלל זשורנאליסטישע, אדער אפילו, פארטיי-ברילען, און כאפט אייך אריין אין איינעם פון די פארזאמלונגס-צענטערס פון די קלאוקמאכער, - ספּעציעל טאקע — אין בעטהאווען האל, וואו די ארגאניזאציאנס-קאמיטע ארבייט, און וואו עס איז, — ווי סאל מעטץ, טשערמאן פון דער קאמיטע, האט זיך אויסגעדריקט, — דאס „קלירינג האוז" פון אלע טעטיגקייטען פונ'ם סטרייק. פארברענגט דארט א שעה צייט. געהט פריהער אריין אין איינעם פון די זאלען אין דער געביידע, הערט אייך צו, וואס די גרופּעס סטרייקער פון פארשיעדענע שעפער רעדען צווישען זיך, קוקט אייך צו צו זייערע געמיטליכע געזיכטער, ווען זיי דיסקוטירען די סטרייק-פראגען, כאפט א בליק, ווי אזוי זיי אונטערהאלטען זיך דארט, ווארטענדיג אויף זייער נעקסטע ארונטערגערופען צו ווערען אין אפיס פון דער ארגאניזאציאנס-קאמיטע.

איך וועט אפשר ניט געפעלען, וואס א גרופע יונגעלייט זיצט אין א ווינקעל און „מאכט א קערטעל", ווייל איך אייך זאגען, אז גאר א גרויסער טייל פון אונזערע צייטונגסלייט טוט אויך דאסזעלבע אין די פרייע שטונדען. אפשר ניט?

אין א צווייטען ווינקעל וועט איהר זעהן, האט זיך צונויפגעקליבען א קרייז פון עלטערע, מיטעל-יעהריגע און יונגע מענשען און מען הערט זיך צו צו א דועט, א סאפראנא און א באס. די זינגער זיינען טאקע אייגענע מענשען: דער „סאפראנא" איז א מאן פון א יאהר פערציג, א הויכער, מיט א געזונטער ברוסט און ברייטע אקסלען, און דער „באס" — א בחור'על פון א יאהר אכטצעהן אדער ניינצעהן. דער עולם הערט, אמוזירט זיך און האט הנאה. אויף אן אנדער פלאץ אינ'ם זעלבען זאל שטעהט א יונגערמאן, א קלאוקס-אפרייטאר, און „האלט א רעדע". ער אימיטירט א באקאנטען ארבייטער-פיהרער, ווי יענער רעדט אויף א גרויסער אבייטער-פארזאמלונג. אבער ער אימיטירט אויסגעצייכענט. ער מאכט נאך אקוראט יענעם'ס אינטאנאציע, זיין שטעהן, זיין האלטען זיך, זיין זשעסטיקולאציע — קינסטלעריש קאפירט. די „רעדע" איז א פלאם-פייערדיגע, פון די אמאליגע געפעפערטע רעדעס, רופט צום קאמף קעגען אונטערדריקונג און פאריאכונג, — זאכען, איבער וועלכע די קלאוקמאכער קענען זיך שוין היינט פארגינען זיך לוסטיג צו מאכען, — און זיי מאכען זיך לוסטיג.

פלוצים רופט אויס דער האל-טשערמאן: „ארבייטער פון דעם און דעם שאפ, ארונטער דאון סטעירז!"

א שטיקעלאך פערציג בעל-מלאכה'ס ווארפען אוועק זייער שפּילען, זינגען און אמוזירונג — און געהען ארונטער, געפיהרט פון זייער שאפ-טשערמאן.

אונטען, אויפ'ן „גראנד-פלאר", זעצען זיי זיך אלע אויס אויף די בענק. דער שאפ-טשערמאן, מיט א קאמיטע פון די ארבייטער, ווערען גערופען אין מעטץ'ס אפיס. דער שאפ האלט ביי געסעטעלט ווערען. מעטץ האט אונטער זיין האנט א פּולען „רעקארד" פונ'ם באטרעפענדען שאפ. ער ווייסט גענוי די צאהל ארבייטער אין יענעם שאפ: וויפיעל אפרייטארס, וויפיעל פרעסערס, קאטערס, פינישערס א. א. וו. ער ווייסט אויך וועגען געוויסע קריוודעס פון איינצעלנע ארבייטער געגען יענער פירמע. ער רעדט זיך דורך מיט דעם שאפ-טשערמאן און קאמיטע פון יענעם שאפ. שטעלט פראגען, גיט אינסטרוקציעס, אדער ער מאכט אימיצען א פארוואורף: „ניט געטאָרט זיך ווענדען אליין צום באס, איהם פארשלאגען א פרייז אונטער'ן סקעיל!"

איהר שטעהט און וואונדערט זיך: פון וואנען ווייסט ער דאס אלץ? אבער ער ווייסט פארט. מעטץ קען כמעט יעדען ארבייטער, ווייסט יעדענ'ס שוואכקייט — און אין דעם טאקע ליגט זיין אייגענע שטארקייט.

זיך דורכגערעדט, אויסגעגלייכט, געגעבען די לעצטע אינסטרוקציעס — דער שאפ-טשערמאן מיט דער קאמיטע געהען ארויס פון צימער, ווארטען אין פאדערצימער אויף זייערע ארבייטער'ס ביכלאך אדער „ווארקינג-קארדס".

מעטץ'ס ארויסהעלפער, זיינע סעקרעטארען און טייפרייטערינס האלטען אין איין שרייבען, אנמערקען, פארצייכענען, קלאפען אויף די שרייב-מאשינען. דאס ווערען אויסגעארבייט, איבערגעארבייט און צוגעגרייט די נויטיגע רעקארדס און אינפארמאציעס פאר דער סעטעלמענט-קאמיטע, וואס געפינט זיך אין האטעל קאנטינענטאל, און פאר פיעלע אנדערע קאמיטעס פון דער גרויסער סטרייק-מאשינעריע, וואס הייסט „גענעראל סטרייק קאמיטע".

„קען איך כאפען א ווארט מיט אייך, פריינד מעטץ?" — פאלט אן אויף איהם א פריש-אנגעלאפענער צייטונגס-רעפארטער.

„געוויס, אבער שנעל, ברודערקע!" — ענטפערט מעטץ, א הייזעריגער פון האלטען א גאנצען טאג אין איין רעדען.

„וואס הערט זיך נייעס, וואס דענקט איהר, פריינד מעטץ, וועגען דער שטעלונג פון דער פראטעקטיוו...

„אנטשולדיגט, ברודערקע (!) איך האב מיט דער דיפלאמאטישער זייט פונ'ם סטרייק גאר ניט וואס צו טאן. וועגען דעם ווענדעט זיך צו שלעזינגער'ן, 31 יוניאן סקווער".

„און וואס הערט זיך דא ביי אייך?" — לאזט ניט אפ דער רעפארטער.

„איהר זעהט דאך וואס מיר טוען!" — ענטפערט מעטץ און שטעהט שוין מיט איין פוס צוריק ביי זיין דעסק. — „מיר ארגאניזירען, רעארגאניזירען און שיקען די סטרייקער צוריק צו דער ארבייט אין געסעטעלטע שעפער".

„פאראן א סך געסעטעלטע שעפער?"

„ניט צו פארזינדיגען!.. גוד באי!.."

אין דער רייהע ביי מעטץ'ס דעסק ווארטען שוין א נייע גרופע פון א ניי-געסעטעלטען שאפ — און ווידער די זעלבע סדרה — — —

„אי טיפ מאי העט טו דהעם! דהעי העוו עי טהאוזענד טיימס סטראנגער ארגאניזיישאן דהען דהי מעניופעקטשורערס!"

אזוי זאגט מיר א פארשטעהער פון א גרויסער היגער ענגלישער צייטונג, אליין שוין א באיאהרטער מענש, מיט וועמען איך האב זיך באגעגענט ביי דער טיר פון מעטץ'ס צימער אין בעטהאווען האל.

אויף אידיש איבערזעצט הייסט עס: „איך ציה מיין הוט פאר זיי (פאר די קלאוקמאכער). זיי האבען א טויזענד מאל שטארקערע ארגאניזאציע, איידער די בעלי-בתים"...

און דער צייטונגס-מאן וואס האט דאס געזאגט, ווייסט וואס ער רעדט. ער קומט צו די מיטינגען פון די בעלי-בתים אפטער איידער צו די ארבייטער, און באזונדערס פאראינטערעסירט אין לויבען די קלאוקמאכער איז ער אויך ניט.

און דאס וואס ער האט געזאגט וועגען דער קלאוקמאכער-ארגאניזאציע איז אויף קיין האר ניט איבערטריבען. איין באזוך אין אפיס פון דער סטרייק ארגאניזאציאנס-קאמיטע וועט אייך אין דעם איבערצייגען. און דער איינדרוק, וואס איהר באקומט, איז: ארגאניזאציאנעל איז דער היגער קלאוקמאכער אין די לעצטע צעהן יאהר אויסגעוואקסען גרויס גענוג צו קענען בייקומען א פיעל שטארקערען שונא פון דער איצטיגער פראטעקטיוו אססאסיאיישאן, און דאס אליין, וואס די מאנופעקטשורערס פון אט דער אססאסיאיישאן האבען דאס ניט איינגעזעהען און ניט פארשטאנען, איז דער בעסטער באווייז אויף זייער, די מאנופעקטשורערס', אייגענער שוואכזיניגקייט און אומפעהיגקייט. שוין אפגערעדט פון דער מאראלישער זייט פון זייער איצטיגער האנדלונג אנטקעגען די קלאוקמאכער און זייער יוניאן.

דער אקאמפאנימענט

פון נחום י.

שרייט דער אדלער, ברומט די טויב —
און דער לעמפערט רייסט זיין רויב;
אהן אן אנהויב, אהן א סוף
איז די אויסגעזוכטע שטראף.

אויף דעם וויסטען ווילדען וועג
בלייבען איבער רויטע טעג;
שרייט דער אדלער, ברומט די טויב,
און דער לעמפערט רייסט זיין רויב.

קומט נים אן די גרויסע פרייד...
דורות שווינדען בלינדערהייט;
שרייט דער אדלער, ברומט די טויב, —
און דער לעמפערט רייסט זיין רויב...

ווער האט געשטימט פאר היילען'ען ?

פון פיליפ קראנץ.

ווי די רעפובליקאנישע „טריביון" און די קאמוניסטישע „פאלקסצייטונג" האבען זיך צוזאמענגעטראפען אין א נידערטרעכטיגען בלבול אויף די סאציאליסטישע וואוטערס. — דער הינקענדיגער פארגלייך צווישען די רעזולטאטען פון די עלעקשאנס אין יאהר 1917 און היי־יאהר.

ווען איך האב איבערגעלייענט די לייט־ארטיקלען פון דער ניו יארקער „טריביון" און פון דער ניו יארקער „פאלקסצייטונג" איבער די רעזולטאטען פון די לעצטע עלעקשאנס אין גרעיטער ניו יארק, איז מיר ארויף אויף די געדאנקען דער אלטער שפרוך אדער ווערטעל, אז „עקסטרעמען באגעגנען זיך".

יא, דיזע ביידע צייטונגען, וועלכע זיינען ווי פייער מיט וואסער און צושיידען זיך שארף אויף אלע וועגען, האבען זיך דאך צוזאמענגעטראפען אין איין פונקט, און דוקא געגען דער סאציאליסטישער פארטיי. ביידע האבען זיי זיך צופשט'לט און זיינען געקומען צו איין שלוס, און דאס איז נעמליך, אז דער טאמאני־מעיאר היילען האט געקראגען אזא איבערגעוועהנליך גרויסען וואוט, ווייל... יא, ווייל א סך סאציאליסטען האבען נאר געשטימט פאר איהם! ...

אט לעזט, וואס אזא קאנסערוואטיווע רעפובליקאנישע צייטונג, אזא ארגאן פון גרויס קאפיטאל, ווי דאס איז די ניו יארקער „טריביון" האט געשריבען אין איהר לייט־ארטיקעל אויף דעם צווייטען טאג נאך די עלעקשאנס אונטער א קעפעל „דער סאציאליסטישער דורכפאל":

„צווישען די פאליטישע ארגאניזאציאנען, וואס זיינען ארויס טרויעריג צוקלאפט נאך דער צומישענעס פון לעצטען דינסטאג, געפינט זיך אויך די סאציאליסטישע פארטיי. אין 1917 האט מאריס הילקוויט, דער סאציאליסטישער קאנדידאט פאר מעיאר, באקומען 141,789 שטימען. דיזען יאהר האט דזשייקאב פענקין, דער סאציאליסטישער קאנדידאט פאר מעיאר באקומען ארום 83,000 שטימען. און דאס איז, נאכדעם ווי פרויען האבען גלייכע שטימרעכט מיט מענער, וואס עס איז ניט געווען מיט 4 יאהר צוריק. און ווען מען זאל נאך דערצו נעהמען אין באטראכט די פארמעהרונג פון דער באפעלקערונג אין דיזער צייט און דעם גרויסען אינטערעס פון דער באפעלקערונג אין דער לעצטער עלעקשאן, וואלטען די סאציאליסטען בעדארפט ציהען א וואוט פון אונגעפעהר 350 טויזענט, אום אנצוהאלטען די פראפארציע פון דער שטימענצאהל פאר הילקוויט'ן. דאס מיינט, אלזא, אז די סאציאליסטישע פארטיי האט פארלארען ארום דריי־פערטעל פון איהר קראפט..."

מילא, דאס איז שוין דער צופיל אנגעצווינגענער פשט'ל אויף דעם גרונד פון א זעהר הינקענדיגען פארגלייך פון די עלעקשאנס מיט פיר יאהר צוריק, ווען אלערליי פאסיפיסטען בכלל און אלע געגנער פון אמעריקא'ס אנטייל אין דער אייראפעאישער מלחמה בפרט האבען געשטימט פאר דעם סאציאליסטישען קאנדידאט, און פון די היי־יאהריגע עלעקשאנס, ווען די אומשטענדען און די שטרייט־פראגען, אדער „אי־שוס" זיינען גאנץ אנדערע.

דאמאלסט האבען דאך ניט נאר א סך דייטשען און אירישע געשטימט צוזאמען מיט די אידען פאר דעם סאציאליסטישען טיקעט, אפגעזעהן פון די פערזאנען, פון די דארט פארצייכענטע קאנדידאטען, נאר אויך א סך געבארענע אמעריקאנער. און אלע זיינען זיי דאמאלסט געווען פונקט אזוי ווייט פון סאציאליזם גופא, ווי היינט, ווען זיי האבען מן הסתם געשטימט פאר דעם טאמאני־טיקעט און געוויס ניט פאר דעם סאציאליסטישען טיקעט.

איך ערלויב מיר זיך צו דענקען, אז ווען גענאסע הילקוויט וואלט ווידער נאמינירט געווארען און „געלאפען" אלס קאנדידאט פאר מעיאר, וואלט ער ניט געצויגען א פיל גרעסערען וואוט פאר גענאסע פענקין.

אבער די „טריביון", וועלכע זוכט אויך תירוצים און מאכט פשט'לאך, ווי דאס טוען געוועהנליך אלע וואס פארלירען — האט איהר ווען געהערט, אז זיגערס זאלען זוכען ערקלעהרונגען און מאכען פירושים, פאר וואס זיי האבען געוואונען? די „טריביון" איז געקומען צו אזא ווילד־משוגה'דיגען שלוס, ווי אט דער פאלגענדער:

„דער סאציאליסטישער דורכפאל, — שרייבט זי אין אן עדיטאריעל, — איז איינע פון די ערקלעהרונגען וועגען היילען'ס זיג. דער דאזיגער שלוס, וואס מען מעג ציהען, ווען מען עקזאמינירט די אלגעמיינע ציפער פון די וואוטס, ווערט באשטעטיגט דורך דעם פאקט, אז הילקוויט'ס וואוט איז געווען באזונדערס שטארק גראדע אין די געוועזענע סאציאליסטישע סטראנגהאלדס (פעסטונגען). אין 1917 האט היילען באקומען עטוואס ווייניגער פון 300 טויזענט שטימען, און היינטיגעס יאהר, ווען פרויען האבען אויך געשטימט, ארום 750 טויזענט וואוטס. און אויב א 200 טויזענט פון דיזע צוגעקומענע שטימען זיינען ארויס פון די סאציאליסטען — אט דא האט איהר איינע פון די ערקלעהרונגען פון אזא ערשטוינענדען רעזולטאט!"...

א, וואס פאר א „קלארע ערקלעהרונג! הייסט עס גאר, אז די סאציאליסטען האבען דירעקט מיטגעהאלפען צו ערוועהלען היילען'ען מיט דער גאנצער טאמאני־באנדע! הלואי וואלטען מיר טאקע פארמאגט צוויי הונדערט טויזענט סאציאליסטישע וואוטערס אין ניו יארק סיטי, — אה, זיי וואלטען שוין געשטימט ניט פאר היילען'ען אדער אירגענד וועלכען אנדערען קאנדידאט פון אירגענד וועלכער קאפיטאליסטישער פארטיי, נאר טאקע פאר דעם גאנצען סאציאליסטישען טיקעט.

אבער וואונדערט זיך פון דעסטוועגען ניט, וואס די קאנסערוואטיוו־קאפיטאליסטישע „טריביון" איז געקומען צו אזא ווילד־משוגה'דיגען שלוס, און הערט אויס, וואס די רעוואלוציאנער־קאמוניסטישע „פאלקסצייטונג", וועלכע שיט פעך און שוועבעל אויף די זעלבע גענאסען און קאנדידאטען, וועלכע זי פלעגט פריהער לויבען ביז'ן הימעל — זאגט וועגען דעם אין איהרען אן עדיטאריעל.

„טיילווייז ערקלעהרט זיך דיזער באדייטענדער שטימען־צוריקגאנג, באהויפטעט די „פאלקסצייטונג", נאכדעם ווי זי מאכט אויך דעם הינקענדיגען פארגלייך וועגען דעם סאציאליסטישען וואוט מיט 4 יאהר צוריק און היי־יאהר — טיילווייז ערקלעהרט זיך עס דערמיט, דאס פילע וואוטערס פון דער סאציאליסטישער פארטיי (אונטערגעשטראכען פון מיר) האבען ניט געשטימט פאר זייער אייגענעם מעיאר־קאנדידאט פענקינ'ען, נאר פאר היילען'ען! .."

און אום צו איבערצייגען, אז דאס איז טאקע באמת אזוי געווען, ווייזט זי אן, אז גענאסע א'ניעל האט געקראגען מיט 17,500 שטימען און גענאסין בלעטש מיט 12,800 שטימען מעהר פאר גענאסע פענקין.

אבער אויב דאס וואלט ווירקליך אזוי געווען, אז אט די דאזיגע שטימען זיינען טאקע אפגעגעבען געווארען דוקא פאר היילען'ען, ווי די שונאים פון דער סאציאליסטישער פארטיי, סיי די רעאקציאנערע, סיי די רעוואלוציאנערע, ווילען עס אויספשט'לען — און עס איז דאך אן אלטע מעשה, אז דער וואונש איז דער פאטער פון געדאנק — אויב אזוי, איז עס דאך אלץ גאנץ ווייניג אין אזא ריזיגער שטימען־צאהל, ווי דער גאנצער טאמאני־טיקעט האט געקראגען, צו דער ערשטוינונג פון דער גאנצער וועלט.

און ווייטער, ווי זאל מען ערקלעהרען דעם פאקט, מיט וועלכען די „פאלקסצייטונג" מיט אלע איהרע ליבהארציגע חברים פון אלע קאמוניסטישע קלויזען פרעהען זיך אזוי הערצליך, — אט דעם פאקט, וואס קיין איינציגער פון אונזערע אסעמבלי־קאנדידאטען און אלדערמען־קאנדידאטען איז ניט ערוועהלט געווארען? וואס האט דאס צו טאן מיט היילען'ס לויפעניש? זאל מען אנגעהמען, אז אויס ליבע און הויכאכטונג צו אזא קליין מענשעלע, ווי היילען איז עס לכל הדעות, אפילו פון די טאמאניסטען גופא, האבען גאר „א סך סאציאליסטען" געשטימט אויך פאר אלע טאמאני־קאנדידאטען אין די דיסטריקטען? אה, וואס פאר אן אונזין דאס איז, שוין ניט ריידענדיג דערפון, וואס עס איז א שאנדע און א געמיינהייט פאר יעדען רעכטדענקענדען און ליבעראל־געזונטען מענשען אזעלכעס צו זאגען! ...

נאר וואס אנבאלאנגט דער פייערדיג־רויט געווארענער דייטשער „פאלקסצייטונג", וועלכע האט זיך דא אזוי ענג צוזאמענגעטראפען מיט דעם הויפט־ארגאן פון דער גרויס־קאפיטאליסטישער רעפובליקאנישער פארטיי, אט לויט דעם אלטבאקאנטען שפרוך: „די עקסטרעמען באגעגנען זיך" — איז זי דאך עהרליך גענוג צוצוגעבען, אז אויך אין דער „וואירקערס ליג" איז עס גאר ניט כשר וישר, און אז עס פעהלט קלאסענבאוואוסטזיין אפילו צווישען די הייעסטע „דיקטאטורניקעס" אין דעם רעוואלוציאנערסטען קאמוניסטישען חדר. אט וואס זי שרייבט וועגען דעם:

„אבער אויך די „וואירקערס ליג", וועלכע איז ערשינען צום ערשטען מאל אויף דעם קאמף־פלאץ, האט זעהר טרויעריג אפגעשניטען. מען האט נאך דערווייל ניט געקענט פעסטשטעלען, וויפיל שטימען עס האבען באקומען איהרע קאנדידאטען; אבער אלענפאלס איז עס גאנץ ווייט פון די 8 ביז 10 טויזענט שטימען, ווי דאס איז פאראויס באקאנט געמאכט געווארען אין דער הויפט־קווארטיר אויף דעם גרונד פ וודי ערשטע רעפארטס אין דעם עלעקשאן־טאג. מען קען, נאטירליך, אנגעבען פארשידענע תירוצים און ענטשולדיגונגען פאר דיזען דורכפאל. מען קען זאגען, אז צוליב דעם וואס מיר האבען נאר קיינע „וואטשערס" ניט געהאט, האט מען כמעט גאר ניט געצעהלט די שטימען פאר אונזערע קאנדידאטען. מען קען אנווייזען, אז קיין פארטיי קען ניט האבען א גרויסען וואוט, ווען איהר קאנדידאט ווערט ניט ארויפגעשטעלט אויף דעם אלגעמיינען שטימצעטעל, זא דאס די אנהענגער מוזען אליין אויפשרייבען זיין נאמען. אבער ווי ריכטיג דיזע אלע פארענטפערונגען זאלען ניט זיין, בלייבט עס דאך א פאקט, א זיכערע זאך, אז עס זיינען דא אין ניו יארק פילע טויזענדע קאמוניסטיש־געזינטע מענער און פרויען, וועלכע זיינען בארעכטיגט צו א וואוט, אבער וועלכע זיינען פון דעסטוועגען ניט געגאנגען שטימען אם 8טען נאוועמבער צוליב אירגענד וועלכע גרונדען און אורזאכען."

הייסט עס, לויט דער „פאלקסצייטונג" גופא, אז אט די פארברענטע פראזען־שייסענדע רעוואלוציאנערען, וואס פאר זיי איז יעדע סאציאל־דעמאקראטישע פארטיי „קאנטער־רעוואלוציאנער" און יעדע ניט־דיקטאטארישע קאמוניסטישע פראגראם איז פסול און טריפה; אט אזעלכע וואס גלויבען באמונה שלמה אין אלע פאפירענע בעפעהלען מיט די אלע „21 פונקטען" פון דעם דריטען אינטער־

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

איך שטעל אין מיין לעבען, אבער זאגען מוז איך עס, אז ביי א געוויסען עלעמענט פון אונזער ראדיקאלער וועלטעל מוז פשוט ציטערען די הארץ ביי דעם געדאנק פון א גיכען פרידען אין דער קלאוק־אינדוסטריע. שוין אפגערעדט פון דעם, וואס דורך אזא פרידען קענען באדייטענד שטייגען די אקציעס פון די איצטיגע „קאנסערוואטיווע" פיהרער, וואלט דאך אבער א לאנג־פארציגעגער סטרייק אין אונזער קלאוק־אינדוסטריע געפיהרט אונבאדינגט און דירעקט צו דער אלוועלטליכער סאציאלער רעוואלוציע. אבער שרעקט זיך ניט, די אויסזיכט אויף א באלדיגען שלום איז ווייט ניט קיין גלענצענדע, און איהר מעגט נאך האפען צו דערלעבען די סאציאלע רעוואלוציע, און, ווען נויטיג, אויך צו שטארבען פאר איהר.

עס איז צו גוט, אז עס זאל זיין אמת. אבער מיר לייענען עס אין דער צייטונג, אז די אידישע בעקער־באסעס זיינען מסכים מיט א פלאן ארונטערצולאזען צוויי סענט און יעדען פונט ברויט. דער פלאן, קען זיין, וועט ווערען באלד פארווירקליכט. און ניט אזוי ווייל די בעקער־באסעס נעהמען אין אנבאטראכט דעם סטרייק פון די קלאוקמאכער, נאר ווייל זיי האבען געמאכט די וואונדערבארע ענטדעקונג, אז דאס רוב מענשען האבען צוליב דעם גרויסען יקרות אנגעהויבען איינשפארען אין ברויט.

דער שרייבער, וואס האט צוגעשטעקעוועט צו אבראמאוויטש'עס טעלעגראמע אין „פארווערטס" די באמערקונג, אז די לעזער זאלען האבען אין זינען, אז אבראמאוויטש איז א מענשעוויק, און פאלגליך, דארף מען לייענען זיין באריכט וועגען דער אמנעסטיע אין רוסלאנד מיט א „גראן זאלץ", האט געקאנט מאכען זיין באמערקונג נאך פיל שטארקער. ער האט געקאנט שרייבען, אז די צוויי סאציאליסטען, וואס האבען זיך אליין פארברענט אין דעם באלשעוויסטישען פריזאן אין רוסלאנד, האבען עס געטאן אום בלויזער מענשעוויסטישער צו־להכעיס פאליטיק, אום צו דיסקרעדיטירען דעם צדיק לענין און זיין רעזשים.

„אין פרינציפ" זיינען שוין אלע דיפלאמאטען, פארזאמעלט אין וואשינגטאן, איינפארשטאנען מיט דעם פארשלאג אויפצוהערען בויען קריגס־שיפען פאר די נעקסטע צעהן יאהר. אבער דער פרינציפ, פארשטעהט איהר, האט זייער פראקטישע שוועריגקייטען. עס קען דערפאר גרייליך פאסירען, אז דער פרינציפ זאל טאקע בלייבען ביי זיין גאנצער ריינקייט און גוטסקייט, און די וועלט זאל זיך אנגעהן אויף איהר גוטען אלטען שטייגער.

רייאטס, אין וועלכע פילע מענשען זיינען פארוואונדעט און געטויט געווארען, פילע ענגלישע געשעפטען צושטערט און געפלינדערט — דאס איז געווען דער ערשטער קבלת פנים, וואס די אינדיער האבען געגעבען דעם פרינץ און וויילס, ביי זיין אנקומען אין אינדיען.

אזא קבלת פנים וואלט א דענקענדען יונגען מענשען געמוזט מאכען שטארק פארטראכטען זיך. מיר קענען אבער איך ניט פארזיכערען, אויב דאס איז דער פאל מיט דעם פרינץ און וויילס. מענשען פון דעם סארט האבען געוועהנליך פיינט צו טראכטען.

לויט די צייטונגען, זיינען דא בלויז צוויי ביזנעסעס, אין וועלכע א יונגער מאן מיט אונטערנעהמונגס־גייסט קען אין דער איצטיגער צייט אריין מיט ווייניג געלט און פארלוסט און מיט גרויסע שאנסען פאר גאר גרויסע פראפיטען. די ערשטע און די אם ווייניגסטענס געפעהרליכע און זעהר אייגטראגליכע ביזנעס איז די האלד־אפ־ביזנעס. חברת משכב פשוט טויזענדער טאג־טעגליך. די צווייטע ביזנעס איז דער האנדעל מיט שנאפס. אין אונזער איצטיגער אלגעמיינער געזעצליכער פראקטיק איז די שנאפס־ביזנעס אן אמת'ער קלאנדייק.

דער שטארקסטער ארגומענט געגען דאס אויפהערען בויען קריגס־שיפען קומט פון דעם בארימטען ענגלישען דיפלאמאט מר. באלפור: אויב מען וועט צעהן יאהר לאנג ניט בויען קיין קריגס־שיפען, קען דאך די גאנצע קריגס־שיפען בוי־קונסט פארלארען געהן. און דאס איז דאך ווירקליך אן אומגליק, וואס די וועלט וועט קוים איבערלעבען.

איך בין איך מוחל אלע אונזערע גרויסע און חשוב'ע געסט, הערר סקאלאצו בתוכם, פאר איין ה. ג. וועללס, דעם גרויסען ענגלישען שריפטשטעלער. איך לייען זיינע ארטיקלען אין דער „וואירלד" מיט דעם גרעסטען פארגעניגען. לייענט איהר זיי? יא'ן — אט, די איראניע פון שיקזאל — דיזער חכם, דיזער נביא, דיזער גאון זיצט צווישען די רעפארטערס און דער לעבענס־שיקזאל פון דער וועלט ליגט אין די הענד פון די הארדינגס, באלפורס, קאטס און אנדערע אזעלכע וועלט־חכמים.

ווי עס ווייזט זיך ארויס, איז דער גרעסטער מענש פון אונזער צייט גאר מומלע. ווארים דער גרויסער ווילסאן איז געווען ממש ווי מויז אין זיינע הענט; וואס ער האט נאר געוואלט, דאס האט ער פון איהם ארויסגעקנעטען. לייענט זיין געשיכטע פון זיין עלף־יאהריגער ארבייט, אלס סעקרעטאר פאר ווילסאן, און איהר וועט אויסגעפינען דעם אמת'ען גרויסען מאן פון אונזער צייט.

נאס וועט זיך אויסלאזען פון דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ אין וואשינגטאן, דאס ווייסען די געטער. אבער איין רעזולטאט האבען זיי שוין געבראכט. די וועלט דרעהט זיך דעם קאפ, ווער איז אייגענטליך דער באשעפער פון דעם וואונדערבארען פלאן פון א צעהן־יעהריגען יום־טוב אין דעם בויען פון קריגס־שיפען, צו דאס איז טאקע יוזש אליין, אדער אין דעם שטעקט אויך הארדינג'ס גרויסער קאפ. ביזי לבינן איז שוין יוזש ווידער א קאנדידאט פאר דעם נעקסטען פרעזידענט פון דהי יונייטעד סטייטס.

ווען מען וואלט ביי מיר געפרעגט פאר אן אמת ראדיקאלען מיטעל געגען מלחמות אין דער וועלט, וואלט איך פארגעשלאגען, אלס דעם איינציג־ווירקזאמען מיטעל, די אפשאפונג פון רעגירונג. נאר אזוי ווי די קלוגע וועלט וועט זיך דאך פון דעם אויסלאכען, שלאג איך פאר פאר די נעקסטע 20 יאהר א שטרייקען און שטרענג־דורכגעפיהרטען געבורטס־קאנטראל. וואס ווייניגער קי־

קורצע שמועסען
צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

י. ר. — עס איז ניט דאס און ניט יענעס. ווארום אויסטראכטען אויף זיך אליין גלאט בלבולים? מעהר פון אלץ איז עס דער טיף־איינגעווארצעלטער געפיהל פאר'ן אמת. און די שנאה צו אלץ, וואס איז ליגנעריש און פאלש, וואס האט מאמענטאן פארשטופט פילע פון „די אלטע" אן א זייט. און מאקע אין דער אמת'ן, ווי געהט עס ארום א מענש און דרעהט א מות מיט'ן אמת, אז די מענשען האבען פיינט דעם אמת, ווי דעם טויט! אבער ניט פארצווייפעלט, פריינד. פריהער אדער שפעטער, צי פאר אונזער לעבען, צי נאכדעם, ווען מיר וועלען שוין מעהר ניט זיין, וואס דאס איז פון א גאנץ קנאפער וויכטיגקייט, דער זיג וועט דאך זיין אונזערער.

ב. טרילינג. — דער „טריל" איז אין אייער נאמען, אבער לוידער ניט אין אייער ליד. און נאך דערפאר, ווייל איהר אליין ווייסט דאס ניט, קענט איהר ווענען זיך זאגען: „איך בין אליין א זינגער".

ה. י. — דער חסרון אין דעם ליד איז, וואס זיין מאטיוו איז צו פאפולער געווארען דורכ'ן אונזערע סטומפ־ספיקערס אין זייער שילדערונג פון דעם איצטיגען גיהנום און דעם קומענדען גן־עדן. נאך ערגער איז דאס, וואס איהר געברויכט כמעט דיזעלבע ווערטער. אמת, ביי אייך איז דא דער גראם. דערפאר אבער פעהלט אין דעם ליד די שטימע, דער מאך מיט'ן האנד, דער פינטעל מיט'ן אויג פון דעם עפעקטפולען רעדנער.

ש. צ. וועצער. — ערהאלטענדיג אייער בריף אויף אייער אייגענע „סטיישאנערי" קען שוין ביי אונז קיין צווייפעל ניט זיין, אז אייער וועכענטליכער זשורנאל „דאס ווארט" וועט קירצליך ערשיינען. איז ווענען „דאס ווארט" וועלען מיר האבען אונזער ווארט, ווען עס וועט ערשיינען, כאטש מיר צווייפלען ניט, אז ער וועט זיין גאנץ „יוניק", און ער וועט זיכער האבען זיין אייגענעם פלאץ אין אונזער פריאדישער ליטעראטור. מיר מוזען אבער שוין איצט אויסדריקען אונזער באוואונדערונג צו אייער אונטערנעהמונגס־גייסט, וועלכער, אלס א כלל, פעהלט ביי די מייסטע פון אונזער מין. מיר זיינען זיכער, אז מיט אזא ענערגיע און אונערשראקענהייט, ווי אייערע, איז דער ערפאלג פון דער אונטערנעהמונג שוין אויף דריי־פערטעל געזיכערט. און אויב א וואונש פון גאנצען הארצען קען אייך נאך העלפען אביסעל, טו נאט אייך איהם שוין באצייטענס.

ש. ז—ק. — בעת אנדערע זינדיגען דערמיט, וואס זיי נעהמען די זאך (איהר ווייסט דאך ווענען וואס מיר רעדען) צו ערנסט, זינדיגט איהר אין נעהמען עס צו לייכט. איז דא ווירקליך געווען די פראגע בלויז פון א וועטע? איז ניט געווען עטוואס טיפערעס הינטער דעם? האט זי געליבט איהר מאן, צי ניט, אדער איז זי געווען בלויז א לייכטזיניגע „פרויקע"? אויב דאס לעצטע, טו ווי האט זי געקאנט האלטען אלע אנדערע ווייט פון זיך פאר אזא לאנגע צייט? אבער איהר דערצעהלט עס גאנץ לעבעדיג, און אויב מיר וועלען ניט האבען עטוואס, וואס מיר זאלען מעהר גלייכען, וועלען מיר עס פארעפענטליכען ווען־עס־איז.

מ. צ. — צו געמאטערט. זיי געפעלען אונז ניט.

ב. דאווענפארט. — זאל דא אין קורצען ערקלערט ווערען, אז אין א בריף צו דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע האט איהר פארגעשלאגען, אז יעדער סטרייקער, וואס וועט קומען מיט א יוניאן־קארד צום באקס־אפיס פון אייער טעאטער, „ברעמהיל פלעיהאוז", 138 וועסט 27טע סטריט, וועט קריגען א טיקעט צו דער פארשטעלונג פון דער דראמע „דיפערענס אין גאדס", פאר בלויז 25 סענט. דער דאזיגער אנבאט איז נאר גוט ביז דעם 27טען נאוועמבער. דער אנבאט, ווי אויך דער גאנצער טאן פון אייער בריף, איז זעהר ערמוטיגענד פאר די יוניאן אין איהר גרויסען קאמף. און עס איז גאר קיין צווייפעל ניט, דאס פילע פון אונזערע מיטגלידער וועלען זיך באנוצען מיט דאנק מיט אייער אנבאט.

ס. ב. — עס איז זעהר גוט געמיינט, אבער זעהר שלעכט געשריבען.

ר. ר. — אייער פאסטאל־קארד ערהאלטען. דארפען מיר אייך נאך זאגען, אז עס האט אונז ווירקליך געפרעהט צו הערען פון אייך? א גרויסען, טיפען דאנק ניט אזוי פאר „די געבליבענע מיט דאס גאנצע געלד" — דאס וועט שוין אמאל די פראלעטאריש. רעוואלוציע באזארגען — ווי פאר דעם הארציגען גרוס.

רעדאקציע פון „עמעס". — זייט אונז מוחל, וואס מיר האבען זיך פארשפעטיגט מיט אונזער ענטפער צו אייך אויף א גאנצע וואך. ווארום, לויט אייער פריקאז, האבען מיר געהאט מיט אונזער ענטפער צייט ביז פרייטאג, דעם 18טען. אבער מיר האבען ווירקליך ניט געקאנט זיין אזוי געהארכזאם, און מיר בעטען געדעמדיגסט אנטשולדיגונג.

א שטיקעל גרונד פאר אונזער פארשפעטיגונג האבען מיר דאך. מיר האבען זיך געשלאגען מיט דער דעה, צי זאלען מיר אייך גאר אין גאנצען ענטפערען. איהר פאדערט אויף, און אגב אורחא זידעלט איהר און שמוצט א פערזאן מיט א נאמען, מיט געוויסע פארדינסטען, א מענשען, וועלכען פילע, פילע קענען; א מענשען, וועלכער האט געוויס שונאים, אבער אויך פריינד. אבער די רעדאקציע פון „עמעס", וואס זי זאל ניט זיין, איז דאך ניט קיין פערזאן. זידעלט איהר, מאכט איהר מיט דער בלאטע גלייך — איז עס אלץ גארניט. אז די זאך האט ניט קיין פנים, קיין נאמען, טו ווי קען מען איהר אנגרייפען? איהר פארשטעהט דארום, אז מיר זיינען אין א מאדנער לאגע, אין דער לאגע פון א מענשען, וואס מוז זיך שלאגען מיט עפעס א שאטען, מיט עפעס, וואס מען קען עס גארניט אנטאפען, און טאפט מען עס דאך אן, שרייט דער שאטען מיט באנומענע קולות: „קאראהול, ער האט מיך גע'מסר'ט פאר'ן דעפארטמענט אוו דזשאסטיס". הייגט געהט פאלעמיזיר מיט אזא נאמענלאזער, פנים'לאזער באשעפעניש. אבער ענדליך האבען מיר באשלאסען, אז ענטפערען אויף אייער אויפפאדערונג דארפען מיר, כאטש שוין צוליב „רענק ענד פייל" פון דער אינטערנעשאנאל, מיט וועלכער איהר סטראשעט אונז. מיר ווילען, מיר זאגען עס אייך גאנץ אפען, אראפרייסען פון אייך די מאסקע פאר דעם געריכט פון דער אידישער ארבייטערשאפט, כאטש עס וועט זיין אביסעלע שווערלאך צו טאן עס אזוי, אז איהר זאלט ניט קענען אויפהויבען דעם נארישען געשריי: ער האט אונז פאר'מסר'ט.

וועגען דעם פונקט פון מסירת וועלען מיר ריידען אביסעלע שפעטער, צוערשט אבער לאמיר אייך אויפמערקזאם מאכען, אז די קלאגע אין אייער אויפפאדערונג איז זעהר אן אומגעלומפערטע. אייער קלאגע לויטעט: „אין דער „גערעכטיגקייט" פון דעם 11טען נאוועמבער ווערט גאנץ אפען ערקלערט, אז דערפאר, וואס דער „עמעס" קריטיקירט די פיהרער פון דער אינטערנעשאנאל, איז די גאנצע טעטיגקייט פון אונזער צייטונג א פראוואקאטאריש". מוזען מיר אייך זאגען, אז אזוי ווערט א קלאגע ניט געמאכט. איהר האט ניט געבראכט די ווערטער פון דעם ארטיקעל גופא. ווארום? פארשטעהט איהר דען ניט, אז אין אזא ערנסטער זאך, ווען איהר פאדערט אויף א מענשען צום געריכט, און דערביי האלט איהר איהם אין איין זידלען און שמוצען, איז עס אייער פליכט ווייניגסטענס צו ברענגען זיינע אייגענע ווערטער? און מערקווירדיג, מיר האבען געזוכט אין דעם גאנצען נומער כאטש עפעס פון אונזער פעדער, וואס זאל זיין ענליך צו אייער אנקלאגע, און מיר האבען עס ניט געפונען. אין אן ענטפער צו אייעם האבען מיר אייך ערקלערט פאר נארען, פאר אידיאטען, פאר נפשות, וועלכע ווייסען ניט, אויף וועלכער וועלט זיי זיינען, אבער קיין ווארט ניט וועגען פראוואקאציע. ווארום־זשע האט איהר ניט אנגעוויזען דעם פאראגראף פון'ם ארטיקעל, דעם זאץ, די שורה, אויף דעם גרונד פון וועלכער איהר מאכט אייער אנקלאגע? מיר וועלען אייך זאגען ווארום, ווייל דער רעדאקטאר האט אזא ארטיקעל ניט געשריבען. און אין דער גאנצער „גערעכטיגקייט" פון דעם 11טען נאוועמבער האבען מיר ניט געפונען קיין ארטיקעל, אין וועלכען עס זאל זיין עטוואס עהנליכעס צו דעם, אין וואס איהר קלאגט אן די „גערעכטיגקייט" און דעם רעדאקטאר. דערפאר מאכט איהר אייער קלאגע זעהר אומבאשטימט, זעהר אונקלאר, אט אבי איהר זאלט קענען זיך דרעהען אויף די גלייכע ווענט, און דערוויל אדווערטייזען זיך אין די צייטונגען, וועלכע זיינען נאריש גענוג צו דרוקען אייער משוגעת'דיגע, ניט־געשטויגענע און ניט געפלויגענע פאדערונג. אמת, אין דעם נומער „גערעכטיגקייט" איז יע דא — אויף דעם גרונד פון אייער „שטעלונג" צום קלאוקמאכער סטרייק, דורך וועלכע איהר האט זיך געמאכט פאראכטעט ביי אלע, אפילו ביי די, וועלכע האבען אמאל געהאלטען עפעס יא פון אייך, כאטש אין גאט ווייס נאר פאר־וואס — א קריטיק געשריבען פון אונזער סטעף־רעפארטער, וועמעס נאמען איהר ווייסט גאנץ גוט. איז אויב דער ארטיקעל האט ארויסגערופען אייער גרימצארן, טו ווארום האט איהר צו איהם ניט געריכטעט אייער פאדערונג? אט דערפאר מאכט איהר אייער קלאגע אזוי אונבאשטימט. איהר ווילט מאכען דעם איינדרוק, אז דער רעדאקטאר האט עס אייך אזא אונרעכט געטאן, בעת איהר ווייסט גאנץ גוט, אז דער שרייבער פון דעם באטרעפענדען ארטיקעל איז ניט דער רעדאקטאר.

דערפאר, רעדאקציע פון „עמעס", איז אייער אנקלאגע ניט נאר אן אומגעלומפערטע, נאר א חוצפה ניט־ארענטליכע, א באוואוסט־זיניג־פאלשע, און מיר בראנדמארקען אייך עפענטליך אלס ליגנער, אלס גאנץ באוואוסט־זיניגע פארלוימדער, אלס פשוטע זשוליקעס.

ווען איהר לייענט דעם באטרעפענדען ארטיקעל פון דעם סטעף־רעפארטער, ווערט איהר גלייך געוואהר, אז דער פארפאסער איז בשום אופן ניט קיין געגנער פון באלשעוויזם, אז ער איז דוקא ביז צו א גרויסען גראד א פריינד פון דעם רוסישען רעזשים, און איהם טוט וועה די הארץ, וואס איהר, זייענדיג בלומרשט'דיגע פארטרעטער, מאכט איהם דא אזוי צו־שאנד און הרג'עט אוועק די ליבע צו דער רוסישער רעוואלוציע, וואס בליעט נאך ביי פילע אידישע ארבייטער. עס פאלעמיזירט, אלזא, אין דעם ארטיקעל א גוטער גלויביגער באלשעוויק געגען מענשען, וועלכע פרעטענדירען צו זיין באלשעוויקעס, רעוואלוציאנערען און קאמוניסטען, און אין דער אמת'ן זיינען זיי עס ניט. דאס איז געוויס א שטאנדפונקט, וועלכער האט דאס פולסטע רעכט צו געפינען זיין אויסדרוק אין דער „גערעכטיגקייט". אבער דער שטאנדפונקט איז ניט אונזערער, דער רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט" איז באקאנט אלס אן אויסגעשפראכענער געגנער פון באלשעוויזם פון דער ערשטער מינוט אן, ווי ער האט זיך געוויזען אויף דעם הימעל פון דער רוסישער רעוואלוציע, — דערפאר אליין קען ער שוין ניט איינפארשטאנען זיין מיט דעם סטעף־רעפארטער, אז די היגע רעפרעזענטאנטען פון דעם רוסישען קאמוניסטישען רעזשים טוען איהם נעבאך אן עולה. פונקט קאפויר, מיר דענקען, אז מיט אייער נארישקייט, אונפעהיגקייט קענען גארניט זיין קיין בעסערע פארשטעהער פון דעם איצטיגען רעזשים אין רוסלאנד, ווי איהר.

דאס אלעס דארף — מיר ווייסען ניט, אויב עס וועט — קלאר מאכען פאר אייך, ווארום אייער עפענטליכע אנקלאגע געגען דעם רעדאקטאר איז א ווילדע נארישקייט. פונדעסטוועגען, אז מיר האבען שוין יא באשלאסען זיך מיט אייך איינמאל פאר אלע מאל דורכצושמועסען, ווילען מיר אנווייזען אויף נאך איניגע פונקטען אין אייער אויפפאדערונג, וועלכע זיינען זעהר כאראקטעריסטיש.

איהר שרייבט: „איהר פארשטעהט אליין, הערר יאנאווסקי, רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט", אז מיר קענען אייך פאר אזא מיאוס'ע באשולדיגונג ניט אנקלאגען פאר דעם ספעציעלען געריכט". אין א פאר שורות ווייטער, פארלאנגענדיג, אז מיר זאלען אויסקלייבען די פערזאנען, וואס דארפען מאכען די אונטערזוכונג, בעט איהר, אז למען השם מיר זאלען ניט „אויסקלייבען פערזאנען, וועלכע האבען צו טאן מיט'ן דעפארטמענט אוו דזשאסטיס". דערמיט גיט איהר א וואונק, אז מיר זיינען גאר די בעסטע פריינד מיט דעם דעפארטמענט אוו דזשאסטיס. איז דאס זיינען מיר אייך מוחל, אבער מיר פרעגען אייך גאנץ ערנסט, וואס טוט איהר דא אזוינס, וואס איהר זאלט דארפען מורא האבען פאר'ן דעפארטמענט אוו דזשאסטיס? לויט אונזער וויסען, איז אייער גאנצע ארבייט באשטעהט אין זידלען די פיהרער פון דער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג. מיינט איהר, אז אט דערפאר זאלט איהר דארפען מורא האבען פאר'ן דעפארט. אוו דזשאסטיס? געוויס איז אונז באקאנט, אז דער קאמוניזם איז דא ניט גאנץ לעגאל, אבער אזוי איז דא דער אנארכיזם. און פונדעסטוועגען ווייסען מיר ניט פון קיין אנארכיסט, וואס זאל ציטערען אזוי פאר'ן ספעציעלען געריכט און פאר'ן דעפארטמענט אוו דזשאסטיס, ווי איהר. נאך מעהר, עס זיינען דא פילע אויסגעשפראכענע קאמוניסטען מיט באקאנטע נעמען, און זיי האבען גאר קיין מורא ניט, זיי באהאלטען זיך ניט. פראנק און פריי פיהרען זיי אן זייער פראפאגאנדע, טו ווארום האט איהר אזוי מורא?

אבער אין דער אמת'ן האט איהר דאך גאר קיין מורא ניט. איהר מאכט בלויז אזא אנשטעל: איהר גיט ארויס אייער געפעהרליכע רעוואלוציאנערע צייטונג, און זיכער זייענדיג איהר ביי זיך ניט געגארט און איהר ווייסט גאנץ גוט, אז דער דעפארטמענט אוו דזשאסטיס מוז וויסען וועגען איהר. אייערע מענשען, וואס שטעהען הינטער דער צייטונג, מוזען אויך זיין גוט באקאנט דעם דעפארטמענט אוו דזשאסטיס, ווייל, ווי דער אמת איז, באהאלט איהר זיך דאך גאר ניט. איהר האלט אין איין ארומפאהרען איבער'ן לאנד, וואס דאס איז ניט קיין סוד. איהר האלט רעדען, איהר לאזט זיך מאכען באנקעטען, איהר קלייבט געלד. פילע פון אייך טרעפט מען אין פארשידענע טעאטערע, אין דער אפערא, און אין פילע אנדערע עפענטליכע פלעצער, און קיין הערעלע אויף אייערע קעפ איז נאך ביז איצט ניט געקריטט געווארען, און דאך פאר אייערע „עמעס"־לעזער מאכט איהר דעם אנשטעל, אזוי ווי איהר וואלט געווען גאר געפעהרליכע מענשען, און אין יעדען ווינקעלע לויערט אויף אייך אן אגענט פון'ם דעפארטמענט אוו דזשאסטיס! איהר האלט פשוט אין איין נארען אייערע נאאיווע לעזער. הערסט, טראכט זיך אזא חסיד אייערער, דער דעפארטמענט אוו דזשאסטיס האלט זיי אין איין זוכען, טו ווי קענען זיי טאקי פארקלאגען דעם ארש־רעאקציאנער יאנאווסקי, וועלכער איז גאר פערזאנא גראטא ביים דעפארטמענט אוו דזשאסטיס?

אט דאס, רעדאקציע פון „עמעס", איז אייער „גיים", אבער דאס איז א גיים פון שארלאטאנעס, אדער פון גאנץ געמיינע טרוסען. איהר ווילט זיך מאכען א מארטירער־קרוין פון אייער פייגהייט, אבער מיר וועלען דאס אייך ניט לאזען. מיר ערקלערען דא בפרהסיא, אז איהר זייט פשוט'ע בלאפערס ווען איהר ווילט מאכען מיט אייער אייביגען כלומר'שטיגען ציטערען פאר'ן דעפארטמענט אוו דזשאסטיס, אז דער טייפעל ווייס, וואס איהר טוט דא. איהר טוט גאר ניט, אויסער וואס איהר טרייט מיט אלערליי בלאפס און טריקס צו דעמאראליזירען די ארבייטער באוועגונג מיט דער איינציגער אבזיכט צו ווערען אין די צושטערטע יוניאנס די דיקטאטארס, די הערשער.

נאר, אויב איהר האט ווירקליך מורא פאר'ן דעפארטמענט אוו דזשאסטיס, ערקלערען מיר אייך, אז אין אמעריקא איז עס דאס ערשטע מאל דער פאל, אז מענשען, וועלכע רופען זיך רעוואלוציאנערען, וועלכע פרעטענדירען צו ברענגען די סאציאלע רעוואלוציע אין אמעריקא, זאלען זיין אזעלכע פחדנים. וואס אונז אנבעטרעפט, ווייסען אלע, אז אימער־צו, יעדע מינוט פון אונזער עפענטליכען לעבען, זיינען מיר געשטאנען פריי און אפען פאר אונזערע איבערצייגונגען, סיי, ווען עס האט אונז געדראהט די געפאהר פון דער זייט פון דער רעגירונג, און סיי פון דעם ווילדען אונדערגראונד מאב. מיר האבען קיין מורא פאר אירגענד וועלכע קאנזעקווענצען געהאט דאס, וואס מיר האבען געהאלטען פאר רעכט. אויך אונזערע צייטגענאסען פון אלערליי פארטרויליכע לאגערען האבען מיר אימער געפונען פונקט אזוי בראוו און מוטיג אין זייערע האנדלונגען, אין זייער שרייבען און ריידען. עס איז געבליבען פאר די קאמוניסטען, וועלכע זאגען, אז זיי זיינען די באריפענע צו מאכען די רעוואלוציע אין אמעריקא, זיך ארויסצושטעלען, אלס די ערגסטע פייגלינגע, אויב ניט, אלס פשוט'ע שארלאטאנעס. דארום געפינען מיר עס פאר אונזער פליכט איינמאל פאר אלע מאל אייך צונאגלען צום שאנד־קלאץ, און זאל נעהמען א סוף צו דעם בלאף „דעפארטמענט אוו דזשאסטיס."

איהר וועט שוין איצט פארשטעהן, אז ווי־באלד מיר האבען אזא מיינונג וועגען אייך, האבען מיר שוין גאר ניט וואס צו אונטערזוכען. מיר זיינען זיכער, אז איהר קאנט באווייזען, אז איהר האט די פולמאכט פון דעם „רבי'ן" אליין. מיר צווייפלען ניט אין דעם. אבער די צרה איז, וואס אייער „רבי" איז ניט אונזער רבי. פאר אונז איז ער, ער אליין, זאל לעבען, שטארק פסול. מיר ערקלערען עס בקול רם, אז לויט אונזער איבערצייגונג, באשטעהט דער גאנצער באלשעוויסטיש־קאמוניסטישער בינטעל, וואס האט איצט רוסלאנד ביים גארגעל, פון אוזורפאטארס, מאכט־פארכאפער, וועלכע האבען פאראומגליקט און רואינירט די סאציאליסטישע באוועגונג איבער דער גאנצער וועלט פאר די נעקסטע 25 יאהר, לכל הפחות. מיר האבען פון דעם קיינמאל קיין סוד ניט געמאכט. מיר האבען ניט געווארט מיט אונזער מיינונג, ביז לענין און טראצקי און אלע אנדערע האבען זיך ארויסגעוויזען, אלס קאנטער־רעוואלוציאנערען פאר דער גאנצער וועלט. פאר אונז זיינען זיי געווען קאנטער־רעוואלוציאנערען פון דעם ערשטען מאמענט אן, ווען זיי זיינען ארויסגעקומען מיט זייערע אונמעגליכע בלאף־לאזונגען. זעהט איהר, ווען עס וועט זיין מעגליך צו אונטערזוכען ריכטיג די ארבייט פון אט די וועלט־פאראונגליקער אין רוסלאנד, ניט פון זייערע סובסידירטע באהעלפערס, וועלען מיר מיט פארגעניגען נעהמען אנטייל אין דעם. אבער וואס קענען מיר אויספיהרען מיט דער אונטערזוכונג פון דער „עמעס"־רעדאקציע, וועלכע איז ניט מעהר און ניט ווענינער, ווי אן עלענד ווערקצייג?

אט צוליב די אלע גרינדע מוזען מיר אייך ערקלערען, אז מיר וועלען ניט נעהמען אויף זיך די אומזיסטע ארבייט פון אונטערזוכען. מיר האבען ניט וואס צו אונטערזוכען. מיר זיינען איבערצייגט, אז דער „עמעס" און זיין ארבייט, איז א צרה אויף אונזער אידישער ארבייטער־באוועגונג. נאר מיר האפען, אז א דאנק אייער פענאמענאלער אונפעהיגקייט און ריזיגער נארישקייט, וועט איהר גאנים, גאר ניט דערגרייכען. סיי מיט אייער ווילד־כינערישער שטעלונג צום קלאוקמייקער סטרייק, סיי מיט דער דאזיגער אויפפאדערונג, סיי מיט אלע אייערע געוועהנליכע זידלערייען, בלאפס און בלבולים, האט איהר זיך שוין אליין אזוי דיסקרעדיטירט, אז אייער פעהיגקייט צו טאן שלעכטס ווערט פון שטונדע צו שטונדע אלץ קלענער און קלענער. מיר האפען, דאס עס וועט ניט לאנג נעהמען, און דער אידישער ארבייטער וועט אייך דערקענען, אלס די נארישען, די נאבעדים, וואס איהר זייט.

ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

פון א סטעף רעפארטער.

פאר דער אפטיילונג איז געווארען גרויס „פראספעריטי". פריהער האבען מיר געהאט איבערצוגעבען וואס מאנכע צייטונגען, דאס רוב אידישע צייטונגען, האבען געהאט עפעס, גוט אדער שלעכט, צו זאגען וועגען אונזערע ענינים.

אנדערש איז איצטער. עס איז ניטא א צייטונג אין לאנד, פון אלע שפראכען, וואס האט ניט יעדען טאג עפעס צו זאגען וועגען אונזערע ענינים, אין דער פארם פון נייעס און סטייטמענטס און אויך אין עדיטאריעלס. יעדען טאג באקומען מיר גאנצע פעקלאך מיט אויסשניטען פון די פארשיידענע צייטונגען, אין וועלכע עס ווערט גערעדט פון אונזערע ענינים, און מען ווייס איינפאך ניט, צו וועלכע זיך פריהער צו נעמען.

לעצטע וואך האבען מיר זיך דאס רוב פארנומען מיט די גרויסע ענגלישע צייטונגען. מיר האבען אנגעוויזען, ווי די „פראטעקטיוו אסס'ן" האט פארלארען איהר קאמף אין דער פרעסע, און דאס אלע צייטונגען האבען זיך דערקלערט קעגען איהר האנדלונג. דאס זעלבע איז אויך מיט די אידישע צייטונגען, צי זיי זיינען ליבעראל אדער קאנסערוואטיוו. אלע האבען זיי זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער יוניאן און פארדאמען די האנדלונג פון די באלעבאטים.

די שטעלונג פון דער סאציאליסטישער פרעס איז אונזערע לעזער גוט באקאנט זי שטעהט גאנץ און גאר מיט אונזער יוניאן אין קאמף מיט די באלעבאטים. אבער דאס איז דאך ניט קיין וואונדער און אויך ניט קיין נייעס.

א נייעס איז, וואס די אזוי גערופענע „באלעבאטישע פרעסע" שטעהט אין דעם קלאוקמאכער קאמף אין גאנצען מיט דער יוניאן. אט זיינען א פאר זאכען וואס וועלען עס באשטעטינען.

אין דער אפטיילונג „פון טאג צו טאג" אין אידישען „מארגען זשורנאל" שרייבט מ. מאגידאוו אין דער אויסגאבע פון 14טען נאוועמבער ווי פאלגט: —

„דער קלאוקמאכער סטרייק איז, אלזא, געקומען. צוועלף יונייטעד סטייטס סענאטארען האבען דעפעשירט צו די מאנופעקטשורערס און זיי געבעטען צו איבערלייגען זיך בעפאר זיי מאכען דיזען שריט. טרייבענדיג די ארבייטער צו א סטרייק, אבער עס האט ניט געהאלפען. די גאנצע פרעסע, די גאנצע עפענטליכע מיינונג האט געווארענט די מאנופעקטשורערס, אז זיי זאלען זיך נעהמען אין אכט, אז דיזער סטרייק טאר ניט געשעהן. אבער דאס האט אלץ ניט געהאלפען. עס איז געווען בלויז איין וועג צו פארהיטען דעם סטרייק, און דיזער וועג איז געווען צוריקצוציהען דעם באשלוס פון די מאנופעקטשורערס וועגען שטיק־ארבייט און קאנפערירען וועגען וויידזשעס. זאלאנג די מאנופעקטשורערס באשטעהען אויף דיזען באשלוס קען אפילו קיין וואפענשטילשטאנד ניט זיין, דאן איז עס קריג.

דער סטרייק איז אלזא פראוואצירט געווארען פון די מאנופעקטשורערס, עס איז געווען זייער פלאן, זייער פארשווערונג. עס איז געווען זייער אטאקע. די ארבייטער שפילען א פאסיווע ראלע זיי זיינען בלויז אויף דער דעפענסיווע. און צו מאכען אזא שריט אין אזא צייט, ווען ביזנעס איז אין אלגעמיין שלעכט איז פשוט א פארברעכען. עס מוז האבען א שעדליכע ווירקונג ניט נאר אויפ'ן קלאוק טרייד נאר אויף ביזנעס אין אלגעמיין. און די מאנופעקטשורערס קענען ניט אנגעבען קיין שום „עקסקיוז". קיינער האט זיי ניט געטריבען דערצו, עס איז געווען א געפלאנטער, איבערגעלעגטער פארברעכען."

אלזא, אין „מארגען זשורנאל" ווערט געזאגט בפירוש, אז דער איצטיגער סטרייק פון די קלאוקמאכער איז „א געפלאנטער, איבערצייגטער פארברעכען" פון די קלאוק מאנופעקטשורערס. מען קאן זיך לייכט משער זיין ווי אומגערעכט עס זיינען די מאנופעקטשורערס, אז דער „מארגען זשורנאל" געברויכט קעגען זיי אזא שארפע שפראך.

* * *

די זעלביגע שטעלונג האט אויך גענומען דער „טאג" און באזונדערס די „אידישע טאגעבלאט". די „טאגעבלאט" האט געהאט וועגען דעם קלאוק סכסוך א גאנצע רייהע עדיטאריעלס, פולשטענדיג אויסגעשפראכען אויף דער זייט פון די ארבייטער. אט זיינען אייניגע אויסצוגען: —

„עס איז זעהר צו באדויערען, וואס דער סכסוך אין דער פרויען־קליידער אינדוסטריע איז ניט געסעטעלט געווארען אויף א פרידליכען וועג. ווי מען

> די פראטעקטיוו אסס'ן ווערט פארדאמט אין דער אידישער פרעס ווי אין דער ענגלישער. — ווי לאנג וועלען די באסעס פון דער פראטעקטיוו קאנען אויסהאלטען אזא פייער? — די הארציגע באגריסונגען אין דער סאציאליסטישער און טרייד יוניאניסטישער פרעסע צו די בראווע קעמפער און צו זייער יוניאן.

האט ערוואורטעט. איצט האבען מיר אין דיזען וויכטיגען טייל פון „אידישען טרייד" א גענעראל סטרייק פון 55 טויזענט ארבייטער, און עס איז מעגליך אז דער סטרייק זאל זיך פארשפרייטען פון ניו יארק איבער'ן גאנצען לאנד און פאראליזירען די גאנצע נאדעל־אינדוסטריע אין אמעריקא.

„. . . די קלאוק מאנופעקטשורערס ווילען צוריק איינפיהרען אין זייער טרייד די אלטע סיסטעם פון שטיק ארבייט. דא איז ניט די פראגע, וואס עס איז פאר די ארבייטער בעסער, שטיק־ארבייט אדער וואך־ארבייט. דא האנדעלט זיך נאר וועגען דעם פאקט אז די מאנופעקטשורערס ווילען איינפיהרען אין טרייד באדינגונגען, געגען וועלכע די יוניאן האט יאהרען לאנג געקעמפט ביז זי האט זיי אפגעשאפט. דער פארזוך צוריק איינצופיהרען דיזע אפגעשאפטע באדינגונגען ווערט פון די שניידער באטראכט אלס א פארזוך צו פארניכטען זייער יוניאן, וועלכע זיי האבען מיט אזוי פיל מיה און קאמף אויפגעבויט. אט דאס איז געווען דער סענטימענט, וועלכער האט געפיהרט צום קלאוקמאכער סטרייק. און אז דיזער סענטימענט הערשט אויך אין פובליקום, באווייזט דער אפיל פון די פינף יונייטעד סטייטס סענאטארען צו די קלאוק מאנופעקטשורערס, אז זיי זאלען אויף א פאר וואכען אפלייגען די דורכפיהרונג פון זייערע פאדערונגען. די סענאטארען האבען אפעלירט צו די פאבריקאנטען און ניט צו ארבייטער, ווייל זיי האבען איינגעזעהן, אז דער סטרייק ווערט פארסירט פון די פאבריקאנטען און ניט פון די ארבייטער, און אז די באדינגונגען וועלכע די פאבריקאנטען האבען ארויסגעשטעלט זיינען אזעלכע, אז מען קען די ארבייטער ניט „בלעימען" ווען זיי וועלען ענטפערען מיט א דזשענעראל סטרייק."

די צוויי אויסשניטען זיינען פון אן עדיטאריעל פון דעם 15טען נאוועמבער. מיט צוויי טעג שפעטער, דעם 17טען, איז אין דער זעלבער צייטונג געווען געדרוקט א צווייטער עדיטאריעל, מיט נאך שארפערע אויסדרוקען קעגען די מאנופעקטשורערס:

„די מאנופעקטשורערס גלויבען א זיי קענען אומקעהרען די ראד פון דער צייט צוריק.

זיי האבען א טעות; אזוי ווי עס האבען א טעות אלע, וואס רעכענען, אז דאס וואס איז איינמאל געוואונען געווארען אויף דעם פעלד פון עקאנאמישע רעפארמען קען צוריק אוועקגענומען ווערען.

און מיר ווילען זאגען די מאנופעקטשורער, אז די ארבייטער זיינען אויך מענשען. די וואס שוכען און קליידען, און גיבען עסען דער וועלט; די וואס בויען, און שמידען, און ארבייטען אויף דער ערד און אונטער דער ערד; די וואס טוען דיזע אלע זאכען, אהן וועלכע אונזער לעבען הענגט אפ, — דיזע זיינען אויך מענשען, און אויף זיי געהט אויך דער כלל, אז דאס וואס זיי האבען איינמאל ערר ייכט וועט פון זיי ניט אוועקגענומען ווערען.

די מאנופעקטשורער ווילען אומקעהרען די קליידער־אינדוסטריע צו שטיק־ארבייט; זיי ווילען אוועקנעהמען דאס, וואס די ארבייטער האבען געוואונען אין א לאנגען קאמף; זיי ווילען צוריקקעהרען דעם גאנג פון דער צייט.

זיי טארען עס ניט ערגרייכען.

שטופען צוריק דעם צושטאנד פון ארבייטער צו א נידעריגערער מדרגה ווי די וועלכע ער האט פארנומען, ארויסרייסען פון איהם דאס וואס ער האט שוין געהאט, איז א זאך וואס דארף ארויסרופען געגען זיך דעם פראטעסט פון יעדען עהרליכען מענשען.

די שטעלונג פון די מאנופעקטשורער מוז האבען געגען זיך די גאנצע עפענטליכע מיינונג. קיינער קאן ניט העלפען, קיינער טאר ניט העלפען אין אזא זאך. קיינער טאר ניט שווייגען ווען מען וויל אראפשטויסען מענשען נידעריגער, און דאס איז וואס די מאנופעקטשורערס ווילען טאן.

„. . . די פאראייניגונג פון ארבייטער צו שיצען זייערע אינטערעסען וועט ניט צוריקטרעטען; דאס רעכט פון ארבייטער ארגאניזאציאנען וועט ניט צוגענומען ווערען. דער מאנופעקטשורער וועט ניט בלייבען דער איינציגער בעל דעה אין דער אינדוסטריע און אויב ער מיינט אז יא, נארט ער זיך אפ.

און די ארבייטער וועלען פון זייערע פאזיציעס, וועלכע זיי האבען ערנרייכט, ניט אפגעשטויסען ווערען, ווי די מאנופעקטשורער ריידען זיך איין.

אויב שטיק־ארבייט איז איינמאל אפגעשאפט געווארען, וועט עס ניט צוריק איינגעפיהרט ווערען. די קליידער אינדוסטריע וועט ניט צוריק אראפפאלען צו דאס וואס עס איז שוין איינמאל אוועקגעווארפען געווארען."

„... זאל ביי מענשען צוגענומען ווערען דאס, וואס זיי האבען שוין געהאט? זאל מען צוריקשטויסען צענדליגע טויזענטע ארבייטער אויף א נידריגערער מדרגה ווי די אויף וועלכע זיי זיינען געשטאנען ביז יעצט? זאל אן אינדוסטריע פאלען נידריגער צוליב דעם, אז די מאנופעקטשורערס זאלען האבען מעהר געלט?

עס איז קלאר אויף וועלכער זייט עס שטעהט די גערעכטיגקייט; עס איז קלאר אויף וועלכער זייט עס שטעהט די עפענטליכע מיינונג — פאר די סטרייקער און געגען די מאנופעקטשורער."

פארגעסט ניט, אז אט די ווערטער זיינען ערשינען אין אידישען „טאגעבלאט", א באלעבאטישע צייטונג, א צייטונג וואס איז גאנץ ווייט פון סאציאליזם, אפילו פון ראדיקאליזם. די שטעלונג פון דער „פראטעקטיוו אססס'ן" איז אבער אזא אומגעלומפערטע אז זי האט אויפגערייצט קעגען זיך אלעמען, אפילו די מענשען פון זייער אייגענעם קלאס.

* * *

מיר האבען דאס מאל אנגעהויבען מיט פרעמדע און וועלען פארענדיגען מיט אייגענע. עס איז גאנץ נאטירליך, און זעלבסטפארשטענדליך, אז די סאציאליסטישע און טרייד־יוניאניסטישע פרעסע זאל זיין מיט אונז, אין די קאמפען מיט די באלעבאטים. עס וועט אבער ניט שאדען דא איבערצוגעבען עטוואס אויך פון דער סאציאליסטישער און טרייד־יוניאן פרעס צו צייגען אונזערע לעזער, מיט וועלכער ווארימער הארציגקייט דאס ווערט געטאן.

דעם 14טען נאוועמבער, דער היסטארישער טאג ווען דער איצטיגער סטרייק איז דערקלערט געווארען האט נעג. אב. קאהען, דער רעדאקטאר פון „פארווערטס" געשריבען אן עדיטאריעל: „היינט איז א היילגינער טאג!" — אין וועלכען עס ווערט צווישען אנדערעס געזאגט: —

„. . . יא, דאס איז א קאמף ניט נאר פון קלאוקמאכער געגען זייערע באסעס, נאר פון אלע נידעל־ארבייטער געגען זייערע באסעס. עס אי א קאמף צו באשיצען די פארהעלטניסמעסיגע פארבעסערונגען, וואס מען האט באקומען דורך א ביטערען קאמף זינט עס איז געגרינדעט געווארען די ערשטע אידישע יוניאן אין אמעריקא.

אה, וויפיל יסורים, וויפיל ליידען וויפיל הונגער און מאטערניסען דאס האט אפגעקאסט! און — וויפיל נילדערנע באגייסטערונג, וויפיל הימעלשע מאמענטען עס זיינען געגאנגען צוזאמען מיט דיזע העלדישע אפפערונגען! די קאפיטאליסטען ווילען דאס אלעס פארניכטען. ניין, זיי וועלען דאס ניט קענען פארניכטען, זיי וועלען די אויפגעבויטע פעסטונג פון ארט ניט קענען ריהרען!

בארעכענט דעם אונטערשייד: אויף איין זייט שטעהען מענשען, וועלכע קעמפען צו האבען בעסערע אויטאמאבילס, מעהרער דינסטען און לאקייען, מעהר דזשולערי פאר זייערע פרויען און טעכטער, גרעסערע וואוילטאגען, רייכערע לוסט־רייזעס; און אויף דער אנדערער זייט פון דער ליניע שטעהען מענשען, וועלכע קעמפען, אז מען זאל ביי זיי ניט אראפרייסען קיין דאלאר פון זייערע ביטערע טעגליכע חיונה, אז מען זאל זיי ניט פארשקלאפען מיט שטונדען מעהר יעדען טאג, מען זאל זיי ניט טרייבען אונטער'ן יאך מיט די בייטשען פון פאר פינף און צוואנציג יאהרען.

יא, א היילינער טאג איז היינט — און ניט נאר ביי מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל, און ניט נאר ביי די מיטגלידער פון אלע אנדערע יוניאנס, נאר אויך ביי אלע רעכטדענקענדע און רעכטפיהלענדע מענשען.

ווער קען זיין גלייכגילטיג אין אזא קאמף? עס איז אונזער אלעמענס קאמף, „פארווערטסיסטען"!

א פאגראם ווילען די קלאוק־קאפיטאליסטען מאכען אויף די יוניאנס, און די ארבייטער קומען ארויס אין זייער בראווען זעלבסט־שוץ, פונקט ווי די העלדישע באטאליאנען פון דעם אידישען זעלבסט־שוץ קומען ארויס געגען די פאגראמשטשיקעס פון א פעטלורא אדער א דעניקין. און אזוי ווי ביי יעדען פאגראם געגען אידען עראינערט מען זיך אן די שחיטות וואס אידען זיינען אויסגעשטאנען אין די פריהערדיגע יאהרהונדערטע, אזוי עראינערען מיר זיך היינט אן די פארשיידענע לאק־אוטס און אנדערע אנגריפע אויף אונזערע יוניאנס — לאק־אוטס און אנגריפע, געגען וועלכע מיר האבען אלע געקעמפט זינט אידישע ארבייטער האבען זיך גענומען ארגאניזירען פאר זייער זעלבסט־פארטיידיגונג.

מיר האבען געקעמפט און געזיגט; און דיזער קאמף וועט אויך זיין א זיג! עס קלינגט מיט זיג פון די באגייסטערטע געשרייען, וועלכע מען הערט אויף די יוניאן מיטינגען.

יא, א היילינער טאג. עס לעבע די אינטערנעשאנאל, עס לעבע די קלאוקמאכערס יוניאן, און עס לעבע יעדע יוניאן, וועלכע וועט איהר שטיצען אין דיזען ריזיגען צוזאמענשטויס, אין דיזען ריזיגען זעלבסט־שוץ!"

* * *

און פונקט אזא הארציגער עדיטאריעל איז ערשינען אין „פארטשריט" פון לעצטער וואך, דער אפיציעלער ארגאן פון די „אמאלגאמייטעד". אט איז דער עדיטאריעל ווארט אין ווארט:

אין א גוטער שעה, קלאוקמאכער!

„דער גרויסער קאמף פון די זעכציג טויזענד קלאוקמאכער אין ניו יארק האט זיך אנגעהויבען. לאז זיין מיט גליק!

יאהרעלאנג האבען די קלאוקמאכער געקעמפט אויפצובויען א יוניאן. זיי האבען אנגעפאנגען אין די אכציגער פון דעם פאריגען יאהרהונדערט, און האבען זיך א סך יאהרען געפלאגט און געמאטערט. א יוניאן איז אויפגעבויט געווארען און איז באלד פארנאנדערגעפאלען. א סטרייק איז געוואונען געווארען און דער געווינס האט זיך גיך אויסגעוועפט. און די גאנצע צייט האט דער סוועט־שאפ געהערשט אין זיין גאנצער שרעקליכקייט.

דורך דעם גרויסען קאמף פון 1910 האבען די קלאוקמאכער אוועקגעשטעלט א פעסטען און ריזיגען בנין. פון דאן אן לעבט און ווירקט א שטארקע קלאוקמאכער יוניאן.

די ארבייטסגעבער האבען פרובירט אלע מיטלען די נייע פעסטונג צו צושטערען — אלע מיטלען, פון ברעכען אן אפמאך ביז מארד־באשולדיגונג. פאר די אויסווערטיגע צוקוקער האט עס אפט אויסגעזעהן, אז דאס מאל וועלען די ארבייטס־געבער זיכער געווינען. אבער יעדעס מאל האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער שרעק איז געווען אן אומזיסטער. די ארבייטער זיינען שטענדיג ארויס די זיגער.

יעצט ווערט געמאכט א נייער אנגריף, און די יוניאן וועט נאך אמאל זיגען. די קלאוקמאכער זיינען אויסגעפראוועטע קעמפער, און זיי ווייסען ווי זייער ארגאניזאציאן צו פארטיידיגען.

עס איז שווער פאר די ארבייטסגעבער צו פארשטעהן, אז עס איז אוועק די צייט פון פארניכטען יוניאנס אין די שניידעריי אינדוסטריען. עס איז צו שפעט. דער גייסט פון ארבייטער אייניגקייט איז צו טיף איינגעווארצעלט אין די נשמות פון די ארבייטער, דאס צוריק ארויסצורייסען. דאס לאזט זיך זיי ניט גלויבען, און דערפאר פרובירען זיי שטענדיג אויף דאס ניי. ווען ניט זייער בלינדקייט, וואלטען זיי געמוזט פארשטעהן, אז אויב דאס אונמעגליכע זאל געשעהן, און עס זאל זיי געלינגען צו צוברעכען די יוניאן, וועלען זיי זיך דערמיט נאר קיין טובה ניט טאן. זיי וועלען דורכדעם אריינברענגען אזא כאאס אין דער אינדוסטריע, אז זייער נצחון וועט זיי ביטער מאכען דאס לעבען.

אבער דערצו וועט עס ניט קומען. די קלאוקמאכער זיינען גלענצענד ארגאניזירט. זיי זיינען פאר'ן קאמף גוט צוגעגרייט ארגאניזאציאנעל און פינאנציעל. און די גרויסע אידישע ארבייטערשאפט, און אויך די ניט אידישע אין די קליידער אינדוסטריען, שטעהט מיט די קעמפענדיגע קלאוקמאכער, און וועט געבען הילף!

די ארגאניזירטע קלאוקמאכער האבען דורכגעמאכט אלערליי שטורמס און זיי ווייסען דעם טעם פון קאמף. קיין זאך וועט זיי ניט איבערראשען.

(שלום אויף זייט 14)

אין לאגער פון דער „דיקטאטור פון פראלעטאריאט"

(שלוס פון זייט 9).

זייגען, אז די טרייד יוניאנס פון די רוסישע ארבייטער ווערען ניט געפירט פון די ארבייטער זעלבסט, דער שיקזאל זייערער ווערט באשלאסען אויף די קאמוניסטישע קאנפערענצען, און די ארבייטער זייגען געצוואונגען זיך צו אונטערווארפען די קאמוניסטישע באשליסע.

זיינען די רוסישע ארבייטער צופרידען מיט דעם? דער אייגציגער אנטווארט אויף דעם איז: א טויזענטפאכער ניין!

אט דאס ווינש איך, אז איהר זאלט גוט נעדענקען.

וואלטען די רוסישע ארבייטער באמת צופרידען געווען מיט דער קאמוניסטישער דיקטאטור, וואלט איך די דאזיגע ארטיקלען ניט געשריבען. די ווארהייט אבער איז, אז די ארבייטער זיינען ניט צופריעדען, זיי קעמפפען נעגען דעם, זיי סטרייקען נעגען דער קאמוניסטישער רעגירונג, „יעס, זיי סטרייקען", זיי מאכען סאבאטאזש, זיי גנב'ענען פון דער רעגירונג, זיי באשאפען קיין זאך ניט און זיי טוען אן אלערליי צרות דער רעגירונג, ווי מיר וועלען דאס איבערצייגען מיט אומר באשטרייטבארע פאקטען!



אייערע קינדער'ס אויגען

האבען אייערע קינדער שוועריגקייט אין לערנען? געפינען זיי זייערע לעסאנס צו שווער? איז זייער זכרון שארף אדער שוואך?

אין פילע פעלע איז דאס דער רעזולטאט פון שוואכע, אנגעשטרענגטע אויגען און א פאר גוט צוגעפאסטע ברילען וועט זיי אייך באפרייען פון יעדע שוועריגקייט און העלפען זיי אין זייער לערנען. זעהט זיך מיט דר. בעקער'ן אין איינע פון זיינע 5 אפטיקעל אפיסעס און א עקזאמינײשאן וועט באשטימען דעם צושטאנד פון זייערע אויגען.

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 איסט בראדוויי	895 פראספעקט עוו.
ניער קלינטאן סטריט	נעבען 163טע סטריט
102 לענאקס עוועניו	170' פימקין עוועניו
נעבען 116טע סטריט	נעבען ראקעוועי עוועניו

262 איסט פארדהעם ראוד, בראנקס

DR. BARNETT L. BECKER

דער
ארבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $1,500,000
מיטגלידער — 82,000
ברענטשעס — 645

דער ארבייטער רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארב. רינג שפילט יעצט אין וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמפף.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן אייגענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליעד, שליסט זיך גלייך אן!

פאר אויסקונפט ווענדעט זיך:

THE WORKMEN'S CIRCLE
175 EAST BROADWAY. NEW YORK, N. Y.

סלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9

אויפמערקזאם!

מיר פאדערען אויף אלע מעמבערס וועלכע האבען לעצטענס געמופט פון זייערע וואוינונגען אדער דורך אן אנדער אורזאכע געביטען זייער אדרעס, גלייך צו לאזען וויסען אייער נייעם אדרעס אין אונזער אפיס פון לאקאל.

עס איז זעהר וויכטיג און נויטיג.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 9
איזידאר סארקין, מענעדזשער.

דעזיינערס פאר פרויען קליידער ווערען זעהר פיעל פארלאנגט!

לייכט צו לערנען און פיעל געלט צו פארדינען!

הונדערטע לייטע האבען שוין אויסגעלערנט אונזער מעטאדע און יעצט פארדינען זיי פיעל געלט.

נעהמט איצט א קורס
— אין די —
מיטשעל סקול

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער. א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באלדיגע פאזישאן און גרויסע געהאלט.

די מיטשעל סקול און גארמענט דעזיינינג, פעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאהר מיט דעם גרעסטען ערפאלג.

נייע אידעען. נייע סיסטעמען. בעסטע מעטאדען. בעסטע רעזולטאטען.
פריוואט אונטערריכט אין אידיש. טאג און אווענט קלאסען.
גוטע באדינגונגען.
שרייבט, טעלעפאנירט אדער קומט פאר א פרייען בוקלעט און אויסקינפטע.
אווענט קלאסען: מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

DEMONSTRATIONS FREE AT THE SCHOOL
MITCHELL DESIGNING SCHOOL
NEW YORK
912-920 BROADWAY (Cor. 21st St.),
Phone: Stuyvesant 8383
Boston Branch: 453 Washington Street, Dexter Building.

דעזיינינג און סקעטשינג

א וואונדערבארע פראפעסיע!!!

פארלירט ניט די געלעגענהייט — פאנגט אן גלייך.

איהר קאנט ווערען א פעטערן מאכער און א גארמענט סקעטשער אין דריי מאנאטען אדער אין נאך ווייניגער. מען דארף ניט האבען קיין עקסטרא טאלאנט אויסצולערנען זיך דעם „מאדערן סיסטעם" פון פעטערן-מייקינג, גריידינג, דראפינג, גארמענט סקעטשינג, פיטינג און דרייפינג פון ליידיס, מיסעס און טשילדרענס קלאוקס, סוטס און דרעסעס.

פריוואטע לעסאנס פון פראקטישע עקספערטען—מעסיגע פרייזען.
קומט אירגענד וועלכען אווענד פון 7 ביז 9. שבת נאכמיטאג, פון 2 ביז 4.

די מאדערן פעשאן אקאדעמי:
114 וועסט 44טע סט., רום 701.
[illegible]

די האלס אין וועלכע די קלאוק־סטרייקער מיטען

אלע ארבייטער פון די פראטעקטיוו אסאסיאיישאן שעפער, אהן אונטער־שיד וואו די שעפער געפינען זיך, מיטען אין די פאלגענדע האלס:
וועבסטער האל, 119 איסט 11טע סטריט.
מאנהעטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סטריט.
העניגגטאן האל, 214 איסט 2טע סטריט.

אלע ריפער שעפער, אסאסיאיישאן ווי נים אסאסיאיישאן שעפער מיטען אין סטייוועסענט קאסינא, 140 צווייטע עוועניו.

די קאטערס מיטען אין ארלינגטאן האל, 23 סט. מארקס פלייס, אין דעם מעין האל.
דעזיינערס און באטענהאל מאכער מיטען אויך אין דעמזעלבען האל אויף דעם גראונד פלאר.
אלע סעמפעל מאכער מיטען אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סט.

אלע שעפער, וועלכע ווערען קאנטראלירט פון דער אמעריקאן אסאסיאיי־שאן דעפארטמענט, אלע אינדעפענדענט שעפער און אויך אלע סקווירט שעפער זיינען איינגעטיילט געווארען אין די פאלגענדע האלס:
אלע שעפער פון דער 43טער, 42טער, 41טער, 40טער, 39טער, 38טער, 37טער, 36טער, 35טער, 34טער, 32טער, און 31טער סטריטס איסט און וועסט מיטען אין לייבאר טעמפעל, 14טען סטריט און 2טע עוועניו.

אלע שעפער פון איסט און וועסט 30טע סטריט און איסט 29טע סטריט מיטען אין מענשאן האל, 51 סט. מארקס פלייס.

שעפער פון איסט און וועסט 28טע סטריט און די אמעריקאן אסאסיאיי־שאן שעפער וועלכע געפינען זיך אין וועסט 27טער סטריט מיטען אין אד פעללאוס האל, 69 סט. מארקס פלייס.

אלע אינדעפענדענט שעפער פון וועסט 27טע סטריט און אלע שעפער אמעריקאן ווי אינדיפענדענט, פון איסט 27טע סט. איסט און וועסט 26טע סט. מיטען אין קאסינא האל, 85 איסט 4טע סטריט.

שעפער פון אמעריקאן דעפארטמענט וועלכע געפינען זיך אין וועסט 25טע סטריט; שעפער פון ביידע דעפארטמענטס וועלכע געפינען זיך אין וועסט 24טע סטריט, און אינדעפענדענט שעפער וועלכע געפינען זיך אין איסט 4"טע סטריט, איסט און וועסט 23טע סט. און וועסט 22טע סטריט מיטען אין קא־סינא האל, 85 איסט 4טע סטריט.

אלע אמעריקאן שעפער פון וועסט 22טע סט. און די שעפער פון ביידע דעפארטמענטס פון איסט 22טע סטריט, וועסט 21טע סטריט, מעדיסאן עוו., 5טע עוו. און בראדוויי מיטען אין לענאקס טעמפעל, 256 איסט 2טע סט.

איסט 21טע סט., וועסט 20טע סט., איסט און וועסט 19טע סט., איסט און וועסט 18טע סט., איסט און וועט 17טע ט. מיטען אין קלינטאן האל, 157 קלינטאן סט.

איסט און וועסט 12טע סטריט, איסט 11טע סט., איסט 10טע סט. 14טע סט., איסט און וועסט 13טע סט., מיטען אין אד פעלאוס טעמפעל, 89 פארסייטה סט.

איסט און וועסט 12טע 12טע סט., איסט 21טע סט., איסט 10טע סט. מיטען אין אריענטאל פאלאס, 143 סאפאלק סט.

איסט 9טע סט., איסט און וועסט 8טע סט., איסט 7טע סט., איסט 5טע סט., איסט און וועסט 4טע סט., וועסט 3טע סט., 2טע עוו., אוניווערסיטי פלייס, וויווערלי פלייס, וואוסטער סט., מערסער סט., פרינס סט., ספרינג סט., גרין סט., וועסט האוסטאן סט., מעקדוגעל סט., לאפייעט סט., מיטען אין דזשעפערסאן האל, 92-90 קאלאמביא סט.

קאנאל סט., גארעק סט., קעטהרין סט., איסט בראדוויי, סטענטאן סט., סאפאלק סט., מאנגיאן סט., מאנראע סט., לודלאוו סט., עלדריטש סט., מאנט־גאמערי סט., ברידזש סט., שעריף סט., רידזש סט., איסט האוסטאן סט., פאר־סייטה סט., קאלאמביא סט., קלינטאן סט., קענאן סט., ברום סט., באוערי, וועסט בראדוויי, בליקער סט., אטארני סט., פייק סט., מיטען אין ניו טוקסידא האל, 62 פיט סט.
אלע סטארס פון דיוויזשאן סט. און די איבעריגע פון דאון טאון דיסט־ריקט פון דיוויזשאן סט. שעפער, די גרענד סט. שעפער, און אלע סקווירט סטארס פון 8טע סט. דאון טאון, מיטען אין גרענד לייסעאום, 83 פארסייט סט.

אלע אינדעפענדענט און אמעריקאן שעפער, קאנטראלירט פון 6טע, 7טע און 8טע עוו. מיטען אויך אין העניינגטאן האל, 214-216 איסט 2טע סט.

אלע ניט־יוניאן שעפער מיטען אין די אנעקס פון אסטאריא האל, 62 איסט 4טע סטריט.

אלע קלאוק־מאכער, וועלכע ארבייטען נים יעצט אין די שעפער און זיינען אהן ארבייט זאלען זיך מעלדען אין האל פון דער קאמיטע, 228 צווייטע עוו. אויף דעם 6טען פלאר, דעם צווייטען טאג נאכ'ן סטרייק, און זיי וועלען בא־קומען אינסטראקשאן אין וועלכען האל זיי זאלען מיטען.

די האל קאמיטע וועט מיטען אין 228 צווייטע עוו. אין אפיס פון די קלאוק־פרעסערס יוניאן לאקאל 35, אויף דעם 6טען פלאר. די ארגאניזיישאן קאמיטע וועט מיטען אין בעטהאווען האל, 210 איסט 5טע סט.
די פיקעט קאמיטע מיטעט אין ארלינגטאן האל, 23 סט. מארקס פלייס.
די ספיקערס קאמיטע מיטעט אין 142 צווייטע עוו., אין די ריפער מייקערס יוניאן לאקאל 17.
די סעטעלמענט קאמיטע מיטעט אין קאנטינענטאל האטעל, 41טע סט. און בראדוויי.
די אינפארמיישאן קאמיטע מיטעט אין 40 איסט 23טע סט., אין דעם אפיס פון דער יוניאן.
די אוט־אוף־טאון קאמיטע וועט מיטען אין 40 איסט 23טע סט. אויפ'ן 4טען פלאר, אין דעם אפיס פון דער יוניאן.

אלע וועלכע ארבייטען אין בראנזוויל מיטען אין בראנזוויל לייבאר לייסעאום. 219 סעקמאן סט., בראנזוויל.

אלע וועלכע ארבייטען אין ברוקלין מיטען אין ראיאל פאלאס, 18 מאנ־העטען עוו., ברוקלין.
אלע קלאוק־מייקערס וועלכע זיינען אונטער דער דזשוריסדיקשאן פון הארלעם אפיס מיטען אין די פאלגענדע האלס:
אלע שעפער וועלכע געפינען זיך פון 70טע סט. ביז 107טע סט. — איסט און וועסט — מיטען אין הארלעם סאשעליסט עדיוקיישאנאל סענטער, 62 איסט 103טע סט.
אלע שעפער וועלכע געפינען זיך פון 107טע ביז צו 125טע סט. צוגע־רעכענט די 125טע סט. — איסט און וועסט — מיטען אין מעדיסאן האל, 1666 מעדיסאן עוו.
אלע שעפער נאך דער 125טער סטריט — צוגערעכענט די בראנקס — מיטען אין לאנדאן קאסינא, 3875 דריטע עוו.

אלע איטאליענישע שעפער וועלען מיטען אין הארלעם סאשעליסט עדיו־קיישאנעל סענטער, 62 איסט 106טע סט.

דזש. ברעסלאו, טשערמאן פון דער האל קאמיטע
דזש. נאגלער, וויים טשערמאן
ה. בערענשטיין, סעקרעטער.

ענינים פון דער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע

(שלום פון זייט 12).

זיי ווייסען, אז זיי דארפען ערוואר־טען אנפאלען פון דער קאפיטאליס־טישער פרעסע, אטאקען פון דער פא־ליציי און פון די באסעס געדונגענע שלעגער, אי־זשאנקשאנס פון דעם גאנץ גייסטען מין, ארעסטען, די ניפ־טיגע ארבייט פון שפיאנען אין פרא־וואקאטארען, און אלע אנדערע אנשי־קעניסען, וואס קומען אין אזעלכע קעמפע. די קלאוקמאכער זיינען בא־קאנט מיט די אלע זאכען. זיי הא־בען געהאט זייערע ערפאהרונגען פריהער. זיי האבען אלע שטערונגען ביינעקומען אין פריהערדיגע קעמפע, און זיי וועלען זיי דאס מאל אויך בייקומען.

אין א גוטער שעה, קלאוקמאכער!

איהר פארטיידיגט און באשיצט אייער איינינקייט, אייער הייליגקייט!

איהר קעמפט געגען דעם צוריק־קעהר פון סוועט שאפ און באשיצט אייערע פאמיליען!

איהר קעמפט געגען ווידער איינ־פיהרען די אלטע שקלאפעריי און בא־שיצט אייערע פאמיליען!

איהר קעמפט געגען ווידער איינ־פיהרען די אלטע שקלאפעריי און בא־שיצט אייער רעכט צו זיין פאראיי־ניגט און לעבען ווי מענשען!

איהר האט די הארציגסטע ברכות פון דער אמאלגאמייטעד און פון אלע אנדערע רעכטדענקענדיגע ארבייטער.

דער קאמף איז אויף אייך ארויפ־געצוואונגען געווארען. דער שווערד איז אייך אין דער האנט מיט גוואלט דערלאנגט געווארען. געהט און זייט מצליח.

אייער קאמף איז א גערעכטער. אייער כח איז א גרויסער. אייער ציל איז א הייליגער. קעמפט מוטיג, איהר מוזט געווינען!

מיט גליק, בראווע מיטארבייטער אונזערע! דורך קאמף צום זיג!"

* * *

עדיטאריעלס, פול מיט באגייסטערונג פאר אונזער גרויסען קאמף, זיינען אויך ערשינען אין „די צייט". אט איז אן עדיטאריעל פון דעם 18טען נאוועמבער:

„סטרייק אין פולען ברען.

„אלע רעדער פון די נעה־מאשי־נען שטעהען שטיל, די שעפער פון די קלאוקמייקערס זיינען לעדיג, נישטא קיין סקעבס.

די אסאסיאיישאן, די גרויסע, מעכטיגע פראטעקטיוו אסאסיאיישאן האט זיך פאררעכענט אין חשבון. זי האט גע'חלום'ט, אז אין די רייהען פון דער יוניאן זיינען פאראן א סך פארעקטער און איבערלויפער, א סך לייכטזיניגע און שוואכמוטיגע, וועל־כע וועלען האבען זיך אין זינען, אבער נישט די יוניאן און נישט די אינטע־רעסען פון אלע ארבייטער.

זי האט נישט געוואוסט די מאכט פון דער יוניאן. זי האט קיין אהנונג נישט געהאט פון דער איינינקייט צווישען די ארבייטער און זייער ענט־שלאסענקייט צו שטעהן אלע צוזא־מען.

איצטער ווייס זי עס. און איצ־טער ווייס זי, אז זי האט אויפגע־נומען א נישט־גלייכען קאמף.

נישטא קיין סקעבס און זיי ווע־לען נישט זיין. און רוהיג פיהרען זיך די סטרייקער. עס זיינען נישטא קיין סקעבס און עס איז נישטא קיין בייז בלוט. אבער די סטרייקער ווייר סען אויך, אז זיי האבען מיט זיך די סימפאטיע פון דער גרויסער עפענטליכ־קייט, און זיי וועלען זי נים פארלירען. די באסעס האבען נעגעבען אנצוהע־רען אין דער פאליציי, אז זיי מוזען האבען א סך שוץ, ווייל זיי האבען מורא פאר בלוט־פארגוס.

זיי זעהען רויט, די נעלע בלאפ־פער. זיי דארפען נישט מורא הא־בען פאר בלוט־פארגוס פון דער זייט פון די סטרייקער. אויב נאר זיי אליין האבען נישט אנגעשטעלט קיין „שטארקע", איב זיי אליין נאר וועלען נישט פראוואצירען.

די סטרייקער פארהאלטען זיך רו־היג און פרידליך, און זיי וועלען זיך אזוי פארהאלטען. זיי האבען דעם אנזאג פון דער יוניאן. און זיי וועלען האלטען דיסציפלין.

די באסעס וועלען זיך נישט הא־בען אן וואס אנצוטשעפען. די אר־בייטער וועלען זיי נישט פארשאפען די גינסטיגע געלעגענהייט.

די ארימע! זיי האבען זיך אנ־געשלאגען אן דער אייזערנער וואנט פון דער גרויסער איבערגעגעבענהייט צו דער יוניאן, און ווערען נעבאך דער־טרונקען אין דער לעכערליכקייט, מיט וועלכער די עפענטליכע מיינונג האט זיי באדעקט.

דערפאר באיילען זיך טאקע די מעהר אנשטענדיגע, די, וועלכע הא־בען נאך בושה אין זיך, צו מאכען שלום מיט די ארבייטער. און באלד וועלען קומען נאך דינהויטיגע, און נאך און נאך...

די ארבייטער קאנען שטאלץ זיין."

„העמלאק"

(שלום פון זייט 7).

פון שלאכטפעלד, געיאגט פון א בייזען שונא, א, היילינע, עמפפאנג מיך!"

מעהר בין איך אין אפיס נים געקומען, און העמלאק'ן האב איך שוין מעהר נים געזעהן. איך לעז אמאל דורך איהרס א ליד, אבער עס מאכט אויף מיר קיין איינ־דרוק נים. מיר דאכט זיך, אז ס'איז נים בעסער און נים ערגער פון טויזענטע אנ־דערע פאעמען, וואס מיר קומט אוים צו זעהן — פוסטע פראזען צוזאמענגעשטעלט פון א געניטער האנט.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לעאנארד פרעס
42 איסט 23טע סט., ניו יארק

הארלעם סאציאליסטישער עדיוקיישאנאל סענטער
62 איסט 106טע סטריט,
צווישען פארק און מעדיסאן עווס.
צו פארדינגען א גרויסען האל
קאן אריינגעמען 600 מענשען
פאר קאנצערטען, בעלער, פארשטעלונ־גען, חתונות און אז. וו.
אויך אפיסעס און מיטינג רומס.
אפען יעדען טאג ביז שפעט ביינאכט.
טעלעפאן: הארלעם 9020.

מיר גיבען גערעכטיגקייט
צו די וואס ווילען לערנען
דעזיינינג, פעטערן־מייקינג און גריידינג
פון פרויען, מיסעס, דזשוניארס, טשיל־דרענס און אינפאנטס גארמענטס.
זעהט דעם
הויפט קאלעדזש פאר דעזיינינג פעטערן מייקינג
פראפ. י. ראזענפעלד,
דירעקטאר.
222 איסט 14טע סטריט, ניו יארק.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

ולא ארפ.ה.
(איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. III. No. 49. New York, Friday, Dec. 2, 1921. פרייטאג, דעם 2טען דעצעמבער, 1921 PRICE 3 CENTS

אינטערנעשאנאל קריגט ציטווייליגען אינדזשאנקשאן געגען פראטעקטיוו אסס'ן

אונטערמייער און הילקוויט פיהרען אין קאורט דעם קאמף פאר דער יוניאן. — פראטעקטיוו אסס'ן פארווערט צו זיין טעטיג קעגען סטרייק. — דער סטרייק־פייער קעגען שטיק־ארבייט פארשפרייט זיך. — דער גרויסער קאמף איבער'ן גאנצען אינטערנעשאנאל פראנט. — וויסט מאכער סטרייק אין פי־לאדעלפיא געפיהרט מיט דערזעלביגער קראפט ווי פריהער. — שלעזינגער'ס ענטפער צום דעפארטמענט אוו לייבאר אין וואשינגטאן. — דזשענע־ראל סטרייק־קאמיטע הייסט גוט איינשטימיג די פיהרערשאפט פון אונזער גענעראל שטאב. — דראמאטישער צוזאמענשטויס ביי דער הירינג פון סטייט אינדוסטריעל קאמישאן. — הילקוויט און שלעזינגער מאכען קלאר דעם שטאנדפונקט פון דער יוניאן. — מאריס זיגמאן אין שיקאגא צו העל־פען פיהרען דעם סטרייק.

גענעראל סטרייק פון קלאוק מאכער אין פילאדעלפיא און שיקאגא דערקלערט!

דער סעטעלמענט מיט ר. סאדאווסקי, די גרעסטע קלאוק־פירמע אין ניו יארק, רופט ארויס פרישען ענטוזיאזם.

אלזא, די פאהערונג, צו באקומען אן אינדזשאנקשאן קעגען די פראטעקטיוו, עס זאל איהר פארווערט זיין אירגענד וועלכע א נ ט י ־ ס ט ר י י ק טעטיגקייט אין דעם איצטיגען קלאוקמאכער קאמף, איז ניט מעהר „א פוסטער טראשטשאק“. — ווי די פראטעקטיוו האט געזוכט איינצושמועסען דעם עולם. דער אינדזשאנקשאן איז שוין איצטער א פאקט! אונזער אינטערנעשאנאל מאכט ניט קיין פוסטע סטראשונקעס, — וואס געזאגט איז געטאן! און די פראטעקטיוו אסס'ן ווייס דאס שוין פון לאנג, נאר זי פרובט עס אלץ פארגעסען.

דעם דינסטאג, דעם 29טען נאוועמבער, האט ריכטער נאי פון סופרים קאורט ארויסגעגעבען געגען דער פראטעקטיוו אסס'ן א ציטווייליגען אינדזשאנקשאן, וועל־כער מאכט איהר פאר אן „אומגעזעצליכער ארגאניזאציע“.

לויט ווי די קלאגע איז אויסגעשטעלט, ווערט די אסאסיאיישאן באשולדיגט אין קאנספיראציע. עס ווערט אנגענומען אז דער מיטינג וואס די אסאסיאיישאן האט געהאט דעם 25טען אקטאבער, און באשלאסען צו ברעכען דעם אגרימענט און ארויפ־צווינגען אויף די ארבייטער שטיק־ארבייט און לאנגע שטונדען — אז דיזער מיטינג איז געווען א קאנספיראציע געגען דער יוניאן, מיט וועלכע די אסאסיאיישאן איז גע־שטאנען אין קאנטראקט־פארבינדונגען.

אין דעם ארדער פון קאורט ווערט געזאגט בפירוש, אז סיי די אסאסיאיישאן, סאי די באמטע פון דער אסאסיאיישאן, אלע צוזאמען און יעדער באזונדער, סאי זייערע מענעדזשערס, אגענטען און דירעקטארען, אלע צוזאמען און יעדער באזונדער. מוזען וויסען אז זיי טארען ניט אהדערען, דירעקטירען, באאיינפלוסען, ראטהען, אהער ערמונטערען וועלכען עס איז מעמבער פון דער אסאסיאיישאן צו ברעכען ווייטער דעם אגרימענט. די אסאסיאיישאן טאר ניט העלפען מיט קיין געלט וועלכען עס איז פון איהרע מעמבערס, צו קענען אנגעהן מיט'ן סטרייק, וואס דאס מיינט צו ברעכען דעם אגרימענט.

דער אינדזשאנקשאן איז ארויסגעגעבען ביז מאנטאג דעם 5טען דעצעמבער. מאנטאג וועט די פראטעקטיוו מוזען קומען אין קאורט זיך פארענטפערען, און אנ־געבען גרינדען וואורום דער אינדזשאנקשאן זאל ניט בלייבען באשטענדיג, דאס הייסט, ביז דער קאמף צווישען דער אסאסיאיישאן און דער יוניאן וועט זיין געענדיגט.

דער קאמף איז קאורט ווערט געפיהרט פון סעמועל אונטערמייער און מאריס הילקוויט און די קייס איז גאנץ פארזיכטיג אויסגעארבייט געווארען. עס איז כמעט זיכער אז די פראטעקטיוו וועט אויך מאנטאג כאפען א נידערלאגע אין קאורט.

אט דער קאמף אין קאורט איז א גאנץ נייע ערשיינונג און עס ווערט געשפאנט נאכגעפאלגט פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג אין אמעריקא. דאס איז דעם ערשטער מאל אין דער געשיכטע, וואס אן ארבייטער יוניאן באנוצט זיך מיט'ן געזעץ, לויט וועלכען ארבייטסגעבער האבען ביז איצט ארויסגענומען אינדזשאנקשאנס געגען יוניאנס, אום ארויסצונעהמען אן אינדזשאנקשאן געגען מאנופעקטשורערס. און אט די האנדלונג ווערט אפלאדירט פון דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג.

דער פראנט פון אונזער אינטערנעשאנאל ווערט אלץ גרעסער! נייע באטאליאנען שטעלען זיך אין ליין זייט ביי זייט מיט די קלאוקמאכער קעמפפער פון ניו יארק און מאנטרעאל, אין דעם גרויסען קאמף קעגען שטיק־ארבייט, קעגען דעם „אוקאז“ פון די קלאוק־באסעס איבער'ן לאנד, ווידער אויפצולעבען דעם אמאליגען סועט־שאפ.

דעם מאנטאג, 10 אזייגער אין דער פריה, איז נאך אן ארמיי אנדערע ארויין אין די „טרענטשעס“ צו קעמפען דעם זעלבינען קאמף, — די קלאוקמאכער יו־ניאן פון פילאדעלפיא. און די קלאוקמא־כער פון פילאדעלפיא האבען עס געטאן אזוי העלדיש, אזוי מוטיג און בראוו, ווי זייערע ברידער און שוועסטער פון ניו יארק.

דער פארזוך, וואס דארטען איז גע־מאכט געווארען צו מאכען א „פרידלי־כען“ סעטעלמענט, האט קיין רעזולטא־טען ניט געבראכט. די פילאדעלפיער קלאוק־מאנופעקטשורער האבען אויף די קאנפערענצען מיט דער יוניאן ניט ארויסגעוויזען, אז זיי האבען טאקע אויף אן אמת געוואלט פארמיידען א קאמף; עקשנות'דיג האבען זיי פארלאנגט עט־וואס, וואס די יוניאן וועט זיי קיינמאל ניט נאכגעבען, און דער אפענער קאמף איז געווארען אומפארמיידליך.

און א נייע קלאוקמאכער ארמיי שטעהט שוין אין קאמף צו פארטיידיגען דאס רעכט אין שאפ, וואס די ארבייטער האבען אויסגעקעמפט שוין פריהער דורך א סך ליידען.

און דער קלאוקמאכער סטרייק אין פילאדעלפיא האט זיך אנגעהויבען אזוי שעהן און איינדרוקספול, ווי אין ניו יארק. די מיטגלידער פון דער קלאוק־מאכער יוניאן אין פילאדעלפיא האבען געוויזען, אז זיי זיינען פון דעם זעלבינען טייג געקנאטען, ווי די מיטגלידער פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין ניו יארק.

אט איז די טעלעגראמע, וואס פרעזי־דענט שלעזינגער האט באקומען פון דעם פילאדעלפיער פראנט מאנטאג פאר מי־טאג, באלד ווי דער קאמף האט זיך דאר־טען אנגעפאנגען:

„א גענעראל סטרייק אין די פילא־דעלפיער קלאוק און סוט שעפער. דער־קלערט היינט, מאנטאג, 10 אזייגער אין דערפריה. דאס אפשטעלען פון דער אר־בייט איז קאמפליט, פ ו ל ע ה ו נ ־ ד ע ר ט פ ר א צ ע נ ט! די גאנצע אינדוסטריע איז פאראליזירט. גרויס באגייסטערונג באהערשט די מאסען. דער זיעג איז זיכער. די ארבייטער זיי־נען פעסט ענטשלאסען, זיך קיין מאל מעהר ניט אומקערען צו שטיק־ארבייט“.

בראווא, קלאוקמאכער יוניאן פון פי־לאדעלפיא! איהר וועט געווים זיין ווירדיגע מיטקעמפער פון די קלאוקמא־כער אין ניו יארק און פון די אנדערע שטעדט, ביז דער אלגעמיינער שונא וועט באקעמפט ווערען אויף אלע פראנטען, ביז צו א פאלשטענדיגען זיעג!

אלזא, די קלאוק־באסעס פון פילא־דעלפיא האבען ניט געוואלט א סטרייק פארמיידען. זיי האבען געזוכט א קאמף, און זיי האבען איהם!

לעצטען זונטאג בייטאג האבען די פילאדעלפיער קלאוקמאכער געהאט א גרויסע מאסענפארזאמלונג אין ארטש טעאטער, וועלכע איז אדרעסירט געווא־רען פון פרעזידענט שלעזינגער, מאקס אמדור, דער מענעדזשער פון דער יוניאן, ה. ווײנבערג, דער באוואוסטער ארבייטער אגיטאטאר אב. טובים פון ניו יארק, און נאך אנדערע. דער מיטינג איז געווען א זעהר ענטוזיאסטישער, און מען האט שוין דארטען געקאנט זעהן, ווי די אר־בייטער וועלען ענטפערען מאנטאג אין דער פריה אויפ'ן רוף פון דער יוניאן אנ־צוהויבען דעם גרויסען קאמף.

אויף דעם מיטינג האבען די פיהרער איבערגעגעבען די ארבייטער די לעצטע נייעס, וואס עס האט געהאלטען. מען האט זיי ערקלערט, ווי איינגעשפארט עס זיינען די באסעס און א סטרייק וועט מוז־זען גערופען ווערען. די נייעס האט אבער קיינעם ניט איבערגעראשט. די מאסען האבען געענטפערט מיט באגייסטערונג, אז זיי זיינען גרייט צום קאמף, און מאנ־טאג אין דערפריה האבען זיי עס פאל־שטענדיג באוויזען, ווען אלע, ווי איין מאן, זיינען ארונטער אין סטרייק!

אויך דער וויסטמאכער סטרייק אין פי־לאדעלפיא געהט איצט אן מיט דערזעל־

(שלוס אויף זייט 4).

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט“ נומער 49.

זייט 2. די וואך. — מאקס ד. דעניש. עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון לאקאל 25. — טשארלס דזשייקאבסאן.
זייט 3. דער קאמף פון די באנאז עמבראי־דערערס אין נ. י. — אסיפ וואלינסקי. שלערליי אין שיקאגא. — ה. סקולמאן.
זייט 4. אינטערנעשאנאל קריגט אינדזשאנק־שאן געגען דער פראטעקטיוו.
זייט 5. צוויי מיטינגען פון עקז. ב. לאק. 22. — י. שעהנהאלץ.
זייט 6. אינדעפענדענט דעפארטמענט פון דזשאינט באארד וויסט מאכער יוניאן. — י. האכ־מאן. נאמינירען פון עדיוקיישאנאל דעפט.
זייט 7. צוויי מיטינגען פון עקז. ב. לאקאל 60. — מ. שעכטער. דער אלטער בחור און זיינע יונגע חלומות. — אל. גזרית.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. דער הייליגער קריג. — שלום אש.
זייט 10. אין לאנד פון דער „דיקטאטור פון פראלעטאריאט“. — בען אוינוסט. קורץ און שארף. — י. ב. ג.
זייט 11. דער קריגס־דעפארטמענט פון אונ־זער אינטערנעשאנאל. — ל. פינקעלשטיין.
זייט 12. דער קלאוקמאכער סעטעלמענט מע־כאניזם. — נ. ב. לינדער. קורצע שמועסען.
זייט 13, 14 און 15. — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. גענעראל סטרייק פון קלאוקמאכער אין פילאדעלפיא. — א. נ. ביי די ווהייט גודס ארבייטער.

ווהייט גודס ארבייטער יוניאן באנייט דעם ארגאניזאציאנס קאמפיין.

די ווייט גודס ווארקערס יוניאן, לא־קאל 62, האט נאך מיט א צייט צוריק אנגעהויבען אן ארגאניזאציאנס־קאמפיין דעם טרייד בעסער צו ארגאניזירען און די ארבייט ווערט איצטער פארטגעזעצט נאך מיט מעהר ענערגיע ווי פריהער. די יוניאן איז ענטשלאסען דעם טרייד פאל־שטענדיג צו יוניאניזירען און די מיטגלי־דער פון דעם לאקאל ווערען אויפגעפא־דערט דער יוניאן אין דעם מיטצוהעלפען.

ווי ברודער דייוויס, דער מענעדזשער פון דער יוניאן, גיט אונז איבער, נעהט די ארבייט צו גאנץ לעבעדיג. דער גאנ־צער עקזעקוטיוו באארד האט זיך גענעבען מען פלייסיג צו דער ארבייט. א חוץ דעם האט זיך געגרינדעט א קאמיטע פון 50, פון די אקטיווע מיטגלידער אין דעם לאקאל, און די פופציגער קאמיטע ארבייט האנט אין האנט מיט'ן עקזעקוטיוו באארד. א ברייטע אגיטאציע ווערט אנגעפיהרט אומעטום, וואו נאר די ווייט גודס ארביי־טער קומען זיך צונויף, פאר דער יוניאן.

די יוניאן רופט איין שאפ מיטינג סיי פון יוניאן־שעפער, סיי פון ניט־יוניאן שעפער, און די ארבייטער ווערען אויפ־געפאדערט צו זיין יוניאן־לייט. און ווי מען גיט אונז איבער קאן מען שוין זעהען גוטע רעזולטאטען פון דער ארבייט. די יוניאן מיטגלידער וואס זיינען געווען הינ־טערשטעליג אין זייער דיוס־צאהלען ווע־רען גוטשטעהענדיג און נייע מיטגלידער קומען אריין כמעט יעדען טאג.

זאל דער ארגאניזאציאנס־קאמפיין אין דעם טרייד פארטגעזעצט ווערען ביז דער טרייד וועט זיין פולע הונדערט פראצענט ארגאניזירט.

דזשענעראל סטרייק פון די פילאדעל־פיער קלאוקמאכער אפגעליינגט

(שלוס פון זייט 1).

לאדעלפיער קלאוקמאכער, וועלכער האט געזאלט זיך אנהויבען מאנטאג, דעם 21טען נאוועמבער, איז דערווייל אפגע־לייגט געווארען ביז מיר וועלען האבען נאך א קאנפערענץ מיט די בעל־הבתים, און זעהן, אויב דער סכסוך קען ניט גע־שליכטעט ווערען אהן א סטרייק.

לעצטע וואך איז ביי אונז געווען א „ביזי" וואך, וועלכע וועט בלייבען אין זכרון ביי אלע אונזערע מעמבערס פאר פיעלע יאהרען. שוין מאנטאג גאנץ פריה זיינען געשטאנען הונדערטע מענ־שען און געווארט אין ליין אויף צו וואו־טען דעם רעפערענדום ווענען א דזשע־נעראל סטרייק. און אלע האבען מיט גרויס באגייסטערונג געוואוט פאר וואך־ארבייט און געגען סוועט סיסטעם! פיע־לע מעמבערס האבען באדארפט ווארטען שטונדען אין ליין ביז עס איז געקומען זייער „נעקסט". אבער דאס האט קיי־נעם ניט גע'ארט. זיי זיינען גרייט געווען צו ווארטען אפילו שטונדען לאנג.

שטעהענדיג אין ליין האט מען גע־קאנט הערען אינטערעסאנטע באמערקונ־גען. די מיינונג פון פיעלע פון אונזערע מעמבערס איז געווען: „ווען מיר זא־לען אפילו דארפען סטרייקען 26 וואכען, ווי מיר האבען געסטרייקט אין 1913, און זאגאר לענגער, וועט ווערט זיין צו נעבען א לעסאן אונזערע בעל־הבתים, אז זיי זאלען ניט קריכען אויף די גלייכע ווענד!" און ווירקליך, דערזעלבער גייסט, וואס האט געהערשט אין 1913, בעפאר אונזער 26 וואכעדיגען היסטארי־שען דזשענעראל סטרייק, האט גע־הערשט ביי אונזערע מעמבערס, ווען זיי זיינען געגאנגען וואוטען דעם רעפערענ־דום. און דער רעזולטאט איז געווען א וואונדערבארער. כמעט אלע אונזערע מעמבערס האבען זיך באטייליגט אין דעם וואוט, וואס דאס צייגט, ווי שטארק פאראינטערעסירט אונזערע מעמבערס זיינען אין דער פראגע. דער רעזולטאט פון וואוט איז, דאס קנאפע 3 טויזענד מעמבערס האבען געשטימט פאר וואך־ארבייט און פאר א דזשענעראל סטרייק, און בלויז עטוואס מעהר פון הונדערט האבען געשטימט געגען איהם. דאס האט נאך אמאל איבערצייגט, אז אונזע־רע מעמבערס פארשטעהען די פראגען פון דער צייט, און מיר זיינען זיכער, אז אונזערע מעמבערס וועלען, אויב עס וועט נויטיג זיין, מיט זייער גאנצען הארצען זיך אפרופען אויף דעם רוף פון דער יוניאן אין דעם ריכטיגען מאמענט.

נאכ'ן רעזולטאט פון דעם וואוט, האט אונזער דזשאינט באארד באלד זיך גענומען צו דער ארבייט, און אלעס איז פארטיג געווען ארויסצוגעהן אין סטרייק לעצטען מאנטאג, דעם 21טען נאוועמ־בער. אבער לעצטען שבת האט ברודער אמדור, אונזער נייע־ערוועהלטער משיף סלוירק, געהאט אן אינפארמאל קאנפע־רענץ מיט מר. סיימאן קריימער, דעם פרעזידענט פון דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, און עס איז באשלאסען געווארען, אז די מאנופעקטשורערס ווע־לען דערווייל אפהאלטען זייער שריט צו מאכען דעם לאקאוט לעצטען מאנטאג.

אונזער יוניאן האט, אלזא, דערווייל צוריקגעצויגען דעם סטרייק ארדער, און א קאנפערענץ איז ארענזשירט געווארען אויף דיענסטאג, דעם 22טען נאוועמבער, אין קאנטינענטאל האטעל, וואו די פרא־גע וועט נאך אמאל אויפגענומען ווערען. אין דער קאמיטע פון אונזער יוניאן, וועל־כע וועט זיך באטייליגען אין דער קאנ־פערענץ, זיינען: מאקס אמדור, טשער־מאן; מאריס דאמסקי, לואיס בולקין, ל. קלינערמאן, ה. דורדיק, ס. רוטבערג, ה. קאפלאן, עני שווארץ און מ. ווייס.

אונזער יוניאן האט אלעמאל מיט אלע מעגליכקייטען געשטרעבט עס זאל זיין פרידען אין טרייד, און מיר טרייען עס אויך איצט. וועלען אונזערע בעלי־בתים זיך ווייטער איינשפארען און וועל־לען צוריק איינפיהרען די אמאליגע באר־דינגונגען, איז אונזער יוניאן אויף דער וואך און אונזערע מעמבערס זיינען גרייט אויף דעם ערשטען רוף פון דער יוניאן ארויסצוגעהן אין א דזשענעראל סטרייק, און סטרייקען אזוי לאנג ביז זיי וועלען געווינען זייערע גערעכטע פאדערונגען.

* * *

פריינט אמדור קריגט א ווארימע אויפנאהמע.

עס איז שוין דריי יאהר ווי פריינד אמדור האט דורך געוויסע אומשטענדען אונז פארלאזען און, ווי עס ווייזט אויס, האבען אונזערע מעמבערס שטארק גע־בענקט נאך איהם. ער איז דאך צוזאמען מיט אונזער יוניאן אויפגעוואקסען און האט געהאלפען אויפבויען די יוניאן, וועלכע מיר האבען יעצט. און באזונ־דערס יעצט, ווען עס שטעהט אונז פאר א דזשענעראל סטרייק, האבען זיך אונ־זערע מעמבערס געפרעהט וואס מיר ווע־לען ווייטער האבען פריינד אמדור מיט זיך. און דאס האבען זיי דייטליך ארויס־געצייגט ביי דעם לעצטען שאפ־טשער־מאן מיטינג זונטאג אבענד, וועלכער איז געווען איינער פון די שענסטע מיטינ־גען זייט אונזער יוניאן עקזיסטירט. ווען פריינד אמדור האט זיך באוויזען אין האל האט ער געקראגען א גרויסע אווא־ציע.

פריינד אמדור האט געדאנקט די אנוועזענדע, און ערקלערט די לאגע, ווי עס האלט יעצט, און זיין האנדלונג מיט די בעל־הבתים איז איינשטימיג גוטגע־הייסען געווארען. עס איז צו האפען, אז דיזעלבע דיסציפלין, דיזעלבע האנדלונג, דעמזעלבען צוטרויען פון אונזערע מעמ־בערס צו זייערע אפיסערס וועט הערשען אין דער צוקונפט, און נאר דאן, פאראיי־ניגט, וועלען מיר קענען געווינען אונזער גערעכטען פארטיידיגונגס־קאמף.

* * *

די קלאוק־מאנופעקטשורער פון פי־לאדעלפיא, פונקט ווי די ווייסט און דרעס מאנופעקטשורער, קעגען וועלכע עס ווערט אנגעפיהרט א סטרייק שוין זייט פיעלע וואכען, ווערען גאנץ אפען געשטיצט פון „טשיימבער אוו קא־מערס" וועלכער זוכט ארונטערצודריקען די לעבענס־סטענדארדס פון ארגאניזיר־טע ארבייטער. אונטער'ן איינפלוס פון „טשיימבער אוו קאמערס" האט די קלאוק־מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן לעצטע וואך פארעפענטליכט א סטייט־מענט, וועלכער האט די קלאוקמאכער יו־ניאן פארגעשטעלט אין א פאלשער און שלעכטער ליכט און די יוניאן האט, אין דער זעלבער פרעס פארעפענטליכט דעם פאלגענדען ענטפער:

„דער סטייטמענט, וועלכען די קלאוק מאנופעקטשורערס אסס'ן האט ארויסגע־געבען צו דער פרעסע, איז ריכטיג בלויז וואס אנבאלאנגט דער צייט און דעם פלאץ ווען און וואו די קאנפערענץ צווישען דער יוניאן און דער אסס'ן איז געהאלטען געווארען. אלע אנדערע „פאקטען" און באהויפטונגען, וואס ווע־רען אין דעם סטייטמענט געמאכט, זיי־נען אבער גרונד פאלש, און מיר האלטען עס פאר אונזער פליכט און אלס חוב צו דער עפענטליכער מיינונג צו ווידערלע־גען די באהויפטונגען.

„די אסס'ן באהויפטעט, אז דאס וואך־ארבייט סיסטעם איז שולדיג אין דעם, וואס די ביזנעס אין טרייד איז שוואך. דאס האלטען זיי נים פאר נוי־טיג צו באווייזען, גלייך ווי דאס וואלט געווען א זעלבסטפארשטענדליכע זאך, א נאטור־געזעץ. דער אמת איז אבער, אז דער טרייד האט גענומען פאלען נאך דאן, ווען דאס שטיק ארבייט סיסטעם איז געווען אין קראפט. עס איז שוין מעהר ווי איינמאהל באוויזען געווארען, אז שולדיג אין דעם, וואס דער קלאוקס־טרייד איז אין די לעצטע עטליכע יאהר ארונטערגעזונקען, איז ניט דאס וואך־ארבייט סיסטעם, נאר די שלעכטע צייי־טען און אויך די האלזשניידערנדע קאנ־קורענץ, וואס די מאנופעקטשורערס פיה־רען.

„מיר, די אסס'ן, ווייסען, אז מאנכע קלאוק מאנופעקטשורערס אין פילאדעל־פיא האבען פארקלענערט זייערע שעפער נים פאר דער צייט ווען וואך־ארבייט איז געווען אין קראפט, נאר ווען דאס סיס־טעם פון שטיק ארבייט האט נאך גע־הערשט.

„די אסס'ן ערקלערט, אז דאס וואך־ארבייט סיסטעם האט געבראכט גרויסע איבלען אין טרייד, וואס דיזע איבלען זיינען, זאגט די אסס'ן נים. מיר אבער וועלען דער אסס'ן יא זאגען ווענען די איבלען, וואס האבען געהערשט אין טרייד בעת דאס שטיק־ארבייט סיסטעם אין געווען אין קראפט.

„אונטער דעם שטיק־ארבייטס סיס־טעם האט מען טאג איין און טאג אויס געמוזט האבען פרייז־קאמיטעס דאס דינגען זיך ווענען דעם פרייז האט גע־פיהרט צו אפטע סכסוכים און ניט זעל־טען צו סטאפאדזשעס א מאל אויך צו סטרייקס. די מיטגלידער פון די פרייז קאמיטעס וועלכע האבען זיך געוואגט צו שטעלען אויף א געוויסען פרייז, פלעגען שפעטער געשטעלט ווערען אויס'ן שוואר־צען ליסט פון זייערע ארבייטסגעבער. מען פלעגט זיי דריקען און שטיקען מיט דעם, וואס מען האט זיי געגעבען די ערג־סטע סארט ארבייט.

„די אסס'ן דערצעהלט אין איהר סטייטמענט, אז די פארשטעהער פון דער יוניאן האבען פארלאנגט, אז דער אלטער אגרימענט זאל באנייעט ווערען אויף נאך זעקס מאנאטען צייט, אבער קיינע קאנסטרוקטיווע פלענער, ווי אזוי אפצו־שאפען די איבלען פון טרייד האבען זיי ניט פארגעשלאגען. דאס איז ניט ריכ־טיג.

„אונזערע פארשטעהער האבען פאר־געשלאגען, אז דער אגרימענט זאל בא־נייט ווערען פאר נאך זעקס מאנאטען, אבער זיי האבען אויך פארגעשלאגען, אז א קאמיטע פון ביידע צדדים זאל אפאינ־טעט ווערען, וועלכע זאל אויספארשען די איבלען פון טרייד און דאן אויסגעפי־נען א לייזונג צו זיי און וואס דיזע קא־מיטע וועט באשליסען נאך די זעקס מא־נאטען זאלען ביידע צדדים אננעהמען.

„די באהויפטונג, אז די וואך־ארביי־טער גיבען ניט ארויס גענוג ארבייט לויט די ווייג'דזשעס, וואס זיי קריגען, איז פונקט אזוי פאלש, ווי די אנדערע בא־הויפטונגען. דאס איז שוין מעהר ווי איינמאהל באוויזען געווארען מיט פאק־טען און ציפערען.

„דער אמת איז, אז דער איצטיגער סכסוך אין דער קלאוק אינדוסטריע איז א רעזולטאט פון דעם פאלשען גלויבען פון די מאנופעקטשורערס אז איצט איז געקומען די צייט, ווען זיי קאנען דיקטי־רען די באדינגונגען פאר די ארבייטער אין דער אינדוסטריע, זיי גלויבען, אז איצט איז געקומען די צייט, ווען זיי קא־נען געבען דער מעכטיגער קלאוק מיי־קערס יוניאן א טויט־קלאפ, און זיי גריי־טען זיך טאקע פאר פאר דעם. אויב זיי ווילען ווירקליך קריעג, וועלען זיי זיך אין קורצען איבערצייגען, אז די קלאוק מיי־קערס יוניאן איז היינט פונקט אזוי קאמפסלוסטיג און קאמפספעהיג, ווי אלע מאל".

ווען מיר געהען צום פרעס לאזט מען אונז וויסען, דאס דער קאנפערענץ אין פילאדעלפיא ווערט פארטגעזעצט אויך מיטוואך, אין קאנטינענטאל האטעל. דער קאנפערענץ ווערט פארטגעזעצט צווישען סאב־קאמיטעס פון ביידע צדדים. וואס דער רעזולטאט וועט זיין פון די קאנפע־רענצען איז נאך אין דעם מאמענט שווער צו זאגען.

די ערעפענונג פון אינטערניישאנאל ארבייטער אוניווערזיטעט אן ערפאלג

מיט גרויס ערפאלג איז לעצטען שבת אווענט אין וואשינגטאן אירווינג היי־סקול געפייערט געווארען די ערעפענונג פון אונזער אינטערנעשאנאל ארבייטער־אוניווערזיטעט. גלייכצייטיג איז אויך געפייערט געווארען די ערעפענונג פון פינפטען יאהר אינטערנעשאנאל עדיוקיי־שאנאל טעטיגקייט.

וואס איז, דאכט זיך, פינף יאהר? אבער אט די פינף יאהר עדיוקיישאנאל טעטיגקייט פון אונזער אינטערנעשאנאל מאכט אונזער יוניאן פאר די פיאנער־ארגאניזאציע פון אט דער טעטיגקייט אין דער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא — און דאס מיינט שוין גאר א סך. דאס האט שוין פיל צו זאגען. אונזער אינ־טערנעשאנאל באקומט שוין איצטער א סך קרעדיט פאר זיין די ערשטע יוניאן אין לאנד אנצוהויבען א טעטיגקייט אויף דעם עדיוקיישאנאל געביט און וואס ווייי־טער וועט אט דער קרעדיט ווערען אלץ גרעסער. שוין איצטער ווערט גערעדט ווענען דעם אין די געזעלשאפטליכע קריי־זען, וואו מען אינטערעסירט זיך מיט ביל־דונג בכלל, און מיט בילדונג פאר ער־וואקסענע בפרט, און די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט פון אונזער אינטערנעשאנאל ווערט שטארק געלויבט. דאס גלייכען ווערט ווענען דעם געשריבען אין די ערנס־טע אמעריקאנער זשורנאלען, אין „די ניישאן", „ניו רעפאבליק", „די סורוויי" און נאך אנדערע.

אלזא, דער אנפאנג פון אונזער עדיו־קיישאנאל טעטיגקייט דעם סיזאן, איז אויף א גאנץ שעהנעם אופן געפייערט געווארען לעצטען פרייטאג אווענט, אין גרויסען אודיטאריום פון די וואשינגטאן אירווינג היי סקול. דער גרויסער זאל מיט דער באלקאני איז געווען איבערפילט מיט מענשען, מענער און פרויען, די מיט־גלידער פון אונזערע לאקאלס. דער גרוי־סער עולם איז נים נאר געווען אנגעטאן אין יום־טוב'דיגע קליידער, זיי האבען זיך אויך געפיהלט העכסט יום־טוב'דיג. עס איז ביי אלעמען געווען יום־טוב'דיג אויפ'ן הארצען, און זיי האבען פאר־בראכט אן אווענט פון גייסטיגען גענוס.

דער אווענט איז געווען א געראטענער אין אלע הינזיכטען. דער קאנצערט וואס איז צו דער געלעגענהייט געגעבען געווא־רען איז געווען גאנץ געלונגען און דער עולם האט זיך גוט אמוזירט.

די ארטיסטען, דער פידעל־שפילער אסקאר וואסערבערגער, די סאפראנא זינ־גערין מיס ראבאק, און דער באריטאן־זינגער אויגוסט ווערטער, האבען ביים עולם שטארק אויסגענומען און מען האט זיי א סך מאל ארויסגערופען, צו שפילען און צו זינגען נאך און נאך. און די אר־טיסטען האבען דעם עולם צוליב געטאן און געגעבען איין צוגאב נאכ'ן צווייטען, א חוץ דער רעגלער פראגראם. און דער עולם האט זיי ענטוזיאסטיש אויפגענו־מען און הארציג אפלאדירט.

און פונקט אזוי געראטען איז אויך געווען דער אנדערער טייל פון פראגראם פון אווענט, די רעדעס.

דר. פישהענדלער, אונזער עדיוקיי־שאנאל דירעקטאר, איז געווען דער פאר־זיצענדער. גלייך ביים עפענען דעם קאנ־צערט האט ער געהאלטען א קורצע, אבער געלונגענע רעדע, וואס האט די פארזא־מעלטע באלד אריינגעבראכט אין דער יום־טוב'דיגער שטימונג, וועלכע האט אנגעהאלטען דעם גאנצען אווענט. זיינע ווערטער זיינען באגלייט געווארען פון ווארימע אפלאדיסמענטען.

מיט פיל הארציגקייט זיינען אויך אויפגענומען געווארען די נעקסטע צוויי רעדנער, מיס פאניא מ. קאהן, די סעק־רעטערין פון דער אינטערנעשאנאל עד־יוקיישאנאל קאמיטע, און ש. יאנאווסקי, דער רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט". ביידע רעדנער זיינען צו דעם עולם גוט באקאנט דורך זייער טעטיגקייט אין דער יוניאן — פאניא קאהן דורך דער גרוי־סער איבערגעבענהייט צו דער עדיוקיי־שאנאל טעטיגקייט אין דער יוניאן, און יאנאווסקי דורך זיין שרייבען אין אונזער פרעסע, און זיי זיינען ווארים באגריסט געווארען, גלייך ווי דער טשערמאן האט זיי פארגעשטעלט. זייערע רעדעס זיינען געווען העכסט געלונגען און זיי זיינען אויפגענומען געווארען מיט באגייסטע־רונג און ליבשאפט.

נאכ'ן קאנצערט איז א גרויסער טייל פון עולם אראפ אונטען, אין „דשימ־נייזיום" פון דער סקול און מען האט דארט געכאפט א טענצעל אלא יוניטי. מיס סיידי בעקלער, די אפיציעלע פיאנא שפילערין פון די יוניטי הויז, איז גראדע געווען און דאס האט שוין פארענדיגט די שמחה; זי האט געשפילט דעם בא־וואוסטען „ווירדזשיניא ריל" און די אנ־דערע ספעציפישע יוניטי־טענץ און ס'איז געווען פרעהליך.

מיט איין ווארט, עס איז געווען א העכסט געראטענער אווענט אין אלע הינ־זיכטען.

דער מאגען?

עקס־לאקס!